STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08369

HASHISH

Fritz Lemmermayer

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פערלאג „ארבייטער פריינד".

האַשיש

אַן אָריענטאַלישע לעגענדע

פֿון

פריץ לעמערמייער.

איבערזעצט פֿון ר. ראקער.

(אַרויסגעגעבען פֿון דער ליטעראַטור גרופּע.)

לאָנדאָן, מאי, 1911.

„אַרבייטער פֿריינד" דרוקעריי, 163 דזשובילי סטריט, א.

פאָרוואָרט.

„האַשיש" איז איינע פון די וואונדערבאַרע און געהיימניספולע בליהונגען אין דעם רייכען בלומען־קראַנץ פון דער אָריענטאַלישער פאָלקס־פאָעזיע. דער דיכטער פון דער דאָזיגער לעגענדע איז אונ־בעקאַנט; עס איז זאָגאַר מעגליך, אַז עס האַנדעלט זיך דאָ אום אַ דיכטונג פון עטליכע, וועלכע האָט ערשט מיט פיעלע יאָהרען שפעטער געקראָגען אַ בעשטימטע קינסטלערישע פאָרם.

מיר ווייסען אפילו ניט די אייגענטליכע היימאַט פון דער לע־גענדע; מיר בעגעגענען זיך מיט איהר אין דער גאַנצער אָריענטאַ־לישער וועלט פון מאַראָקאָ ביז אינדיען; די אויסערליכע פאָרם איז איבעראַל פערשידען, נאָר דער אינהאַלט איז דערזעלבער. עס איז זאָגאַר זעהר וואַהרשיינליך, אַז דער אייגענטליכער פילאָזאָפישער גרונד־געדאַנק פון „האַשיש" האָט זיך צוערשט ענטוויקעלט אין אינדיען, אין יענעם אור־אַלטען קולטור־לאַנד פול מיט רעטהזעלהאַפטע און געהיימניספולע ערשיינונגען, און אַז די מאָהאַמעדאַנער האָבען זיך ערשט דאָרטען בעקענט מיט איהם, אין דער צייט, ווען זיי האָבען עראָבערט אַ גרויסען טהייל פון'ם לאַנד. נאָר דאָס איז ניט מעהר ווי אַ היפּאָטהעזע.

* * *

דער האַשיש איז אַ גיפטיגע פלאַנצונג, וועלכע שפיעלט אין מאַראָקאָ, טונים, עגיפטען, סיריען, אַראַביען, פערסיען, אינדיען און

סיאַם דיזעלבע ראָלע ווי דער אָפּיום אין טיבעט, כינאַ און יאַפּאַן. די אויבען-דערמאָהנטע פֿעלקער געניסען איהר אויף אַ פֿערשידענעם אַרט: מאַנכע פֿון זיי פֿערמישען דעם האַשיש-זאַפֿט מיט אַנדערע שמעקענדע שטאָפֿען און מאַכען דערפֿון אַלערליי צוקערקעס. נאָר מייסטענטהיילס רויכערט מען דעם האַשיש אַזוי ווי אָפּיום און טאַבאַק.

די ווירקונג פֿון דעם דאָזיגען גענוס איז אַ וואונדערבאַרע. דער האַשיש-רויכער ווערט באַלד פֿער'שכור'ט; זיין גייסט פֿערלאָזט אויף עטליכע שטונדען די פּראָזאַאישע ווירקליכקייט און שוועבט אַריבער אין דאָס פֿער'כשוף'טע לאַנד פֿון פֿאַרביגע, וועלט-פֿערגעסענדע חלומות.

פּאַסיאָנירטע האַשיש-רויכער ווי באָדלעהר, ווערלען און אַנדערע האָבען ערקלערט, אַז די ווירקונג פֿון דעם האַשיש איז פֿיעל ריינער און לעבעדיגער ווי פֿון אָפּיום. איינע פֿון די מערקווירדיגסטע ערשיינונגען, פֿאַר וועלכע עס גיט ביז איצט ניט קיין שום ערקלערונג, איז די וואונדערבאַרע ווירקונג פֿון דעם האַשיש אויף דעם מוזיקאַלישען אינסטינקט פֿון'ם מענשען. דער האַשיש איז דער שעפּפֿער פֿון די „קלינגענדע קאָלירען"; ד. ה. פֿאַר דעם האַשיש-רויכער בעקומט יעדער קאָליר אַ בעשטימטען קלאַנג. ער זעהט ניט בלויז דעם קאָליר, ער הערט איהם אויך מיט זיינע אויערען. די בלויקייט פֿון הימעל, די גרינע בלעטער פֿון די בוימער, די פֿערענדערליכע קאָלירען פֿון ים, דער שיין פֿון דער זונן, דאָס אַלעס פֿערוואַנדעלט זיך ביי איהם אין אַ לעבעדיגען שטראָם פֿון וואונדערבאַרע טענער. ער געניסט די האַרמאָניע פֿון אַ לאַנדשאַפֿט אָדער אַ קונסט-ווערק אויף אַ מוזיקאַלישען אופן, און די האַרמאָנישע פֿעראייניגונג פֿון די קאָלירען רופֿט ביי איהם אַרויס דעם קלאַנג פֿון רוישענדע אַקאָרדען און געהיימניספֿולע מעלאָדיען.

אָבער דער האַשיש-רויכער מוז טהייער בעצאָהלען פֿאַר זיין ליידענשאַפֿט. דאָס טויטליכע גיפֿט טרוקענט איהם אויס דאָס בלוט אין זיינע אָדערן און דעם מאַרך אין די ביינער; זיין גייסט פֿערלירט

די נאַטירליכע לעבענס־קראַפֿט, און זיין קערפּער ווערט אָבגעצערט ווי אַ סקעלעט. נאָר גאַנץ ווייניגע קענען זיך בעפֿרייען פֿון דיזער מורא'דיגער ליידענשאַפֿט. די מייסטע האַשיש־רויכער זיינען פֿער־לאָרענע מענשען. די, וועמענס גייסט עס איז איינמאָל געווען אין יענעם געהיימניספֿולען לאַנד פֿון „קלינגענדע וועלדער" און רוישענדע ימים, ווילען שוין מעהר ניט איבערבייטען די זיסע פֿאָרשטעלונגען פֿון אַ האַשיש־טרוים אויף דער ברוטאַלער ווירקליכקייט פֿון'ם אַל־טעגליכען לעבען. דער האַשיש־רויכער פֿערקויפֿט דאָס לעבען פֿאַר אַ חלום. — — — — — — — — — — — — —

* * *

וואָס אַנבעלאַנגט דעם אינהאַלט פֿון דער לעגענדע נייטיגט זי זיך ניט אין קיינע קאָמענטאַרען. דער לעזער דערקענט לייכט דעם פֿילאָזאָפֿישען פּאַטאַליזם, וועלכער געפֿינט זיין אויסדרוק אין די סימבאָלישע פֿיגורען פֿון יוסף, מאַראַ און זוראַ. עס איז דער אַלטער פּראָבלעם אין אָריענטאַלישע קליידער, דיגרויסע פֿראַגע, וועלכע האָט בעשעפֿטיגט אַלע קולטור־פֿעלקער און פֿון וועמען עסזיינען אַרויסגע־וואַקסען די גרויסע געשטאַלטען פֿון דער וועלט־ליטעראַטור: פֿאַוסט, דאָן כואַן, האַמלעט, דאָן קיכאָט, מעדאַרדוס א.ז.וו. יעדעם פֿאָלק האָט געהאַט זיינע „נירוואַנאַ" און „סאַנסאַראַ"־דיכטער, זיינע פּראָבלעמען פֿון טרוים און ווירקליכקייט. מען קען זאָגאַר רעדען מיט אַ געוויסען רעכט פֿון „נירוואַנאַ"־און „סאַנסאַראַ"־פּעריאָדען אין דער גע־שיכטע.

פֿאַרהאַנען עפּאָכען, ווען דער מענש זוכט צו פֿערגעסען די ווירקליכקייט אום יעדען פּרייז; ער קוקט מיט פֿעראַכטונג אויף אַלע ווינשע, בעדערפֿנישען און האָפֿנונגען פֿון'ם מאַטעריעלען לעבען, און זיין גייסט קאָנצענטרירט זיך כמעט אויסשליסליך אויף די גרויסע רעטענישען פֿון דער אייביגקייט. געוויסע פּעריאָדען אין דער געשיכטע פֿון די אַלטע עגיפּטען, אינדיען און פּערסיען און יענע צוויי מיסטישע יאָהרהונדערטע פֿון'ם אייראָפּעאישען מיטעל־אַלטער פֿערקערפּערן אין זיך דיזע נירוואַנאַ־שטימונג, ווען דער

חלום איז געווען די איינציגע ווירקליכקייט פֿאַר די דיינקער און קינסטלער און דאָס ווירקליכע לעבען אַ העסליכער טרוים.

און עס זיינען געווען אַזעלכע פעריאָדען, ווען די „סאַנסאַראַ", די פֿערקערפערונג פֿון דעם רוישעדיגען, קאָכעדיגען לעבען, האָט פֿערנומען אַלע געדאַנקען און געפֿיהלען פֿון'ם מענשען. דאָס לעבען אין זיינע טויזענדער און מיליאָנען פֿערשידענע פֿאָרמען, מיט זיינע אייביגע קעמפפֿע און פֿערוואַנדלונגען איז געווען דער העכסטער אידעאַל, וועלכער האָט דורכגענומען יעדע נשמה. די מאַהאַוועראַ־פעריאָדע אין אינדיען, די בליהונגס־צייט פֿון דער אַלט־גריעכישער קולטור און די גרויסע היסטאָרישע עראַ פֿון דער רענעסאַנס זיינען געווען סאַנסאַראַ־פעריאָדען אין דער מענשליכער געשיכטע. אין אַזעלכע עפּאָכען בעקומען די חלומות פֿון דער פֿערגאַנגענהייט פֿלייש און בלוט און שעפּֿערישע קראַפֿט און פֿילען אָן די וועלט מיט לעבען, קאַמפּף און טהעטיגקייט.

דער נירוואַנאַ־מענש חלום'ט; דער סאַנסאַראַ־מענש שאַפֿט. ביי דעם ערשטען איז דער וואונש ריין גייסטיג און דער גענוס לייזט זיך אויף אין אַ גאָר נישט. ביי דעם צווייטען איז דער וואונש דער פֿאָטער פֿון דער טהאַט און נעהמט אָן אַ קערפּערליכע פֿאָרם און געשטאַלט — ער לייזט זיך ניט אויף, ער קריסטאַליזירט זיך אין אַ לעבעדיגער שעפּֿונג.

די לעגענדע „האַשיש" האַלט ניט אין גאַנצען אוים די פֿילאָ־זאָפֿישע דעפֿינאַציע פֿון דער „נירוואַנאַ" און „סאַנסאַראַ"; אָבער זי איז שטאַרק בעאיינפֿלוסט פֿון דיזער לעהרע.

אַלי, דער האַשיש־רויכער שטאַרבט אין דעם מאָמענט, ווען דער חלום ענדיגט זיך און ער זעהט די ווירקליכקייט, דעם אידעאַל פֿון וועלכען ער האָט געטרוימט — צולייקאַ, די געטליכע, וואָס האָט זיך געבאָדען אין די קוועלען פֿון אייביגער יוגענד. אָבער ער בעגרייפֿט נאָך דעם גרויסען טעות פֿון זיין לעבען, און די אייביגע ליעבע איז איהם מוחל זיין שוואַכקייט.

עס איז דערזועלבער טיעפער געדאַנק, מיט וועמען מיר בעגעגענען זיך אין דער ליטעראַטור פון אַלע לענדער און פעלקער, דערזועלבער אַלטער געדאַנק, וועלכער איז אין דערזועלבער צייט אייביג נײַ און פריש, אַזוי ווי דער יונגער טאָג, וועלכער ברעכט זיך דורך אַ וועג דורך די פינסטערניש פון דער נאַכט — אַן אייביגער סימבאָל פון די גרויסע ווערטער:

„אין אָנפאַנג איז געווען די טהאַט!"

ר. ר.

האשיש.

I.

דער ליעבעס־בונד.

אין דעם לאַנד אַלזשעריאַ, צווישען די בערג פֿון סבאַך, ביים ברעג פֿון'ם טייך מוריר, האָט געלעבט מיט פֿיעלע יאָהרען צוריק אַ מאַן פֿון עדעלער געבורט, וועלכער איז וויט און ברייט בעקאַנט געוועזען וועגען זיין חכמה און קלוגשאַפֿט. מען האָט איהם גערופֿען אַקבאַר, ער האָט בעלאַנגט צום שטאַם פֿון די קאַבילען, אַ שטאַרקעס, מוטהיגעס, אונאַבהייננגיגעס און פֿרייהייט־ליבענדעס פֿאָלק, וועלכעס האָט געלעבט צווישען די בערג אונטער דער פֿיהרונג פֿון אַן אייגענעם הויפּטלינג. אַקבאַר איז געוועזען אַזוי בעליעבט און אַנגעזעהן ביי זיינע שטאַם־גענאָסען, אַז זיי האָבען איהם איינשטימיג אויסגעקליבען פֿאַר זייער פֿיהרער. לאַנגע יאָהרען האָט ער פֿערנומען דיזע פֿעראַנטוואָרטליכע שטעלונג, און אַלע האָבען איהם געליעבט און רעספּעקטירט פֿאַר זיין גוטסקייט און גערעכטיגקייט; ער האָט קיינמאָל ניט מיסברויכט זיין מאַכט, און אַלע שטרייטיגקייטען, וואָס האָבען זיך געמאַכט, איז ער געוועזען אַ גערעכטער און קלוגער ריכטער און שטענדיג האָט ער געהאַט אַן אָפֿענע האַנד פֿאַר זיינע ליידענדע מיטמענשען. זיין אָפֿענער און קלוגער כאַראַקטער איז אַזוי אַלגעמיין בעקאַנט געוועזען, אַז זאָגאַר דער גובערנאַטאָר פֿון אָראַן, אַ שטאָלצער שפּאַנישער אַריסטאָקראַט, האָט אָפֿטמאָל געפֿרעגט ביי איהם אַן עצה, ווען ער האָט געדאַרפֿט ענטשיידען אַ שווערע פֿראַגע.

אין אַ שעהנעם פֿריהלינגס־טאָג האָט קאַיד מיהראַב, דער הויפּטלינג פֿון אַן אַנגעזעהענעם אַראַבישען פֿאָלקס־שטאַם, אַקבאַר

געמאַכט אַ וויזיט. אַקבאַר האָט דעם טהייערען גאַסט בעגריסט מיט הערצליכער פריינדשאַפט און האָט איהם גאַסטפריינדליך אָנגע־באָטען אַלע בעקוועמליכקייטען פון זיין הויז. נאָכדעם ווי דיביידע מענער האָבען זיך בעגריסט איינער דעם אַנדערן, האָט אַקבאַר איינגעלאַדען מיהראַב זיך צו זעצען. קאַיד מיהראַב האָט זיך אַוועק־געזעצט אויף אַ קאָסטבאַרען פערזישען דיוואַן, וואַרפענדיג אַ צופרי־דענעם בליק אויף דעם בעל הבית.

„וואָס פאַר אַ גליקליכען צופאַל האָב איך דאָס צו פערדאַנקען דעם כבוד, אַז קאַיד מיהראַב איז געקומען צו מיר צו גאַסט?" האָט אַקבאַר נייגיריג געפרעגט. „דו ביזט אַזאַ זעלטענער גאַסט, אַז נור אַן אויסערגעוועהנליכער צופאַל האָט דיך געקענט צו מיר ברייגנען. איך האָף, אַז עס איז אַ גליקליכער צופאַל, דען איך דערקען דאָס אין דיין פרעהליכען געזיכט, מיין טייערער, אַלטער פריינד."

קאַיד מיהראַב האָט זיך אויסגעגלעט די גרויע באָרד מיט אַ צופרידענעם שמייכעל און האָט געענטפערט: „דו האָסט גוט גע־טראָפען אמין אַקבאַר, עס איז טאַקע אַ גליקליכער צופאַל, וואָס מיך אַהערגעבראַכט, גליקליך — אַזוי האָף און ווינש איך פון מיין טיפען האַרצען—גליקליך פאַר אונז ביידע און פאַר נאָך אימעצען; אָבער עס וואונדערט מיך, דאָס אַ חכם ווי דו זאָל ניט טרעפען, נאָך וואָס איך בין געקומען?" האָט קאַיד מיהראַב געענדיגט זיינע רייד מיט אַ ביטרען שמייכעל.

„איך ווייס פון קיין זאַך ניט, ליעבער פריינד," האָט אַקבאַר געענטפערט, און אויס דעם קלאַנג פון זיינע ווערטער האָט מען געקענט אַרויספיהלען, אַז ער איז ווירקליך איבעראַשט געווען.

„גוט, אויב דו ווייסט עס ניט, וועל איך דיר דערצעהלען אַ קליינע געשיכטע," האָט קאַיד מיהראַב ווייטער אָנגעהויבען ריידען.

„אַ געשיכטע?" האָט אַקבאַר געפרעגט, „נו, לאָמיך שוין הערען, איך בין אַ גרויסער פריינד פון אינטערעסאַנטע מעשה'לאַך."

און קאַיד מיהראַב האָט אָנגעהויבען דערצעהלען:

„דאָרטען ביי די אַראַבער לעבט אַ שעהן מיידעל, אַ גוטע, אַ קלוגע פֿון עדעלער געבורט. זי איז די איינציגע טאָכטער פֿון איהר אַלטען פֿאָטער, וועלכער האָט איהר ליעב ווי דאָס ליכט פֿון זיינע אויגען. אין גרויסע, שעהנע גערטנער פֿערברייננגט זי איהר יוגענד מיט אונשולדיגע שפּילען און די וועלט, מיט אַלע איהרע קעמפּפֿע און געפֿאַהרען, האָט זי ביז איצט נור געזעהן אין ביכער און ערצעהלונגען. די טרייע דינערין שעהירעצאַדע דערצעהלט איהר לעגענדען פֿון ווייטע לענדער און פֿרעמדע פֿעלקער, לעגענדען פֿול מיט העלדענטהאַטען, קאַמפּף און ליעבע. און דאָס מיידעל הערט זיך צו מיט בלישטשענדע אויגען, דען די וואונדערבאַרע ערצעהלונגען מאַכען אַ טיפֿען איינדרוק אויף איהר רייכע, פֿאַנטאַזיע. אָבער זי האָט אויך אַ מוטהיגען כאַראַקטער און איהר קינדליכער גייסט, דערפֿרעהט זיך מיט די העלדען־טהאַטען פֿון די בראַווע, יונגע מענער, וואָס קומען פֿאָר אין די ערצעהלונגען און געשיכטען פֿון דער אַלטער דינערין. איינמאָל האָט זיך געמאַכט אַ צופֿאַל און זי האָט זיך ווירקליך בעקענט מיט אַ אינגלינג, אַן עדעלען, מוטהיגען יונגען מאַן, וועלכער איז אָפֿט געקומען אין איהר פֿאָטער'ס הויז, ווען ער איז געגאַנגען אויף דער יאַגד.“

ביי דיזע ווערטער האָט זיך קאַיד מיהראַב פּלוצלונג אָבגעשטעלט. „נו, און וואָס איז ווייטער?“ האָט אַקבאַר נייגיריג געפֿרעגט, דען די געשיכטע האָט איהם אָנגעהויבען פֿעראינטערעסירען.

„אייגענטליך האָב איך שוין געענדיגט,“ האָט קאַיד מיהראַב געענטפֿערט, „דען מיין געשיכטע איז זעהר איינפֿאַך, אַזוי ווי אַלע ליעבעס־געשיכטען. דיביידע יונגע און שעהנע מענשען, אמת'ע צירונגען פֿון דער נאַטור, ליעבען זיך איינע די אַנדערע מיט אַ הייסער, ברענענדיגער ליעבע און ווילען זיך פֿעראייניגען אום יעדען פּרייז. אָבער צו וואָס דאַרף איך אַזוי פֿיעל ריידען! דאָס מיידעל איז מיין טאָכטער צולייקאַ און דער אינגלינג איז קיין אַנדערער ווי דיין זוהן אַלי.“

אין אַקבאַר'ס פּנים האָט זיך בעוויזען אַ שטראַהל פֿון גליק;

ער האָט ניט גערעדט קיין וואָרט און זיינע אויגען האָבען טרויעריש געקוקט אין דער וויטען; אָבער קאַיד מיהראַב האָט באַלד אונטערגעבראָכען דעם שטילשווייגען מיט די ווערטער: „נו, זאָג אַליין, איז מיין געשיכטע געווען אַ גוטע אָדער ניט?"

„דו האָסט מיך איבערראַשט," האָט אַקבאַר שטיל געענטפערט. „פריהער פון אַלעס מוז איך דיר דאַנקען פאַר די פריינדליכע ווערטער און די גוטע מיינונג, וועלכע דו האָסט וועגען מיין זוהן אַלי, און לאָמיך דיר אָפען זאָגען, ער האָט עס פערדינט. דיינק ניט, אַז איך האָב מיר צופיעל איינגערעדט וועגען איהם, נאָר איך קען מיין זוהן און וויים איהם ווי צו שעצען. ער איז מיין איינציג קינד, דאָס טהייערסטע, וואָס איך האָב אויף דער וועלט און איך ווינש פון מיין טיעפען האַרצען, אַז ער זאָל זיין גליקליך — — — —"

„און איך בין אַהערגעקומען איהם דאָס גליק צו ברייגנען!" האָט מיהראַב איבערגעשלאָגען אַקבאַר'ס רייד. „אויך איך האָב נאָר אַן איינציג קינד — צולייקאַ איז די צירונג פון מיין הויז, די איינציגע פרייד פון מיינע אַלטע יאָהרען. איך שווער דיר ביי די גרויע באָרד פון דעם הייליגען נביא, אַז עס וועט מיר ניט אָנקומען לייכט איהר אַוועקצולאָזען פון מיין הויז, און איך האָב זיך גוט איבערגעדיינקט, איידער איך האָב זיך בעשלאָסען. דו ווייסט אַליין זעהר גוט, דאָס איך בין ניט קיין לייכטזיניגער, קיין ווינד־מענש; איך האָב פרובירט זייער ביידענס הערצער און איך האָב אויסגעפונען, אַז זיי פאַסען זיך איינער צום אַנדערן און מיר זיינען ניט אימשטאַנד זיי צו צושיידען. דערפאַר בין איך דאָס געקומען צו בעטען דיין וואָרט פאַר דער פעראייניגונג פון אונזערע קינדער. עס מאַכט ניט אויס, וואָס מיר האַלטען ניט דעם מנהג: אַנשטאָט וואָס דו וואָלסט אייגענטליך געדאַרפט קומען צו מיר און בעטען פאַר אַלי די האַנד פון מיין טאָכטער, בין איך גאָר געקומען צו דיר. זיי האָבען מיך געבעטען, איך זאָל זיי בענטשען; איך האָב עס געטהאָן; איצטער פערלאַנג איך דאָסזעלבע פון דיר, מיין טהייערער, אַלטער

פֿריינד. אַלי אַליין האָט מיך געבעטען צו ריידען מיט דיר, ווייל ער האָט ניט דאָס האַרץ דיר אַליין צו זאָגען.

„דאָס איז אַלזאָ די אורזאַכע, פֿאַר וואָס ער האָט אַזוי מאָדנע אויסגעזעהן די גאַנצע צייט; האָט אַמין אַקבאַר געזאָגט. „ער איז אַרומגעגאַנגען פֿערטראַכטערהייט, האָט גערעדט צו זיך אַליין און געהאַלטען אין איין זיפֿצען. ווען איך האָב איהם געפֿרעגט, וואָס איהם איז, האָט ער מיר געענטפֿערט, אַז עס פֿעהלט איהם ניט קיין זאַך. ער איז עפּעס געגאַנגען אויף דער יאַגד ווי געוועהנליך און האָט געזוכט די איינזאַמקייט. איך האָב מיר שוין אָנגעהויבען זאָרגען, אַז ער וועט קראַנק ווערען, און היינט דערצעהלסט דו מיר נאָר, אַז זיין קראַנקהייט רופֿט זיך ליעבע.״

„דאַן גיב שוין דיין הסכמה,״ האָט קאַיד מיהראַב אונגעדולדיג איבערגעשלאָגען זיין פֿריינד׳ס רייד.

„איך וועל זיך צוערשט איבערלייגען, דען—״

„וואָס? איך וויל ניט האָפֿען, אַז דו האָסט עפּעס אויסצוזעצען געגען מיר אָדער מיין טאָכטער—״

„חס וחלילה! מיין טהייערער גאַסט; אָבער פֿערגעס ניט, אַז אַלי איז אַ קאַביל און צוליקאַ אַן אַראַבער־מיידעל. און אַזאַ פֿערבינדונג איז געגען די אַלטע מנהגים.״

„איך פֿערשטעה דיר ניט, אַקבאַר, פֿערטראָגען זיך אונזערע פֿעלקער אפשר ניט גוט צוזאַמען? מיר האָבען שטענדיג געלעבט אין פֿריעדען איינע מיט די אַנדערע, העכסטענס וואָס עס האָט זיך אַמאָל געמאַכט אַ קריגעריי צווישען אונזערע פּאַסטוכער—״

„און דאָך איז אַזאַ פֿערבינדונג געגען די אַלטע מנהגים פֿון אונזערע פֿעלקער.״

„וואָס מיר מנהגים! ווילסט דו מאַכען פֿון זיי אַ מענשען־פֿרעסענדען געץ?״

„דו פֿעראַכטעסט די אַלטע זיטען און געוואוינהייטען!״

„ניט ריכטיג, נאָר איך גלויב ניט, אַז אַ צופֿעליגע געוואוינהייט זאָל דאַרפֿען פֿערשקלאַפֿען אונזערע געפֿיהלען.״

„דיזע מנהגים זיינען קיינע צופעליגע; זיי זיינען הייליג דורך די טראַדיציאָנען פון הונדערטער און הונדערטער יאָהרען!"

„אָבער די ליעבע איז נאָך הייליגער!"

„אַפילו ווען זי איז געגען די אַלטע מנהגים און געזעצע?"

„די געזעצע פון דער ליעבע זיינען נאָך פיעל עלטער."

„אָבער פערגעס ניט, אַז די ליעבע מאַכט אונז אָפטמאָל בלינד."

„אָפטמאָל טרעפט עס אויך, אַז די ליעבע מאַכט בלינדע זעהעדיג."

„איך זעה שוין, אַז איך קען היינט ניט פאַרטיג ווערען מיט דיר."

„און איך דערקען היינט ניט דעם קלוגען, אַמין אַקבאַר, וואָס לאַכט זיך אויס פון אַלטע פאָראורטהיילען."

„איך האָב שטאַרק מורא, אַז די פעראייניגונג צווישען אַ קאַביל מיט אַן אַראַבערקע וועט אונז ברייננגען אונגליק."

„דאָס גרעסטע אונגליק וואָלט געווען, ווען מיר זאָלען פונאַנדערשיידען, וואָס די ליעבע האָט פעראייניגט. ניין, ליעבער פריינד, לאָמיר ניט צושטערען אונזער גליק און דאָס גליק פון אונזערע קינדער, צוליעב טויטע פאָרמען און בוכשטאַבען. דאָס שיקזאַל האָט אָבגעגעבען זיין אורטהייל. אַלי און צולייקאַ זיינען בעשטימט איינער פאַר די אַנדערע. לאָמיר ניט זינדיגען געגען די אונזיכטבאַרע מאַכט פון'ם שיקזאַל, כדי מיר זאָלען ניט זיין די פעראורזאַכער פון ביטערע ליידען און שמערצען."

אַקבאַר האָט געפיהלט אַן אינערליכען שמערץ; זיין פערשטאַנד האָט געקעמפפט מיט זיינע געפיהלען. ער האָט געליעבט זיין זוהן, ער האָט אויך פערשטאַנען, אַז עס וועט זיין אונמעגליך איהם אָבצוריידען פון צולייקאַ. און נאָך אַ קורצען שטילשווייגען האָט ער געזאָגט צו מיהראַב:

„דו ביזט גערעכט. דער פערשטאַנד איז אונמעכטיג געגען די ליידענשאַפטליכע מאַכט פון די געפיהלען. דעם אמת זאָגענדיג, וואָלט איך פאַר אַלי איבערהויפט ניט געקענט געפינען קיין בעסערע פרוי ווי דיין טאָכטער צולייקאַ. דערפאַר וויל איך אויך ניט

פֿערהינדערן זייער פֿעראייניגונג. עס איז געפֿעהרליך, ווען דער מענש אונטערנעהמט זיך צו שפּיעלען די ראָלע פֿון דעם שיקזאַל. פֿון דעססטוועגען בעהאַלט זיך אין מיין נשמה אַ מורא'דיגעם געפֿיהל, וואָס רויבט מיר אַוועק מיין גאַנצע פֿרייד. עס שטעלט זיך מיר פֿאָר, אַז מיינע אויגען דערזעהען די פֿינסטערע שאָטענס פֿון דער צוקונפֿט."

„און איך זעה בלויז ליכט! האָט קאַיד מיהראַב געזאָגט מיט פֿרעהליכקייט." גיב מיר דיין האַנד, אַלטער פֿריינד; זאָלען זיי ביידע געזונד זיין און גליקליך."

„אָט איז מיין האַנד, מיין טהייערער, ליעבער גאַסט, און לאָמיר האָפֿען, אַז דער אויבערשטער וועט זיך ניט אָבקעהרען פֿון אונזערע קינדער," האָט אַקבאַר געזאָגט ערענסט און פֿייערליך. און די ביידע אַלטע מענער האָבען זיך איינער דעם אַנדערען אַריינגעקוקט אין די אויגען און שטאַרק געדריקט די הענד — — —

„איצט לאָמיר שפּיעלען אַ שאַך!" האָט קאַיד מיהראַב פֿאָרגעשלאָגען; „פֿערשטעהט זיך, אויב דו ביזט אויפֿגעלעגט דערצו."

„דערצו בין איך שטענדיג אויפֿגעלעגט," האָט אַקבאַר געענטפֿערט.

„פֿאַר מיר איז עס דער גרעסטער פֿערגניגען צו שפּיעלען מיט דיר אַ שאַך", האָט מיהראַב פֿריינדליך געשמייכעלט; „דו ביזט אַ קינסטלער, און מען קען שטענדיג עפּעס לערנען פֿון דיר."

אַמין אַקבאַר איז געגאַנגען מיט זיין גאַסט אין אַן אַנדער צימער. אויף אַ קליינעם געשניצטען טישעל איז געשטאַנען אַ שאַך־שפּיעל מיט קאָסטבאַרע פֿיגורען פֿון עלפֿענביין. ביידע מענער האָבען זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ פּראַכטפֿאָלען דיוואַן; קאַיד מיהראַב האָט דעם ערשטען ציה געטהאָן און ביידע האָבען זיך פֿערטיעפֿט מיט דער גרעסטער אויפֿמערקזאַמקייט אין זייער שפּיעל. מיהראַב איז געווען אַ מערקווירדיגער שפּיעלער; ער האָט זיין געגנער זעהר אָפֿט איבערראַשט מיט אונגעריכטע אַטאַקען, וועלכע זיינען געווען געגען יעדע רעגעל, אָבער דאָך אָריגינעל און

מאַנכעסמאָל זאָגאַר געניאַל. אַקבאַר איז געווען שאַרפזיניגער און טיעפער אין זיין שפיעל; זיינע קאָמבינאַציעס זיינען געווען מעהר טאַקטיש און איבערלייגט. אָבער דאָס מאָהל האָט ער ניט אַם בעסטען געשפּיעלט; זיין שאַרפער גייסט איז היינט ניט געווען אַזוי פריי און זיכער ווי געוועהנליך. דערפאַר האָט ער אויסגעלאָזט מאַנכע גוטע געלעגענהייט, וואָס ער וואָלט אַן אַנדערש מאָל געווים ניט געטהאָן.

„דיינע געדאַנקען זיינען היינט ניט ביים שפיעל," האָט איהם מיהראַב געוואָרענט. „זיי פאָרזיכטיג, דיין טהורם איז אין געפאַהר און דיין קעניגין איז ניט גענוג בעשיצט."

„דאָס מאַכט ניט אויס!" האָט אַקבאַר געענטפערט, „איך וועל איהר פערטהיידיגען מיט דעם לויפער."

„אויב דו ווילסט ברייגגען דיין קעניג אין געפאַהר, מעגסט דו עס טהאָן."

ביידע זיינען ווידער אַנטשוויגען געוואָרען. פון צייט צו צייט האָט אַקבאַר אויסגעגלעט זיין לאַנגע ווייסע באָרד און אַ קוק געטהאָן דורך'ן פענסטער, אַקוראַט, ווי ער וואָלט אימעצען ערוואַרטעט.

דאָס שפיעל האָט שוין אָנגעהאַלטען איבער אַ שטונדע. אַמאָל האָט זיך אויסגעוויזען, אַז אַקבאַר וועט זיגען, אַן אַנדערש מאָל זיינען די אויסזיכטען פאַר מיהראַב געווען בעסער, ביז ענדליך דער לעצטער האָט בעקומען די אויבערהאַנד.

„זיי פאָרזיכטיג!" האָט מיהראַב ווידער אָנגעהויבען ריידען. „וואו האָסט דו היינט דיינע געדאַנקען?—שאַך דעם קעניג!"

„ס'איז נאָך דאָ אַן אויסוועג!" האָט אַקבאַר געענטפערט מיט אַ שמייכעל, — מאַכענדיג אַ ציה מיט'ן פערדעל.

„און נאָך אַמאָל שאַך! דו ביזט פערלאָרען, מיין פריינד!"

„לאָמיך זעהן, ווי אַזוי? — ווירקליך! דו ביזט גערעכט! נאָך פינף גענג, און דאָס שפיעל האָט זיך געענדיגט. דו האָסט מיך היינט צוויי מאָל בעזיעגט — נו, לאָז שוין זיין גענוג פאַר היינט,"

האָט אַקבאַר געזאָגט מיט אַ פֿריינדליכער שטימע און האָט זיך לאַנגזאַם אויפֿגעהויבען פֿון דיוואַן. פּלוצלונג האָט ער געוויזען מיט דער האַנד אויף'ן פֿענסטער און האָט געזאָגט: „זעה נאָר, מיהראַב, דאָרט קומט מיין זוהן."

די ביידע אַלטע זיינען צוגעגאַנגען צום פֿענסטער און האָבען געקוקט אויף אַלי'ן, וועלכער איז גראָד וואָס צוריקגעקומען פֿון דער יאַגד. ער האָט געריטען אויף אַ יונגען פֿייעריגען אַראַבער־פֿערד און צוויי פּראַכטפֿאָלע הינט זיינען פֿרעהליך בילענדיג געלאָפֿען הינטער איהם. דער יונגער קאַביל איז געווען אַן אויסגעצייכענטער רייטער; ער איז געזעסען אויף זיין פֿערד, פּונקט ווי ער וואָלט געווען צוגעוואַקסען צו איהם, און יעדע בעוועגונג זיינע איז געווען שטאָלץ און קרעפֿטיג, ווי פֿון אַ מאַן, וועלכער האָט דעם בעוואוסטזיין פֿון זיין מאַכט. ווען ער איז געקומען צוגעקומען צום הויז, האָט ער זיין פֿערד געלאָזט געהען לאַנגזאַמער און האָט איהם גוטמוטהיג געגלעט דעם וואונדערבאַרען האַלז. שטאָלץ ווי אַ קעניג איז אַלי געזעסען אויף'ן זאָטעל, און ווען ער איז אַראָנטער געשפּרונגען פֿון זיין פֿערד, איז זיין פֿאָטער שנעל צוריקגעטראָטען פֿון פֿענסטער אום זיין גאַסט זאָל בעסער קענען געניסען דאָס הערליכע בילד. אַקבאַר האָט געקוקט אויף מיהראַב מיט שטראַלענדע אויגען, פּונקט ווי ער וואָלט געוואָלט זאָגען צו איהם: קוק איהם נאָר אָן, דאָס איז מיין זוהן! דו קענסט לאַנג זוכען, איידער דו וועסט געפֿינען אַ יונגען מאַן פֿון זיין גלייכען.

קאַיד מיהראַב האָט בעטראַכט זיין צוקונפֿטיגען איידים מיט אַ צופֿריעדענעם שמייכעל. אַלי איז געשטאַנען פֿאַר'ן הויז און האָט צערטליך געגלעט דעם האַלז פֿון זיין פֿערד, ביז וואַנען אַ דינער האָט עס אַוועקגעפֿיהרט. אַ צווייטער דינער האָט צוגענומען די הינט, וועלכע זיינען אַרומגעשפּרונגען אַרום דעם יונגען מאַן, אום צו בעקומען פֿון איהם אַ בעווייז פֿון זיין צופֿריעדענהייט. נאָכדעם ווי אַלע זיינען בעזאָרגט געוואָרען, איז אַלי שנעל אַוועקגעגאַנגען. די ביידע אַלטע האָבען איהם נאָכגעקוקט מיט פֿריינדליכע בליקען

און מיט אַן אינערליכער בעוואונדערונג. ער איז געווען שלאַנק און שטאַרק געוואַקסען ווי אַ פּאַלמען־בוים, זיין געזיכט איז געווען רויט און פריש ווי די רויזען פון דעם יונגען פריהלינג. פון יעדער בעוועגונג זיינער האָט מען אַרויסגעזעהען די פייערדיגע קראַפט פון דער יוגענד. אַלי איז געווען אַ קלוגער, זעלבסט־בעוואוסטער כאַראַקטער מיט אַ שטאַרקען ווילען און אַ העלדישער ענערגיע. זיין בעסטער פערגניגען איז געווען די לייבען־יאַגד אָדער אַנדערע געפּעהרליכע טהאַטען, וועלכע האָבען געפאָדערט מוטה און קראַפט. ער האָט געמאַכט עטליכע לענגערע רייזען אין דעם לאַנד פון די קאַבילען און אַראַבער, אום צו בערייכערן זיין וויסען דורך פראַקטישע ער־פאַהרונגען. אַזוי האָט ער זיךענטוויקעלט אַלס אינגלינג און איז געוואָרען אַ שעהנער, קרעפטיגער מאַן, וועלכער האָט צוגעצויגען די הערצער פון די פרויען דורך די יונגע קראַפט פון זיין מענליכער ערשיינונג. זיי האָבען איהם נאָכגעקוקט, איבעראַל, וואו זיי האָבען איהם דערזעהן, אָבער ער איז געבליבען קאַלט און גלייכגילטיג צו זיי, ביז וואַנען צולייקאַ האָט אויפגעוועקט די מענליכע ליידענשאַפט אין זיינע געפיהלען. פון דאַמאָלס אָן האָט ער נאָר געהאַט איין וואונש, נאָר איין פערלאַנג — איהר צו בעזיצען. די ליעבע האָט זיך פּלוצלונג אַזוי מעכטיג ענטוויקעלט אין זיין נשמה, אַז ער וואָלט אויפגעאָפּפערט זיין גאַנצעס לעבען, אום נאָר צו בעזיצען די סימ־פּאַטהיע פון דער שעהנער אַראַבערקע, וועלכע ער האָט געליעבט מיט דער גאַנצער קראַפט און ליידענשאַפטליכקייט פון דער ערשטער ליעבע.

„דער שעהנסטער מאַן וועט בעקומען די שעהנסטע פרוי" האָט דער אַלטער קאַיד מיהראַב שטיל געמורמעלט און איז אָבגעטראָטען פון פענסטער, ערוואַרטענדיג דעם יונגען מאַן מיט אונגעדולד, כדי ער זאָל איהם קענען איבערגעבען די פרעהליכע בשורה, אַז זיין פאָטער האָט געבענטשט זיין פערבינדונג מיט צולייקאַ.

מיט אַ ווײלע שפּעטער איז אַלי אַריינגעקומען אין צימער, אום צו בעגריסען זיין אַלטען פאָטער. קאַיד מיהראַב האָט זיך

בעהאַלטען הינטער אַ גרויסען פֿאָרהאַנג. אַקבאַר האָט זיין זוהן צערטליך געקושט, דערנאָך האָט ער איהם אָנגענומען ביי דער האַנד, האָט איהם צוגעפֿיהרט אויף דעם פּלאַץ, וואו דער אַלטער מיהראַב האָט זיך בעהאַלטען און האָט געזאָגט: „נו, אַלי, בעגריס שוין דיין כלה'ס פֿאָטער."

אַלי האָט ניט געפֿונען קיין ווערטער, אַזוי שטאַרק איז געווען דער איינדרוק פֿון דיזער פֿרעהליכער בשורה. זיין פֿייערדיגער בליק האָט זיך געוואָרפֿען פֿון זיין פֿאָטער אויף דעם אַלטען מיהראַב און פֿון דעם אַלטען מיהראַב אויף זיין פֿאָטער, אַקוראַט ווי ער וואָלט געוואָלט אָבלייזען פֿון זייערע פּנים'ער זייערע בעהאַלטענסטע געדאַנקען. פּלוצלונג האָט ער אַרומגענומען זיין אַלטען פֿאָטער מיט זיינע שטאַרקע יונגע אָרעמס און האָט בעדעקט זיינע ליפּען מיט הייסע, דאַנקבאַרע קושען.

„מיין אַלטער פֿריינד מיהראַב האָט מיר שוין דערצעהלט פֿון דיין ליעבע, וואָס דו האָסט פֿאַר מיר בעהאַלטען, מיין זוהן," האָט דער אַלטער מאַן געזאָגט מיט אַ צערטליכען טאָן, און זיין שטימע האָט געציטערט פֿון אינערליכער אויפֿרעגונג. „נעהם דיר צוליקאַ, זיי גליקליך מיט איהר און דער אַלמעכטיגער אַללאַה זאָל אייך בעשיצען, מיינע קינדער." מיט דיזע ווערטער האָט ער אַרויפֿגעלייגט זיינע הענד אויף זיין זוהן'ס קאָפּ און האָט איהם געבענטשט.

II.

די געשיכטע פון די וואונדערבארע קוועלען.

אין דערזועלבער צייט, ווען דיביידע אַלטע האָבען זיך דורכ־גערעדט וועגען דער צוקונפֿט פֿון זייערע קינדער, האָט צולייקאַ מיט דער טרייער דינערין מירצאַ פֿערבראַכט אין איהר פֿאָטער'ס גאָרטען. זי האָט געוואוסט, אַז דער אַלטער איז אַוועקגעגאַנגען, אָבער ער האָט איהר ניט געזאָגט וואוהין, כדי ער זאָל איהר קענען איבערראַשען מיט דער פֿרעהליכער בשורה.

מירצאַ האָט איהר דערצעהלט וואונדערבאַרע געשיכטען פֿון ווייטע לענדער און גרויסע העלדען. אָבער צולייקאַ האָט זיך היינט גאַנץ ווייניג אינטערעסירט פֿאַר איהרע ערצעהלונגען. זינט אַלי האָט איהר בעקאַנט געמאַכט מיט די ווירקליכע ערשיינונגען און געפֿאַהרען פֿון'ם לעבען, זינט ער האָט איהר דערצעהלט פֿון זיינע אייגענע טהאַטען און ערלעבניסען, האָבען די וואונדערבאַרע ערצעה־לונגען און לעגענדען פֿון דער טרייער דינערין ניט מעהר געמאַכט דעם זעלבען איינדרוק אויף איהר ווי בעפֿאָר. אויך איצט זיינען איהרע געדאַנקען בעשעפֿטיגט געווען מיט דעם געליעבטען און אין איהרע טיעפֿע, וואונדערבאַרע אויגען האָט זיך אָבגעשפּיגעלט דאָס געהיימניספֿאָלע גליק פֿון דער ערשטער ליעבע. די צוקונפֿט האָט זיך איהר פֿאָרגעשטעלט ווי אַ שעהנע, רייצענדע לאַנדשאַפֿט, וואו זי וועט פֿערברייננגען איהר יונג לעבען מיט אַלי — זיסע, געהיימ־ניספֿאָלע שטונדען, פֿול מיט ליעבע און זאָנענשיין. עס איז איהר געווען אַזוי גוט אויף'ן האַרצען ווי קיינמאָל בעפֿאָר. אַלע סטרונעס פֿון איהר קינדליכער נשמה האָבען געקלונגען ווי דאָס פֿער'חלום'טע

ליעד פֿון דער נאַכטיגאַל. פּלוצלונג האָט זי איבערגעשלאָגען די רייד פֿון דער דינערין און האָט געזאָגט:

„מירצאַ, זאָג מיר, האָסט דו ווען עס איז געפֿיהלט דאָס גליק פֿון ליעבע? אַך, ניין, דו ביזט קיינמאָל ניט געוועזן אַזוי גליקליך! אָבער איך, מירצאַ, איך ווייס, וואָס עס מיינט צו ליעבען. ליעבען מיינט אַוועקגעבען אַלעס, אום אַלעס צו בעקומען. און איך בין פֿערליעבט; אַלי איז מיין געליעבטער. מיט זיינע הייסע ווערטער פֿול מיט ליעבע און בענקעניש האָט ער געוואונען מיין האַרץ און מיט זיינע הערליכע ליעדער האָט ער בעצויבערט מיין נשמה. ווען ער האָט מיך צום ערשטען מאָל גערופֿען זיין געליעבטע, און מיר אַרומגענומען מיט זיינע שטאַרקע אָרעמס; ווען איך האָב דעם ערשטען מאָל דערפֿיהלט זיין קוש אויף מיינע ליפּען, האָב איך געפֿיהלט, אַזוי ווי איך וואָלט איינגעאַטעמט פֿייער, אַ געהיימניספֿאָלע שטימונג — האַלב גליק, האַלב מורא — האָט דורכגענומען מיין נשמה, איך האָב פֿערמאַכט די אויגען און די קראַפֿט פֿון מיין ווילען איז בעזיעגט געוואָרען פֿון דער ליידענשאַפֿטליכער ליעבע. איך האָב פֿערגעסען די גאַנצע וועלט, נאָר איין געדאַנק האָט געלעבט אין מיינע פֿאָרשטעלונגען: ער איז מיין, איך בין זיין, זיין אויף אייביג. אַך, איך בין אַזוי גליקליך, מירצאַ, אַזוי אונבעשרייבליך גליקליך! עס זעהט מיר אויס, ווי די גאַנצע וועלט ווייס פֿון מיין גליק און אַלעס גרויסע און שעהנע עקזיסטירט נאָר צוליעב מיר און מיין גליק. צוליעב מיין גליק שיינט די זונן, דופֿטען די רויזען; צוליעב מיין גליק ליעבען זיך די זומערפֿייגלאַך און די נאַכטיגאַל זינגט מיר אַ ליעד, אַ ליעד פֿון דער אייביגער בענקעניש. אָה מירצאַ, איך בין אַזוי גליקליך, אַז איך געפֿין גאָר ניט קיין ווערטער, אום אויסצודריקען מיינע געפֿיהלען. קום מירצאַ, גוטע, ליעבע מירצאַ, פֿרעה זיך, פֿרעה זיך מיט מיר!"

און זי איז געפֿלויגען דורך דעם גאָרטען אַזוי לייכט ווי אַ פֿייגעלע. ביי אַ פּראַכטפֿאָלען באַלקאָן, וועלכער איז בעפּוצט געווען מיט וואונדערבאַרע פֿערצירונגען, האָט זי זיך אָבגעשטעלט.

מאַיעסטעטישע פּאַלמענבוימער מיט גרויסע דונקעל־גרינע צווייגען האָבען אָבגעהאַלטען די הייסע שטראַהלען פון דער זונן. צולייקאַ האָט אַראָבגעוואָרפען פון זיך די קליידער און האָט בעדעקט איהרע צאַרטע, הערליכע גלידער מיט אַ לייכטען, דינינקען שלייער.

„אָט דאָ וויל איך טאַנצען, מירצאַ!" האָט זי אויסגעשריען מיט אַ פרעהליכער, זילבער־קלאָרער שטימע, „שפּיעל מיר צו אויף דער טאַמבורינאַ!"

די שוואַרצע דיענערין האָט אָנגעהויבען שפּיעלען אויף דעם אינסטרומענט, און צולייקאַ האָט געטאַנצט. יעדע בעוועגונג איהרע איז געווען אַזוי שעהן און ענטציקענד ווי די עדעלע פאָרמען פון אַ קונסטווערק. מירצאַ'ס אויגען האָבען געגלאַנצט פון אינערליכער צופריעדענהייט, און זי האָט זיך פאַרגעשטעלט, ווי גליקליך אַלי וואָלט געווען, ווען ער וואָלט איצטער געקענט זעהען זיין געליעבטע. צולייקאַ האָט געטאַנצט ווי אַ אינדישע באַיאַדערע. זי האָט געוויגט דעם געטליכען קערפּער אַזוי לייכט און אַנגענעהם און מיט די ווייסע, צאַרטע אָרעמס האָט זי געמאַכט האַרמאָנישע בעוועגונגען אין דער לופט; קוים וואָס זי האָט בעריהרט די ערד מיט די שפּיץ פינגער פון איהרע קליינע פיס. דער ווייסער שלייער איז אַרומגעפלויגען אַרום איהר צאַרטע, רייצענדע געשטאַלט, אַזוי ווי אַ ווייסער וואָל־קען, און עס האָט אויסגעזעהען, פונקט ווי אַ מלאך וואָלט גראָד וואָס אַראָבגעשוועבט פון הימעל. פריהער האָט זי געדרעהט דעם שלאַנקען קערפּער אויף די שפּיץ פינגער פון די פיס, לאַנגזאַם און האַרמאָניש, דערנאָך האָט זי אָנגעהויבען טאַנצען אויף איין פוס, און איהר שעהנער קערפּער האָט זיך געבויגען אין אַלע זייטען. מירצאַ איז געווען ענטציקט און פול מיט בעוואונדערונג האָט זי געזאָגט: „אַ באַיאַדערע קען ניט שעהנער טאַנצען ווי דו!"

זי האָט אָנגעהויבען שפּיעלען שנעלער און פייערדיגער און צולייקאַ'ס טאַנץ איז געוואָרען אַלס לעבעדיגער און ליידענשאַפט־ליכער. דאָס בלוט האָט איהר געקאָכט אין די אָדערען און איהרע צויבערהאַפטע אויגען האָבען געגלאַנצט ווי שוואַרצע דיאַמאַנטען.

זאָגאַר די פייגעלאַך זיינען אַנטשוויגען געוואָרען און שטיל געזעסען אויף די צווייגען פון די פּאַלמען, פונקט ווי זיי וואָלטען זיך דער־פרעהט מיט דעם געטליכען שוישפּיעל.

„אַך, ווען אַלי, דיין געליעבטער וואָלט דיך איצט געקענט זעהען!" האָט מירצאַ געזאָגט מיט בעגייסטערונג.

„איך לאָז איהם ניט אַרום פון מיינע געדאַנקען," האָט צוליקאַ געענטפערט מיט פייער ניט אַבשטעלענדיג זיך. „און איך שטעל מיר פאָר, אַז ער זעהט מיך."

און אימער שנעלער האָט זי בעוועגט די קליינע פיס און דעם הערליכען, וואונדערבאַרען קערפער, אימער הייסבלוטיגער און לייי־דענשאַפטליכער איז געוואָרען איהר טאַנץ.

פּלוצלונג איז געקומען צוגעהן אַ דינערין מיט האַסטיגע טריט און האָט געזאָגט: „דער קאַיד איז צוריקגעקומען, הערריין, און ווינשט דיר צו זעהען. אַלי, דער זוהן פון אַמין אַקבאַר איז מיט איהם."

צוליקאַ האָט זיך אַבגעשטעלט אין מיטען טאַנצען, און מירצאַ האָט איהר טאַמבורינאַ אַוועקגעלעגט אָן אַ זייט. „איך קום שוין" האָט זי געזאָגט און איהר געזיכט איז געוואָרען רויט ווי פּורפּור. „שנעל, מירצאַ, העלף מיר אָנטהאָן די קליידער!"

נאָכדעם ווי זי האָט געענדיגט איהר טואַלעט, איז צוליקאַ אַריינגעגאַנגען אין הויז, וואו אַלי און קאַיד מיהראַב האָבען איהר ער־ווארטעט. איהר גאַנצער קערפער איז נאָך אויפגערעגט געווען פון'ם טאַנץ, און ווען זי האָט דערזעהען דעם געליעבטען, האָט זי אַראָב־געלאָזען די אויגען. אַלי איז גאַנץ בעצויבערט געוואָרען פון איהר ליעבליכער ערשיינונג, זי האָט זיך איהם אויסגעוויזען שעהנער ווי אַלע מאָל און ער האָט ניט געקענט געפינען קיין ווערטער איהר צו בעגריסען.

אָבער דער אַלטער מיהראַב האָט באַלד אונטערבראָכען דעם שטילשווייגען: „זעהט נאָר אונזערע פערליעבטע!" האָט ער געזאָגט מיט אַ פריינדליכער שטימע. „דאָ שטעהען זיי ביידע און ווייסען

ניט פֿון וואָס צו ריידען, פּונקט ווי צוויי נאַרישע קינדער. נו, צולייקאַ, פֿריי זיך שוין, מיר קומען איצט ביידע פֿון אַלי׳ס פֿאָטער."

צולייקאַ איז געוואָרען אויפֿמערקזאַם.

„נו רייד שוין אַ וואָרט, אַלי," האָט דער אַלטער מיהראַב ווייטער גערעדט, געבענדיג דעם יונגען מאַן אַ פֿריינדליכען קלאַפּ אין פּלייצע, אום איהם אויפֿצוואוועקען פֿון זיינע פֿערליעבטע געדאַנקען.

אַלי האָט זיך פּלוצלונג אויפֿגעכאַפּט פֿון זיינע חלומות און האָט געזאָגט צו זיין געליעבטע: „מיין פֿאָטער לאָזט דיך גריסען, צולייקאַ, און ער פֿרייט זיך אויף דעם מאָמענט, ווען דו וועסט קומען אין אונזער הויז אַלס זיין טאָכטער."

צולייקאַ האָט אויפֿגעהויבען איהרע טיעפֿע, שוואַרצע אויגען און האָט אָנגעקוקט דעם געליעבטען מיט צערטליכע בליקען. ביידע האָבען זיך געפֿיהלט אַזוי גליקליך, פּונקט ווי זיי וואָלטען געווען אין גן עדן. אַלי האָט זיך ניט לענגער געקענט צוריקהאַלטען; מיט זיינע שטאַרקע אָרעמס האָט ער אַרומגענומען די געליעבטע און זייערע ליפּען האָבען זיך פֿעראייניגט אין אַ לאַנגען ברענענדיגען קוש.

„שוין גענוג, מיינע קינדער," האָט זיך דער אַלטער מיהראַב פּלוצלונג אַריינגעמישט; „מיט דעם קושען מוזט איהר וואַרטען ביז נאָך דער חתונה."

די ביידע ליעבענדע האָבען גאַנץ פֿערגעסען, אַז דער אַלטער איז דאָ אין שטוב. אַלי האָט צולייקאַ באַלד אָבגעלאָזט און זי האָט שנעל פֿערלאָזען דאָס צימער פֿערשעמטערהייט. דעם גאַנצען טאָג איז זי געבליעבען אַליין, כדי קיינער זאָל איהר ניט שטערען אין איהרע זיסע חלומות. זי האָט זיך אויסגעמאָלט די צוקונפֿט מיט גאָלדענע פֿאַרבען און האָט זיך פֿאָרגעשטעלט, ווי גליקליך און צופֿרידען זי וועט לעבען צוזאַמען מיט דעם געליעבטען. ערשט שפּעט ביי נאַכט האָט זי גערופֿען מירצאַ צו זיך, אום צו ריידען מיט איהר פֿון אַלי׳ן.

„אַך, מירצאַ," האָט זי געזאָגט מיט טרוימערישע אויגען, „יעדע

שטונדע וועט אונז ברײנגען נײַע פֿרײדען און אונז אָנזאָגען נאָך גרעסערע פֿאַר דער צוקונפֿט. איך וואָלט דיר גערן געוואָלט צײגען מײַנע געפֿיהלען, אָבער איך קען עס ניט, מײַן טהײַערע, עס איז פּונקט, אַזוי ווי מען וואָלט געוואָלט זעהען מוזיק מיט די אויגען. האָסט דו איהם ווען געהערט זינגען? אַך, ווי זיס, ווי וואונדערבאַר זיס עס קלינגען זײַנע ליעדער. זײַן שטימע איז אַזוי ווייך און אַנגענעהם ווי די געטליכע מוזיק אין גן עדן. ער קען פֿער׳כשוף׳ן די גאַנצע וועלט מיט זײַן זינגען."

„דו ביזט פֿערליעבט, צוליקאַ, אמת פֿערליעבט," האָט מירצאַ געשמײכעלט. „אַך עס איז צו שעהן, ווען אַ פֿערליעבט מײדעל שטעלט פֿאָר דעם בילד פֿון איהר געליעבטען."

„איך זאָג עס ניט, ווײל איך בין פֿערליעבט, מירצאַ; דו וועסט זיך נאָך אויך בעקענען מיט דער זיסקײט פֿון זײַן צויבערהאַפֿטער שטימע. זײַן געזאַנג וועט דיר אַוועקפֿיהרען אין גן עדן. און פֿאַר מיר אַלײן וועט ער זינגען, מײַן וועט ער זײַן אויף אײביג! אַך, ווי גליקליך איך בין! גליק מאַכט דעם מענשען אַזוי גוט און זאַנפֿט. איך וואָלט געוואָלט אַלע מענשען גליקליך מאַכען, כדי זיי זאָלען זיך פֿרײען מיט מיר."

די בײדע מײדלאַך האָבען זיך נאָך אַ לאַנגע צײט אונטערהאַלטען מכח די אײביגע פֿרײדען פֿון דער ליעבע. צוליקאַ האָט געטרוימט פֿון אַ נײַען לעבען, און מיט דעם גאַנצען ענטהוזיאַזם פֿון איהר קינדליכער נשמה האָט זי דער פֿרײנדין דערצעהלט פֿון אַ שעהנער, גאָלדענער צוקונפֿט. מירצאַ האָט זיך צוגעהערט צו איהרע ווערטער מיט אַ שטילער צופֿריעדענהײט, דען זי האָט געליעבט צוליקאַ, ווײל זי איז אימער גוט געוועזען צו איהר און האָט איהר שטענדיג בעהאַנדעלט ווי אַ פֿרײנדין און ניט ווי אַ דינערין.

ענדליך האָט זיך צוליקאַ דערמאָהנט, אַז עס איז שוין צײט צו געהען שלאָפֿען, און זי האָט מירצאַ געבעטען איהר העלפֿען זי אויסטהאָן. באַלד האָט זי אויסגעצויגען די וואונדערבאַרע נאַקעטע גליעדער אויף דעם קאָסטבאַרען געלעגער. איהר הערליכער קערפּער

איז געווען אַזוי צאַרט און פֿריש ווי די אייביגע יוגענד, אַזוי ענט־ציקענד ווי די שטראַהלענדע פֿאָרמען פֿון אַ גריכישער געטין. מירצאַ האָט געקוקט אויף דיזען וואונדערבאַרען קערפּער מיט אַ שטילער בעוואונדערונג, אָבער פּלוצלונג איז זי געוואָרען ערענסט און טרויעריג, און דער פֿרעהליכער שמייכעל, וואָס האָט שטענדיג געשפּיעלט אויף איהרע ליפּען איז מיט אַמאָל פֿערשוואונדען.

„וואָס איז מיט דיר, מירצאַ? וואַרום ביזט דו אַזוי שנעל טרויעריג געוואָרען?" האָט צולייקאַ געפֿרעגט, ווען זי האָט בעמערקט די פֿער־ענדערונג אויף דעם פּנים פֿון איהר פֿריינדין.

„אַך, צולייקאַ, אַ פֿינסטערער געדאַנק איז מיר אַריין אין קאָפּ, אַ געדאַנק, וואָס רויבט פֿון מיר אַוועק די פֿרעהליכקייט און די אינערליכע רוהע. וואָס פֿאַר אַ ווערד האָט אייגענטליך אונזער גאַנצעס לעבען? דו ביזט שעהן, געטליך שעהן, אָבער וועסט דו אימער אַזוי בלייבען? ניין, אויך דו וועסט ווערען אַלט און פֿער־וועלקט. עס וועט קומען אַ צייט, ווען דיינע האָר וועלען זיין גרוי און דער שעהנער פּנים דיינער וועט זיך בעדעקען מיט קנייטשען; דיין הערליכער בוזים וועט זיין פֿערטרוקענט, די צייהן וועלען דיר אַרייספֿאַלען און דער צויבערהאַפֿטער גלאַנץ פֿון דיינע טיעפֿע, געהיימניספֿאָלע אויגען וועט פֿערלאָשען ווערען."

„מירצאַ, מירצאַ!" האָט צולייקאַ אַ געשריי געטהאָן; „וואַרום דערמאָהנסט דו מיר אַזעלכע זאַכען? דו וועסט מיר פֿערגיפֿטען מיינע זיסע חלומות פֿון גליק און ליעבע מיט דיינע מורא'דיגע ווערטער. אַך, וואַרום ווילסט דו מיר קריינקען, וואַרום פּייניגסט דו מיינע געפֿיהלען מיט אַזעלכע פֿינסטערע געדאַנקען."

„דו טהוסט מיר אונרעכט, צולייקאַ! איך וויל דיך ניט קריינ־קען, נאָר איך וואָלט געוואָלט, דו זאָלסט אימער בלייבען יונג און שעהן, אַזוי ווי דו ביזט איצט. הער מיך אויס, צולייקאַ, איך ווייס אַ געהיימניס, וועלכעס וועט דיר געבען די מעגליכקייט אויפֿצוהאַל־טען דיין יוגענד און די געטליכע שעהנקייט פֿון דיין הערליכען קערפּער. אין אונזער לאַנד, עטליכע שטונדען פֿון דאַנען, צווישען

בוימער און פּעלזען, געפינען זיך די הייליגע קוועלען פון „וואַד על קעביר." נאָר ווייניגע קענען דעם אָרט, און אפילו די, וועמען דער צופאַל האָט שוין יאָ אַהין געפיהרט, ווייסען ניט, אַז דאָס וואַסער פון דיזע קוועלען האָט אין זיך אַ געהיימניספאָלע קראַפט. ווער עס באָד זיך אין די הייליגע קוועלען, וועט אימער בלייבען יונג און שעהן; דען עס ווינען די קוועלען פון דער אייביגער יוגענד און שעהנהייט. ווען מיין מוטער איז געלעגען אויף'ן טויטענבעט, האָט זי מיר פערטרויט דעם סוד, וועלכען אַן אַלטע, קלוגע פרוי האָט איהר איבערגעגעבען. אָה, צולייקאַ, לאָמיר אויפזוכען די וואונדערבאַרע קוועלען, באָד זיך אין דעם הייליגען וואַסער, און אַלי וועט אימער ווידער ענטציקט ווערען פון דאָס ניי פון דיין שטראַהלענדער שעהנהייט!"

צולייקאַ האָט זיך נייגיריג צוגעהערט צו די געהיימניספאָלע ווערטער פון איהר דינערין, וועלכע האָבען געמאַכט אויף איהר אַ טיעפען איינדרוק. „אַך, ווי דאַנקבאַר איך בין דיר! דו ביזט דאָך מיין טהייערע, גוטע מירצאַ. אָבער איך ווייס ניט וואָס איך זאָל דיינקען פון דיזער וואונדערבאַרער געשיכטע. אפשר ווערט דער אָרט בעוואַכט פון בייזע גייסטער? און ווען איך וועל אָננעהמען דיין עצה, פיליייכט איז עס ניט אין אַנקלאַנג מיט דעם געטליכען שיקזאַל? פיליייכט וועלען אונז דיזע קוועלען ברייננגען שמערץ און אונגליק?"

„ניין, מיין טהייערע," האָט מירצאַ געענטפערט, „עס זיינען הייליגע קוועלען, וועלכע דער נביא האָט געבענטשט. טהו נאָר ווי איך האָב דיר געהייסען, און דו וועסט גליקליך זיין."

צולייקאַ איז ביסלעכווייז אַנטשלאָפען געוואָרען, אָבער די גאַנצע נאַכט האָט זיך איהר גע'חלומ'ט פון די געהיימניספאָלע קוועלען, פון וועלכע די טרייע דינערין האָט איהר דערצעהלט.

III.

צולייקאַ'ס אונגליק.

צולייקאַ האָט געפֿאָלגט דעם ראַטה פֿון איהר טרייער דיענערין מירצאַ. אום צו פֿערהינדערען, אַז אַלי'ס ליעבע צו איהר זאָל קיינמאָל ניט אָבגעשוואַכט ווערען, האָט זי בעשלאָסען צו באָדען זיך אין די געהיימניספֿאָלע קוועלען פֿון „וואַד על קעביר," כדי איהר הערליכער קערפּער זאָל אייביג בלייבען יונג און שעהן. דעם נעכסטען פֿריהמאָרגען, איידער די זונן איז אויפֿגעגאַנגען פֿון אונטער די הויכע בערג, האָט זי שטילערהייט פֿערלאָזען איהר פֿאָטער'ס הויז צוזאַמען מיט מירצאַ, וועלכע האָט איהר געצייגט דעם וועג.

מירצאַ האָט צולייקאַ געפֿיהרט איבער וועגען, וועלכע זי האָט קיינמאָל בעפֿאָר ניט בעטראָטען. די פֿרעמדע געגענד האָט געמאַכט אַ מורא'דיגען איינדרוק אויף איהר, און דער קלענסטער גערויש האָט איהר איבערגעשרעקט. איינמאָל האָט זי זיך דערשראָקען, זעהענדיג ווי אַן אָדלער איז פּלוצלונג אַראָבגעפֿלויגען פֿון אַ הויכען פֿעלזען; אַן אַנדער מאָל איז זי פֿערציטערט געוואָרען, הערענדיג אין דער ווייטען דעם געביל פֿון אַ וואָלף. זי איז ניט געוואוינט געווען פֿיעל צו געהען, און אָפֿטמאָל האָט זי אָנגעשטויסען איהרע צאַרטע פֿיס אין שפּיציגע שטיינער, דען זי האָט בלויז געטראָגען לייכטע סאַנדאַלען.

צולייקאַ'ס האַרץ איז ניט געווען אָהן מוטה און זי וואָלט אַוועקגעגעבען דעם לעצטען טראָפּען בלוט פֿאַר איהר געליעבטען; זי וואָלט איבערהויפּט קיין פֿרוי ניט געווען, ווען זי וואָלט אויסגעלאָזט אַזאַ געלעגענהייט, וואָס האָט איהר געגעבען די מעגליכקייט

צו בלייבען אייביג יונג און שעהן; אָבער עס איז געווען דעם ערד־שטען מאָל אין איהר גאַנצען לעבען, וואָס זי איז אַוועקגעגאַנגען אַזוי ווייט פֿון איהר פֿאָטער'ס הויז, און דער פֿרעמדער אויסזעהען פֿון דער געגענד האָט אַרויסגערופֿען ביי איהר אַ מורא'דיגען געפֿיהל. זי האָט מורא געהאַט, זי זאָל זיך ניט בעגעגענען מיט אַ בעקאַנטען, וועלכער וועט איהר פֿלייכט דערקענען, אָבוואָהל איהר געזיכט איז געווען פֿערשלייערט; אויך האָט זי זיך געזאָרגט, אַז אימיצער קען איהר נאָך זעהן בעהאַלטענערהייט און אויסגעפֿינען איהר געהיימנים. די זונן האָט זיך אויפֿגעהויבען פֿון הינטער די בערג שטאָלץ און מאַיעסטעטיש, און איהרע גאָלדענע שטראַהלען האָבען אָנגעזאָגט דעם יונגען טאָג.

„זעה נאָר מירצאַ, די זונן איז שוין אויפֿגעגאַנגען, האָט צולייקאַ געזאָגט צו דער דיענערין. „שוין מעהר ווי אַ שטונדע, וואָס מיר האָבען פֿערלאָזען אונזער הויז. ווען וועלען מיר שוין ענדליך זעהען די וואונדערבאַרע קוועלען?"

„נאָך אַ שטונדע דאַרפֿען מיר געהען, און דו ועסט זיי הערען מורמלען," האָט מירצאַ געענטפֿערט. „קום, דו וועסט קיין חרטה ניט האָבען אויף דעם שווערען וועג, וועלכער וועט דיר מאַכען פֿאַר דער שעהנסטער פֿרוי אין דער וועלט."

אָבער איך בין אַזוי מיעד, מירצאַ, מיינע פֿיס ברענען מיר ווי פֿייער, דער וועג איז אַזוי שטיינערדיג און אונבעקוועם און די גאַנצע געגענד ווייזט זיך מיר אויס אַזוי מורא'דיג פֿרעמד.

„האָסט דו טאַקע מורא אויף דער אמת'ן, צולייקאַ?"

„ס'איז אייגענטליך קיין מורא ניט, וואָס איך פֿיהל, נאָר עס דאַכט זיך מיר, אַז איך וויל בעגעהען אַ גרויסע זינד. ווען מיין פֿאָטער זאָל זיך דערוויסען, אַז איך בין אַזוי ווייט אַוועקגעגאַנגען פֿון דערהיים..."

„ער וועט עס ניט וויסען," האָט מירצאַ איהר געטרייסט. „ער איז שוין אַוועקגעריטען, איידער מיר האָבען פֿערלאָזען דאָס הויז, דען ער האָט צו בעזאָרגען וויכטיגע געשעפֿטען און מיר וועלען געוויס

זיין צוריק פֿריהער פֿון איהם. קיינער ווייס ניט, אַז מיר זיינען אַוועקגעגאַנגען און אַלע גלויבען, אַז דו ביזט אין דיין צימער. דערפֿאַר האָב קיין מורא ניט, צולייקאַ, נאָך אַ קליינע ווילע, און מיר װעלען זיך אַראָבלאָזען אין טהאָל. אָך, דו וועסט דיך פֿער־וואונדערען, מיין טהייערע, קום, קום!"

און צערטליך האָט זי גענומען צולייקאַ ביי דער האַנד און האָט איהר געפֿיהרט ווייטער מיט אַ פֿרעהליכען שמייכעל אויף די ליפּען.

צולייקאַ האָט זיך דערמאָהנט אין דעם געליעבטען און זי איז רוהיג ווייטער געגאַנגען און האָט זיך ניט מעהר בעקלאָגט.

דער שמאָלער וועג האָט זיך געשלענגעלט צווישען הויכע פֿעלזען, וועלכע האָבען געהאַט אַ ווילדען, פֿינסטערען אויסזעהען. ענדליך זיינען דיביידע מיידלאַך אָנגעקומען ביי אַ שמאָלער פֿעלזען־גאַלעריע, פֿון וואו מען האָט געהאַט אַ פּראַכטפֿאָלע אויס־זיכט. מירצאַ האָט זיך אָבגעשטעלט פֿאַר אַ ווילע, אום צו צייגען צולייקאַ'ן די שעהנהייט פֿון דער נאַטור; טיעף אונטען אין טהאָל האָט מען געקענט זעהען די קליינע הייזלאַך פֿון די קאַבילען און אַראַבער, אין דער ווייטען האָבען זיך בעוויזען הויכע בערג און עס האָט אויסגעזעהען, פּונקט ווי זייערע שפּיצען וואָלטען פֿערוואַקסען געווען מיט דעם בלויען הימעל. די גאָלדענע שטראַהלען פֿון דער זונן האָבען בעלייכטעט די וואונדערבאַרע לאַנדשאַפֿט; אָבער צולייקאַ האָט קיין זאַך ניט געזעהען, דען איהר גייסט איז געווען פֿערנומען מיט פֿינסטערע פֿאָרשטעלונגען.

„דו זעהסט דאָרט די גרינע לאָנקע צווישען די הויכע פֿעלזען?" האָט מירצאַ פּלוצלונג געפֿרעגט צולייקאַ'ן, אָנדייטענדיג מיט דער האַנד אויף אַ געוויסען פּונקט: „דאָרט איז דער פּלאַץ פֿון די קוועלען. האָסט דו נאָך אַלץ מורא?"

„איך ווייס ניט, וואָס עס איז מיט מיר," האָט צולייקאַ געענט־פֿערט. אַ דונקלעס געפֿיהל בעאונרוהיגט מיין נשמה. נאָר לאָמיר שוין געהן ווייטער!"

די ביידע מיידלאַך זיינען ווייטער געגאַנגען. דער וועג האָט זיך איצט געצויגען באַרג־אַראָב. פּלוצלונג האָט ער זיך פֿערדרעהט אַרום אַ הויכען פֿעלזען און פֿאַר זיי האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ שעהנע לאָנקע, וועלכע האָט אויסגעזעהען ווי אַ גרינער אינזעל אין מיטען אַ ווּסטעניש. גרויסע, שטאַרקע בוימער האָבען אַרומגערינגעלט דעם וואונדערבאַרען אָרט אַזוי ווי אַ גרינע וואַנד, און אַ שמאָלער וועג איז געווען דער נאַטירליכער אַריינגאַנג צו דיזען גן עדן. מירצאַ און צולייקאַ זיינען לאַנגזאַם ווייטער געגאַנגען, ציטערענדיג פֿון אינערליכער אויפֿרעגונג. פּלוצלונג האָט די שוואַרצע דיענערין זיך אָבגעשטעלט און געזאָגט:

„שטעה אַ ווײַלע, צולייקאַ! דו הערסט עפּעס?"

„איך הער אין דער ווייטען דעם געמורמעל פֿון אַ וואַסער," האָט צולייקאַ געענטפֿערט.

„דאָס זיינען די וואונדערבאַרע קוועלען פֿון וואַד על קעביר," האָט מירצאַ פֿרעהליך געשמייכעלט. „דו וועסט זיי באַלד זעהען."

און זיי זיינען ביידע אַריינגעגאַנגען אין אַ קליין וועלדעל פֿון שטאָלצע, מאַיעסטעטישע פּאַלמען־בוימער. אַ באַלזאַמישער דופֿט האָט אָנגעפֿילט די גאַנצע אַטמאָספֿערע דען טויזענדער בלומען האָבען בעדעקט די ערד מיט אַ וואונדערבאַרען טעפּיך.

„אָט איז דער אָרט" האָט מירצאַ געזאָגט מיט אַ צופֿריעדענעם שמייכעל. צולייקאַ איז גאַנץ ענטציקט געוועזן פֿון דעם הערליכען בילד, וואָס איהרע אויגען האָבען דערזעהען.

„נו, זאָג נאָר אַליין, איז עס ניט אַ וואונדערבאַרער פּלאַץ? האָב איך ניט רעכט געהאַט, איהם צו ליובען?" האָט מירצאַ געפֿרעגט, און דער פּנים איהרער האָט געגלאַנצט פֿון צופֿריעדענהייט.

„אָ, מירצאַ, טרייע, ליעבע מירצאַ, געוויס האָסט דו רעכט געהאַט," האָט צולייקאַ געענטפֿערט און האָט אַרומגענומען די דיענערין מיט בעגייסטערונג.

די ביידע פֿריינדינען זיינען געשטאַנען פֿאַר אַ הויכען פֿעלזען,

וועלכער איז בעדעקט געווען מיט ווילדע רויזען און עטליכע אור־
אַלטע, קעניגליכע בוימער. פֿון דעם פֿעלזען האָט אַרויסגעקוואָלען
זילבער־קלאָרע וואַסער, די קליינע טייכלאַך האָבען זיך געגאָסען
איבער די שפּיציגע פֿעלזענשטיינער און די קריסטאַלענע טראָפּענס
האָבען געבליסטשעט און געפֿונקעלט ווי טויזענדער דיאַמאַנטען
אין'ם ליכט פֿון דער זונן. אונטען איז געווען אַ קליינער טייך,
וועלכע האָט אויפֿגענומען אין זיך דאָס וואַסער פֿון אַלע קוועלען.
דער אָרט איז געווען וואונדערבאַר שעהן. הינטען האָט מען דער־
זעהען די הויכע בערג מיט זייערע מעכטיגע פֿעלזען, און אַרום
דעם קליינעם טייך זיינען געשטאַנען גרויסע אַלטע בוימער, וועלכע
האָבען ניט צוגעלאָזט די הייסע שטראַהלען פֿון דער זונן. אַלעס
איז געווען אַזוי שטיל און רוהיג און מען האָט מעהר ניט געהערט
ווי דעם מעלאַנכאָלישען גערויש פֿון דעם וואַסער. עס איז געווען
אַן אמת'ער גן עדן, וואו מען האָט ניט געוואוסט פֿון נויט און טויט.

צולייקאַ האָט ניט געפֿונען קיין ווערטער, אום אויסצודריקען
איהרע געפֿיהלען. שטיל און אָהן אַ בעוועגונג האָט זי געקוקט
מיט איהרע גרויסע טרוימערישע אויגען אויף דעם שטילען טייך
און די הויכע פֿעלזען מיט די רוישענדע קוועלען פֿון דער אייביגער
יוגענד און שעהנהייט. אָבער מירצאַ האָט איהר איבערגעשלאָגען
די געדאַנקען, אום זי זאָל ניט פֿערזוימען די צייט צו באָדען איהר
הערליכען קערפּער אין דעם וואונדערבאַרען וואַסער.

צולייקאַ האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטיין, וועלכער איז
בעדעקט געווען מיט גרינעם מאָך; אַרום דעם שטיין זיינען געוואַק־
סען רויטע רויזען, רויט ווי די ברענענדיגע ליעבע. מירצאַ האָט
זיך אַוועקגעשטעלט אויף די קניע, און האָט איהר אַראָבגענומען די
לייכטע סאַנדאַלען פֿון די קליינע פֿיס. דערנאָך האָט זי איהר
אויסגעטהאָן די קליידער און אַראָבגענומען דעם שלייער פֿון געזיכט
און צולייקאַ האָט אויסגעשטרעקט דעם רעכטען פֿוס צו פּרובירען
דאָס וואַסער.

נאָר פּלוצלונג האָט זי זיך דערשראָקען, דען איהרע אויערען

הָאבּען דערהערט אַ גערויש אין דער ווייטען. „הער נאָר, מירצאַ,“ האָט זי געזאָגט מיט אַ מורא׳דיגער שטימע. „עס דוכט זיך מיר, אַז איך האָב געהערט אַ גערויש צווישען די בּוימער, דאָרט בּיי די קוועלען, פּונקט ווי אימעצער וואָלט צוּבּראָכען אַ טרוקענעם צווייג.“

„דו בּיזט אויפֿגערעגט, מיין טהייערע,“ האָט מירצאַ געענטפֿערט. „איך פֿערשטעה דאָס, דען דו שטעהסט איצט פֿאַר דעם וויכטיגסטען מאָמענט פֿון דיין לעבען. אַ שפּרונג אַריין אין טייך און דו וועסט אייביג בּלייבּען יונג און שעהן. שרעק זיך ניט, צוליקאַ, קיינער זעהט אונז ניט, אַלעס איז שטיל און רוהיג ווי אין אַ קבר, און מיינע אויערען הערען בּלויז דעם טרוימערישען געמורמעל פֿון די קוועלען, אַזוי ווי אַ שטילע אַנגענעהמע מוזיק.“

לאַנגזאַם און פֿאָרזיכטיג איז צוליקאַ צוגעגאַנגען צום בּרעגטייך. איהר וואונדערבּאַרער קערפּער האָט זיך לייכט געוויגט, זי האָט אויסגעזעהען ווי אַ וואַסער־פֿרוי, וועלכע שטאָלצירט מיט איהר פּאַראַדיזישער נאַקעטקייט. און מירצאַ האָט ווידער בּעוואונדערט דיזען געטליך־שעהנען קערפּער, אַזוי ווי זי פֿלעגט אימער טהאָן אין אַזעלכע מאָמענטען.

אָבּער נאָך אימיצער האָט געזעהען דאָס הערליכע בּילד. צוליקאַ האָט זיך ניט גענאַרט, ווען זי האָט אויפֿמערקזאַם געמאַכט די פֿריינדין אויף דאָס מערקווירדיגע גערויש, וואָס זי האָט דערהערט אין דער ווייטען. ניט ווייט פֿון די קוועלען, בּעהאַלטען צווישען די בּוימער איז געשטאַנען אַ מאַן, וועלכער האָט אַלעס געזעהען. ס׳איז געווען דער עמיר רוסטאַן, אַ רייכער און פֿאָרנעהמער אַראַבּער, וועלכער איז דיזען מאָרגען געגאַנגען אויף דער יאַגד און כמעט אַנגעקומען אין דערזעלבּער צייט ווי די בּיידע מיידלאַך בּיי די קוועלען פֿון וואַד על קעביר. רוסטאַן איז געווען אַ גרויסער און שטאַרקער מאַן מיט בּרייטע פּלייצעס און קרעפֿטיגע מוסקלען. די יאַגד און דער קאַמפּף זיינען געווען זיין ליעבּסטע בּעשעפֿטיגונג; ער האָט שטענדיג אויפֿגעזוכט די געפֿאַהר, און זיין האַרץ האָט ניט געוואוסט פֿון פֿייגהייט. ער האָט געליעבּט די פֿרויען,

אָבער זיין ליעבע איז כמעט ניט אַנדערש געווען ווי דער ליידענ־שאַפּטליכער אויסדרוק פֿון זיינע פֿיזישע בעדערפֿענישען. די צאַרטע פֿיינהייטען פֿון דער ליעבע צווישען מאַן און פֿרוי האָבען ביי איהם איבערהויבט ניט עקזיסטירט. רוסטאַן איז געווען אַן ענערגישער מאַן, און ווען ער האָט געוואָלט אויספֿיהרען אַ געוויסע זאַך, האָט ער זיך אפילו ניט אָבגעשראָקען פֿאַר געוואַלד־אַקטען. זיין געזיכט איז ניט העסליך געווען, פֿערקעהרט, דער מוטהיגער און ענטשלאָ־סענער אויסדרוק פֿון זיינע ציגע האָט איהם געגעבען דעם אויס־זעהען פֿון אַ מאַן, וועלכער האָט דאָס בעוואוסטזיין פֿון זיין פער־זענליכער קראַפֿט.

ווען רוסטאַן האָט דערזעהען צולייקאַ, איז ער געווען אַזוי ווי פֿער׳כשופֿ׳ט. אין זיינע אויגען האָט געברענט אַ דעמאָנישער פֿייער, און ער האָט זיך ניט געקענט אָברייסען פֿון דעם נס, וואָס האָט זיך איהם פּלוצלונג בעוויזען. עס איז איהם אפילו ניט אַרויף אויף׳ן געדאַנק, אַז זיין האַנדלונג איז געמיין און אונווירדיג; דען לויט די מנהגים פֿון זיין פֿאָלק האָט אַ פֿרוי בלויז גערעכנט צייגען איהר קערפער פֿאַר דעם אייגענעם מאַן און פֿאַר קיין אַנדערען. אָבער אין דיזען מאָמענט האָט ער אין גאַנצען פֿערגעסען, אַז זיין ליידענ־שאַפֿטליכער בליק האָט בעשמוצט צולייקאַ׳ס ריינעם קערפער, אַז ער האָט איהר אָנגעטהאָן אַ שאַנדע, וועלכע קען נאָר אָבגעוואַשען ווערען מיט זיין בלוט. אָבער ווען ער וואָלט אפילו געהאַט דעם ווילען צו פֿערמאַכען די אויגען און צו פֿערלאָזען דיזען אָרט, וואָלט ער ניט אימשטאַנדע געווען עס צו טהאָן. אַ פֿינסטערע מאַכט האָט זיך אויפֿגעוועקט אין זיין נשמה, זיינע אויגען זיינען געבלענדעט געוואָרען פֿון צולייקאַ׳ס שטראַהלענדער שעהנהייט. איהר געזיכט איז געווען אַזוי הערליך און פֿריש ווי דער יונגער טאָג, איהר געט־ליכער קערפער אַזוי וויים ווי עלפֿענביין; זי איז געווען שלאַנק ווי אַ יונגע פּאַלמע, מאַיעסטעטיש ווי די פֿערקערפּערונג פֿון דער אייביגער יוגענד; איהרע פֿיינע ליפען זיינען געווען אַזוי ליעבליך און צאַרט ווי די בלעטער פֿון אַ רויז, און דער וואונדערבאַרער

בוזעם האָט אויסגעזעהען ווי די געטליכע פֿרוכט פֿון דעם גראַנאַט־בוים. אין איהרע טיעפֿע, דונקעלע אויגען האָט זיך בעוויזען אַ טרוימערישער, מעלאַנכאָלישער אויסדרוק, און די לאַנגע שוואַרצע האָר זיינען איהר אַראָבגעפֿאַלען איבער די שנעע־ווייסע שולטערן און האָבען בעדעקט דעם גאַנצען רוקען ווי מיט אַ צאַרטען שלייער. יעדע בעוועגונג איהרע האָט נאָך פֿערגרעסערט איהר שעהנהייט און דייטליכער אַרויסגעצייגט די מאַיעסטעטישע פּראַכט פֿון איהר וואונדערבאַרען קערפּער.

און ווען זי איז צוגעגאַנגען גאַנץ נאַקעט צום ברעג טייך, וויגענדיג דעם שלאַנקען קערפּער אויף די קליינע, שעהנע פֿיס, איז דער עמיר געוואָרען אַזוי ווי פֿער׳שכור׳ט, און זיינע אויגען האָבען זיך ניט געקענט אָבּרייסען פֿון דיזער געטליכער שעהנהייט. פּלוצלונג האָט זיך צוליקאַ אַריינגעוואָרפֿען אין טייך און די וואונדערבאַרע פֿאָרמען פֿון איהר הערליכען אונטער־קערפּער האָבען געשימערט פֿון אונטער דעם קריסטאַל־קלאָרען וואַסער ווי בלאַסע רויזענבלעטער. און ווען זי האָט געוויגט די שטאָלצע גליעדער אויף די זאַנפֿטע כוואַליעס, האָט זיך דעם עמיר פֿאָרגעשטעלט, אַז עס איז אַ סירענע, אַ וואַסער־פֿרוי, וואָס רופֿט איהם צו זיך. עס האָט זיך איהם אויסגעדאַכט, אַז דיזע פֿרוי, די פֿרוי פֿון אַלע פֿרויען, איז בלויז געשאַפֿען פֿאַר די פֿריידען פֿון דער ליעבע; און ער האָט געשוואָרען, אַז ער מוז איהר בעזיצען, און ווען עס זאָל איהם אפילו קאָסטען דאָס לעבען. זיין גייסט האָט פֿערלאָרען יעדע איבערלעגונג, יעדע קאָנטראָלע, ער האָט בלויז נאָך געהאַט איין געדאַנק, איין געפֿיהל: צו בעזיצען צוליקאַ.

צוליקאַ האָט זיך געשפּיעלט אין דעם פֿרישען וואַסער פֿון די געהיימניספֿאָלע קוועלען אַזוי ווי אַ פֿרעהליך, אונשולדיג קינד. זי איז אַרומגעשוואומען אין דעם קליינעם זילבער־קלאָרען טייך און האָט געצייגט איהר שעהנעם קערפּער אין אַלע פּאָזיציאָנען. צולעצט האָט איהר מירצאַ דערמאָהנט, אַז עס איז שוין צייט צו פֿערלאָזען דעם וואונדערבאַרען פּלאַץ. זי איז צוגעשוואומען צום ברעג טייך,

וואו דאָס וואַסער איז ניט טיעף געווען. לאַנגזאַם האָט זי זיך געשטעלט אויף די פֿיס, און די קלאָרע וואַסער־טראָפּענס זיינען איהר אַרונטערגעלאָפֿען פֿון דעם ווייסען קערפּער ווי בלישטשענדע דיאַמאַנטען. „זעה נאָר מירצאַ!" האָט זי אויסגעשריען מיט אַ פֿרעהליכער שטימע, דערזעהענדיג איהר בילד אין דעם זילבערקלאָרען וואַסער פֿון טייך. „זעה נאָר, ווי שעהן איך בין!" און זי האָט אָנגעהויבען טאַנצען אין וואַסער און צוגוואָרפֿען קושען דער פֿריינדין, וועלכע האָט איהר בעוואונדערט מיט אַ שטילער צופֿריעדענהייט.

דער עמיר האָט געקוקט מיט גליהענדע אויגען אויף אַלע איהרע בעוועגונגען. ער איז געווען אַזוי ווי פֿערשטיינערט פֿון איבעראַשונג, און זיין בליק האָט זיך ניט געקענט אָברייסען פֿון דעם הערליכען בילד. אַם ליעבסטען וואָלט ער אַראָבגעשפּרונגען פֿון דעם פֿערד, אום צוליקאַ אַרומצונעהמען מיט זיינע שטאַרקע אָרעמס.

מירצאַ האָט נאָך אַמאָל דערמאָהנט די פֿריינדין, אַז עס איז צייט צו געהען, און צוליקאַ האָט זיך געלאָזט קעמען די זיידענע שוואַרצע האָר, וועלבע די טרייע דיענערין האָט אויסגעפּוצט מיט קאָסטבאַרע פּערלען. פּלוצלונג האָט זיך דערהערט אַ גערויש. דער עמיר האָט נעמליך איבערגעלאָזט זיין פֿערד מיט איינעם פֿון זיינע דיענער אויף דער גרינער לאָנקע, נאָהענט ביי'ן איינגאַנג פֿון וואַד על קעביר. אָבער דער דיענער איז אַנטשלאָפֿען געוואָרען און דאָס פּערד, נאָכגעהענדיג דעם שפּור פֿון זיין הערר, האָט זיך געזוכט אַ וועג צווישען די געדיכטע בוימער, ביז וואַנען עס האָט איהם אויסגעפֿונען.

צוליקאַ, דערהערענדיג דעם גערויש, האָט זיך שטאַרק דערשראָקען. זי האָט געקוקט מיט מורא'דיגע אויגען אויף דעם אָרט, פֿון וואַנען דער גערויש איז געקומען, און איהרע אויגען האָבען דערזעהן דעם עמיר רוסטאַן, וועלבער האָט דאָס פֿערד געהאַלטען ביי די לייצעס, זייענדיג אין כעס, וואָס ער איז געשטערט געוואָרען.

אַ שרעקליכער געשריי האָט זיך אַרויסגעריסען פֿון צולייקאַ'ס ליפּען. די מורא'דיגע בעליידיגונג האָט איהר דאָס בלוט אין פּנים אַריינגעטריבען; זי וואָלט אַם ליעבסטען געשטאָרבען אויף'ן פּלאַץ פֿון שאַנדע. אויך מירצאַ איז געווען ווי אַראָב פֿון זינען. זי איז ניט אימשטאַנד געווען צו ריידען אַ וואָרט, און מיט מורא'דיגע אויגען האָט זי געקוקט אויף דעם עמיר. צולייקאַ האָט זיך אויף גיך בעהאַלטען צווישען די ביימער און האַסטיג אָנגעטהאָן איהרע קליידער, אום ווי אַם שנעלסטען צו אַנטלויפֿען פֿון דעם שרעקליכען אָרט, וואו זי האָט דורכגעמאַכט דעם גרויזאַמסטען מאָמענט פֿון איהר לעבען.

„פֿערלאָרען מיין עהרע אויף אימער און אייביג!" האָט זי געזאָגט מיט ציטערענדיגע ליפּען. „ווען אַלי וועט זיך דערוויסען, וועט ער דער'הרג'ענען דיזען מאַן. ווייסט דו ווער עס איז, מירצאַ?"

„דער עמיר רוסטאַן," האָט מירצאַ געענטפֿערט, אַזוי ווי פֿער'חלום'ט.

„גאָט מיינער!" האָט צולייקאַ זיך צואוויינט, „דער עמיר רוסטאַן, דער מעכטיגער עמיר! אָ מירצאַ, עס וועט פּאַסירען אַן אונגליק! אָ ווארום האָב איך אָנגענומען דיין ראַטה! ס'איז געווען אַ זינד פֿון מיר, זיך צו באָדען אין דיזע קוועלען, אַ זינד, אַ פֿערברעכען! דאָס שיקזאַל איז אונבאַרמהאַרציג, און וואָס עס גיט אונז ניט פֿרייוויליג, דאָס טאָרען מיר קיינמאָל ניט נעהמען מיט געוואַלד. איך האָב געוואָלט זיין אַן אויסנאַהם צווישען אַלע אַנדערע מענשען, דאָס איז געווען מיין ערגסטער טעות אין מיין לעבען. אַ שד וועט אַרויסקריכען פֿון דיזען שטילען טייך, ער וועט זיך שטעלען צווישען מיר און אַלי און וועט מיך פֿערפֿאָלגען מיט זיין ווילדען האַס! אַך, מירצאַ, איך בין די אונגליקליכסטע פֿון אַלע אונגליקליכע, און ס'איז געווען מיין אייגענע שולד!"

„אָ, צולייקאַ, נעהם דיר דאָס אונגליק ניט אַזוי שטאַרק צום האַרצען," האָט זיך מירצאַ געבעטען מיט אַ פֿערצווייפֿעלטען געוויין. „ס'וועט אַלעם זיין גוט ווי בעפֿאָר, נאָר קום שוין, לאָמיר ווי אַם גיכסטען פֿערלאָזען דיזען אָרט!"

מיט האַסטיגע טריט און פערצווייפעלטע געדאַנקען זיינען די־
ביידע מיידלאַך אַנטלאָפען פון דעם מורא׳דיגען פלאַץ מיט די גע־
היימניספאָלע קוועלען פון וואד על קעביר. צולייקאַ האָט זיך ניט
געקענט בערוהיגען. דער געדאַנק, אַז אַ פרעמדער מאַן האָט גע־
זעהן איהר נאַקעטען קערפער, האָט איהר געפּיינגט מיט אַ ווילדער
גרוייזאַמקייט, זי האָט געפיהלט, ווי אַן אייז־קאַלטע האַנד לייגט זיך
אַרויף אויף איהר יונג האַרץ. און זי האָט זיך דערמאָנט אין אַן
אוראַלטע לעגענדע, וועלכע מירצאַ האָט איהר אַמאָל דערצעהלט,
די געשיכטע פון דעם קעניג קאַנדאַאולעס און דער קעניגין רהאָ־
דאָפּע. קאַנדאַאולעס איז וואַהנזיניג פעליעבט געוועזן אין זיין ווייב,
די קעניגין רהאָדאָפּע און איז ניט מיעד געוואָרען, דערצעהלענדיג
זיין פריינד גיגעס פון איהר וואונדערבאַרער שעהנהייט. אָבער גיגעס
האָט זיך געמאַכט אַזוי ווי ער גלויבט עס ניט, און כדי איהם צו
איבערצייגען, האָט קאַנדאַאולעס בעשלאָסען איהם צו געבען אַ
געלעגענהייט צו זעהן רהאָדאָפּע אין איהר פּאַראַדיזישער נאַקעט־
קייט. גיגעס האָט פערמאָגט אַ רינג, וואָס האָט געהאַט די צויבער־
קראַפט צו מאַכען אַ מענשען אונזעהבאַר פאַר אַנדערע, און איינמאָל
ביי נאַכט האָט דער קעניג זיין אונזעהבאַרען פריינד אַריינגענומען
מיט זיך אין דאָס שלאָפצימער פון דער קעניגין. אָבער ווען גיגעס
האָט דערזעהן די וואונדערבאַרע שעהנהייט פון דעם קעניג׳ס ווייב,
האָט ער זיך ניט געקענט איינהאַלטען, אַזוי ענטציקט איז ער גע־
ווען, און ער האָט אַרויסגעלאָזט אַ געשריי, אום אויסצודריקען זיין
בעוואונדערונג. רהאָדאָפּע, דערקענענדיג זיין שטימע, האָט בעשלאָ־
סען צו נעהמען ראַכע פון קאַנדאַאולעס פאַר די שאַנדע, וואָס ער
האָט איהר אָנגעטהאָן. זי האָט גיגעס געלאָזט קומען צו זיך און
האָט איהם ערקלערט, אַז ער האָט צו וועהלען צווישען צוויי זאַכען:
אָדער ער וועט דער׳הרג׳ענען דעם קעניג און הייראַטהען די קעניגין,
אָדער ער וועט אַליין מוזען שטאַרבען. און אַזוי ווי ביי גיגעס איז די
לוסט צו לעבען געוועזן זעהר שטאַרק, האָט ער ערמאָרדעט דעם קעניג,
חתונה געהאַט מיט רהאָדאָפּע און האָט זיך אַרויפגעזעצט אויף׳ן טהראָן.

צולייקאַ האָט געפֿיהלט, אַז זי געפֿינט זיך אין אַן עהנליכער לאַגע. אַ פֿרעמדער מאַן האָט געזעהן איהר נאַקעטען קערפּער און בעשמוצט איהרע געפֿיהלען. איהר רייגער כאַראַקטער איז אויף אַ געמיינעם אופן בעליידיגט געוואָרען; אָבער ניט אַלי איז געווען דער שולדיגער, זי אַליין איז געווען די פֿעראורזאַכערין פֿון דיזער בעליידיגונג. און זי האָט שרעקליך חרטה געהאַט, וואָס זי האָט פֿערלאָזען דאָס הויז פֿון איהר פֿאָטער און האָט געפֿאָלגט דעם ראַטה פֿון דער דינערין. זי האָט געקוקט אויף זיך אַזוי ווי אויף אַ געפֿאַלענע.

רוסטאַן האָט נאָכגעשפּירט די ביידע מיידלאַך פֿון דער ווייטען, אום אויסצוגעפֿינען זייער היים, דען די ליידענשאַפֿט האָט ביי איהם דערשטיקט אַלע בעסערע געפֿיהלען. ווען ער האָט געזעהן, אַז צולייקאַ איז אַריינגעגאַנגען אין דאָס הויז פֿון איהר פֿאָטער, האָט ער באַלד פֿערשטאַנען, אַז זי איז די טאָכטער פֿון דעם אַלטען קאַיד מיהראַב. ער האָט שוין פֿריהער געהערט פֿון איהר שעהנהייט, נאָר ער האָט קיינמאָל ניט געהאַט די געלעגענהייט איהר צו זעהן. איצט אָבער, ווען זיינע אויגען האָבען זיך ערקוויקט אָן דער שעהנהייט פֿון איהר הערליכען קערפּער, האָט ער געשוואָרען, אַז ער מוז איהר בעזיצען, וויפֿיעל עס זאָל איהם ניט קאָסטען. ער איז פֿאַרטיג געווען אָנצואווענדען אַלע מיטלען, גוטע און שלעכטע, אום צו דערגרייכען זיין ציעל.

צולייקאַ האָט זיך דעם גאַנצען טאָג פֿערשפּאַרט אין איהר צימער און האָט צו זיך קיינעם ניט צוגעלאָזט. זי האָט געמוזט אָנווענדען איהר גאַנצע ווילענס־קראַפֿט, אום צו בעהערשען איהרע געפֿיהלען, וועלכע האָבען פֿערוואונדעט איהר האַרץ. זי האָט געקעמפֿט אַ לאַנגע צייט מיט זיך אַליין, צי זי זאָל דערצעהלען אַלי'ן וואָס עס האָט געטראָפֿען מיט איהר, צי ניט. זי איז זיכער געווען, אַז ער וואָלט דער'הרג'עט דעם עמיר, ווען ער וואָלט זיך נור דערוואוסט פֿון דיזער שענדליכער בעליידיגונג, און זי האָט אויך בעגריפֿען די שרעקליכע פֿאָלגען, וואָס אַזא טהאַט וואָלט פֿעראורזאַכט.

דערפֿאַר האָט זי בעשלאָסען ביי זיך פֿאָרלויפֿיג צו שווייגען און אָבצוואוואַרטען אויף אַ בעסערע געלעגענהייט. נאָר איהר האַרץ איז געווען צובראָכען און דאָס געפֿיהל פֿון גליק און צופֿרידענהייט האָט פֿאַר איהר מעהר ניט עקזיסטירט.

IV.

איינזאם און פערלאזען.

דער עמיר רוסטאַן איז איבערצייגט געווען, אַז עס וועט זיך איהם זיכער איינגעבען צו בעקומען צולייקאַ, און מיט דער גאַנצער ענטשלאָסענהייט פון זיין ווילדען כאַראַקטער האָט ער אויסגעאַר־בייט זיינע פלענער. דאָס ערשטע, וואָס ער האָט געטהאָן, איז געווען אַ וויזיט ביי קאַיד מיהראַב. בעגלייטעט פון צאָהלרייכע דיענער האָט ער זיך פאָרגעשטעלט ביי דעם אַלטען און האָט איהם געבעט־טען די האַנד פון זיין טאָכטער. דער קאַיד האָט איהם עמפפאַנגען מיט גרויס רעספּעקט, דען רוסטאַן איז געווען אַ פאָרנעהמער און איינפלוסרייכער מאַן. עס איז גראַדע געווען אין דער צייט, ווען קאַרל דער פינפטער האָט געהערשט איבער אַ האַלבע וועלט, אין וועלכער די זונן איז קיינמאָל ניט אונטערגעגאַנגען. דער עמיר איז געווען אַ בעזונדערער ליעבלינג פון דעם מעכטיגען קריסטליכען קייזער, דען ער האָט איהם געטהאָן מאַנכען גוטען דיענסט אין דער מלחמה, וועלכע ער האָט געהאַלטען מיט די זעערויבער־שטאַאַטען טוניס און מאַראָקאָ. שטיצענדיג זיך אויף די פריינדשאַפט פון דעם קייזער, איז רוסטאַן בעגאַנגען מאַנכע געוואַלד־טהאַטען, פאַר וועלכע אַן אַנדערער וואָלט זיכער בעדאַרפט בעצאָהלען מיט זיין לעבען.

מיט שטאָלצע ווערטער האָט דער עמיר געפאָדערט פון מיהראַב, ער זאָל איהם געבען צולייקאַ פאַר זיין פרוי. ער האָט ערקלערט, אַז מען האָט איהם דערצעהלט פון איהר וואונדערבאַרער

שעהנהייט, און דערפֿאַר איז ער ניט לענגער אימשטאַנד צו אונטערדריקען זיינע געפֿיהלען און וויל חתונה האָבען מיט צולייקאַ׳ן. אַז ער האָט בעהאַלטענערהייט איהר געזעהן, ווען זי האָט זיך געבאָדען אין די קוועלען פֿון וואַד על קעביר, האָט ער נאַטירליך פֿערשוויגען, אום ניט אַרויסצורופֿען דעם גערעכטען צאָרן פֿון דעם אַלטען.

רוסטאַן האָט גערעדט מיט ליידענשאַפֿט, און זיינע ווערטער האָבען זיך מעהר אָנגעהערט ווי אַ בעפֿעהל איידער אַ בקשה. דער קאַיד, בעמערקענדיג די אויפֿרעגונג פֿון דעם מעכטיגען מאַן, האָט איהם רוהיג און פֿריינדליך געענטפֿערט, אַז דער פֿאָרשלאַג פֿון אַזאַ נאָבעלען און איינפֿלוסרייכען מאַן, וועלכער איז אפילו זעהר געאַכטעט און רעספעקטירט פֿון דעם קייזער, איז פֿאַר איהם אַ גרויסער כבוד, נאָר ליידער איז ער ניט אימשטאַנד צו ערפֿילען זיין וואונש, דערפֿאַר ווייל צולייקאַ איז שוין אַ כלה פֿאַר אַן אַנדערן, און אין עטליכע וואָכען אַרום דאַרף שוין זיין די חתונה.

דער עמיר איז שרעקליך אויפֿגערעגט געוואָרען. ער איז געוועזן אַ מענש, וואָס איז געוואוינט געוועזן צו בעפֿעהלען, און עס האָט קיינמאָל ניט געטראָפֿען, אַז זיינע בעפֿעהלען זאָלען ניט ווערען אויסגעפֿיהרט בלינדערהייט. און איצט האָט מען איהם ערקלערט, אַז עס איז אונמעגליך צו ערפֿילען זיין וואונש, איהם, דעם מעכטיגען מאַן, וועלכער האָט געקענט קריגען די שעהנסטע פֿרויען, איהם זאָל מען אָבזאָגען! דיזער געדאַנק האָט איהם געפּייניגט ווי דער שטאָך פֿון אַ סקאָרפּיאָן, דען עס איז געוועזן אַ דירעקטע בעליידיגונג פֿאַר זיין עהרגייציגען, אויטאָריטערען כאַראַקטער. מיט שאַרפֿע, בעפֿעהלענדע ווערטער האָט ער ערקלערט, אַז די אורזאַכע, וועלכע קאַיד מיהראַב האָט אָנגעגעבען, אום צו רעכטפֿערטיגען זיין בעשלוס, איז פֿאַר איהם קיין גרונד ניט זיך צו ענטזאָגען פֿון צולייקאַ, און ער האָט פּראָסט געפֿאָדערט, דער אַלטער זאָל צוריקנעהמען זיין פֿערשפּרעכען און צווינגען זיין טאָכטער אָבצוברעכען איהרע בעציהונגען צו אַלי׳ן. קאַיד מיהראַב האָט פֿערזוכט איהם

צו בערוהיגען מיט פריינדליכע ווערטער און האָט איהם געצייגט, אַז עס איז אונמעגליך פון איהם צו פערלאַנגען אַזאַ זאַך; נאָר רוסטאַן האָט איהם גאָר ניט אויסגעהערט, דען זיין גאַנצער גייסט איז בעהערשט געוואָרען פון דעם איינציגען געדאַנק — צו בעזיצען צולייקאַ. ער האָט דעם אַלטען מיהראַב נאָך געזאָגט פיעלע צאָרניגע און בייזע ווערטער, צולעצט האָט ער פערלאָזען דאָס הויז מיט שנעלע טריט, קאָכענדיג פון אינערליכען צאָרן און אויפרעגונג. זוען ער איז געשטאַנען אויף דער שוועל פון טהיר, האָט ער זיך נאָך אַמאָל אומגעקעהרט צו קאַיד מיהראַב, און אויסשטרעקענדיג זיינע שטאַרקע אָרעמס, האָט ער אויסגעשריען: „איך וועל קומען נאָך אַמאָל! איך וועל ניט רוהען, ביז וואַנען צולייקאַ וועט זיין מיין ווייב! איך וועל אָנווענדען מיין גאַנצע מאַכט געגען אייך, און פערגעסט ניט, מיין מאַכט איז גרויס! מיר קען מען קיין זאַך ניט אָבזאָגען.”

און מיט אַ ווילדען בליק האָט ער זיך אַרויפגעוואָרפען אויף זיין שטאָלצען פערד און האָט אַוועקגעלאָפירט, אַז דער זאַמד איז געפלויגען אין דער לופטען און זיינע בעגלייטער האָבען איהם כמעט ניט געקענט מיטהאַלטען.

ווען ער איז געקומען אַהיים, אין אַ פראַכטפאָלע הויז מיט קעניגליכע איינריכטונגען, האָט ער זיך געלאָזט אַראָבנעהמען פון זיינע דינער זיין געוועהר און אויבערקליידער און מיט אַ דעספּאָטישער אונגעדולד האָט ער די דינער געטראָטען מיט די פיס, ווען זיי זיינען ניט געווען גענוג שנעל אין זייערע בעוועגונגען. נאָכדעם האָט ער זיך אַוועקגעלייגט אויף אַ פראַכטפאָלען דיוואַן, צו פערטרייבען זיין שרעקליכען גרימצאָרן. יעדער איינער האָט געמוזט ליידען פון זיינע קאַפּריזען, און אַלע האָבען געפיהלט, אַז דער הערר געפינט ניט זיך אין קיין גוטער שטימונג. ער האָט זיך געלאָזט ברינגען וויין און בעפאָהלען, אַז זיינע האַרעם-פרויען זאָלען קומען צו איהם. די פרויען זיינען געקומען, וואונדערבאַר שעהנע געשטאַלטען, און אָבוואָהל זיי האָבען מורא געהאַט פאַר דעם בייטש פון דעם

דעספּאָטישען מאַן, האָבען זיי דאָך זאַנפּט געשמייכעלט און גערעדט צו איהם מיט זיסע ווערטער, אום צו פֿערטרייבען זיינע פֿינסטערע געדאַנקען. איינע האָט איהם איינגעגאָסען וויין אין אַ קאָסטבאַרען באָקאַל, וועלכער האָט געבלישטשעט און געפֿונקעלט אַזוי ווי אַ ריעזיגער רובין. אַ צווייטע האָט אָנגעהויבען שפּיעלען זיסע ליעד־בעם־ליעדער אויף דער מאַנדאָלינאַ, און אַ דריטע האָט איהם אַרומגענומען מיט איהרע צאַרטע, ווייסע אָרעמס און איהם פֿאַר־געזוּנגען איהרע שעהנסטע מעלאָדיען, ביז ער האָט איהר פֿערמאַכט די שעהנע רויטע ליפּען מיט גליהענדע, ליידענשאַפֿטליכע קושען. שפּעטער זיינען געקומען פֿריינד, און מען האָט געלעבט, געליעבט און געזונגען די גאַנצע נאַכט, ביז דער יונגער טאָג האָט זיך אָנ־געהויבען.

רוסטאַן איז געווען אַ מאָדנער כאַראַקטער; אויף דער יאַגד און אין דער מלחמה האָט ער זיך בעוויזען אַלס העלד, אָבער אין דערהיים איז ער געווען גרויזאַם און פֿול מיט ליידענשאַפֿט. דעם גאַנצען טאָג האָט ער זיך איצט נאָר אָבגעגעבען מיט דעם גע־דאַנק, ווי צו בעקומען צולייקאַ, און ער האָט געשמידט טויזענדער פּלענער, אום צו דערגרייכען זיין ציעל. ענערגיע און ענטשלאָסענ־הייט זיינען געווען די הויפּט-אייגענשאַפֿטען פֿון זיין שטורמעדיגען כאַראַקטער; ווען ער איז געגאַנגען אויף דער ליבען־יאַגד האָט ער הונדערט מאָל ריזיקירט זיין לעבען, אָבער ער האָט ניט גערוהט, ביז ער האָט דער׳הרג׳ט דעם געפֿעהרליכען געגנער. איצט, ווען עס האָט זיך איהם פֿערגלוסט צו בעזיצען צולייקאַ, האָט ער גע־זאָלט אונטערדריקען זיינע געפֿיהלען, ווייל זי איז שוין געווען אַ כלה פֿאַר אַן אַנדערן? ניין, און טויזענד מאָל ניין! דאָס וואָלט פֿאַר איהם געווען אַן ערנידעריגונג, אַ פֿייגהייט, אַ שאַנדע און מיט אַן אונבעזיעגבאַרער ענערגיע האָט ער בעשלאָסען צו בעקומען די שעהנע צולייקאַ, ווי שווער עס זאָל איהם ניט אָנקומען.

ער איז נאָך אַמאָל געגאַנגען צו קאַיד מיהראַב און האָט ווי־דערהאָלט זיין וואונש, אָבער דער אַלטער האָט איהם אויך דיזעס

מאָל ערקלערט, אַז ער קען ניט ערפילען זיין פאָדערונג, ניט קור־
קענדיג דערויף, אַז דער עמיר איז געווען נאָך בייזער און האָט איהם
נאָך מעהר געסטראַשעט ווי דעם ערשטען מאָל. ער האָט געשיקט
דיענער צו אַלי און זיין פאָטער, אַז זיי זאָלען אָבלאָזען דעם שדוך,
אָבער אויך דאָס האָט איהם ניט געהאָלפען. יעדער דורכפאַל האָט
נאָך פערשטאַרקערט זיין צאָרן, און ער האָט ענדליך בעשלאָסען
אָנצואווענדען געוואַלד, אום צו בעקומען דאָס שעהנע אַראַבער־
מיידעל; אין ערגסטען פאַל האָט ער גערעכענט אויף דעם שוץ
פון'ם קייזער.

די ווילדע דראָהונגען פון דעם עמיר האָבען געצוואונגען אַקבאַר
און מיהראַב צו פעראייניגען זייערע קינדער וואָס גיכער. דער טאָג
פון דער חתונה איז געקומען. טיעף פערשלייערט און בעגלייטעט
פון איהרע אַלע פריינד און פערוואַנדטע איז צולייקאַ אָנגעקומען
אין דעם הויז פון איהר יונגען מאַן. די צערעמאָניעס פון דער
חתונה האָבען זיך אָבגעשפיעלט נאָך די אַלטע מנהגים און גע־
וואוינהייטען. אַלע זיינען געווען פרעהליך און פערגניגט און האָבען
בעוואונדערט די שעהנע פאָר פאָלק. ענדליך, נאָכדעם ווי די לעצטע
געסט זיינען זיך צוגאַנגען, איז אַלי געבליבען אַליין מיט דער גע־
ליעבטער אין דעם אַנגענעהמען שלאָף-צימער.

ביידע זיינען געשטאַנען אויף דעם ווייכען טעפיך שטום און
איבערגליקליך און האָבען זיך געהאַלטען ביי די הענד ווי צוויי
קינדער. אַלי האָט געפיהלט, אַז צולייקאַ'ס האַנד ציטערט אין דער
זייניגער, און פלוצלינג האָט ער אַרומגענומען דעם צאַרטען, שלאַנ-
קען קערפער פון דער געליעבטער און האָט בעדעקט איהרע הער־
ליכע ליפען מיט הייסע, ליידענשאַפטליכע קושען. לאַנגזאַם האָט
ער איהר אַראָבגענומען דעם שלייער און די קאָסטבאַרע קליידער,
און זיינע אויגען זיינען אַזוי ווי געבלענדעט געוואָרען פון איהר
געטליכער שעהנהייט. צולייקאַ האָט פערשטעלט איהרע וואונדער־
באַרע אויגען מיט ביידע הענד, דען עס איז געווען דעם ערשטען
מאָל, וואָס איהר אונשולדיגער קערפער איז געקומען אין אַזאַ

נאָהנטע בעריהרונג מיט דעם געליעבטען מאַן. מיט אַ זאַנפטען דרוק האָט איהר אַלי אַראָבגענומען די שעהנע ווייסע הענד און איהר אַריינגעקוקט אין די טיעפע שוואַרצע אויגען, וועלכע האָבען געגלאַנצט פון אַ שטומער זעליגקייט. צולייקאַ האָט געציטערט, דער־פיהלענדיג די וואַרעמע, גוטע בליקען פון דעם געליעבטען. אַלי איז געוועזען אַזוי ווי פער׳שכור׳ט; אַלעס האָט זיך איהם פאַרגעשטעלט ווי אַ חלום, אַ שעהנער, זיסער טרוים, וואָס האָט בעצויבערט אַלע געפיהלען און עמפפינדונגען פון זיין נשמה. עס האָט זיך איהם גאָר ניט געוואָלט גלויבען, אַז דיזע געטליכע פרוי בעלאַנגט איצט צו איהם, אַז אַזוי פיעל שעהנהייט איז בעשאַפען געוואָרען, אום צו ערקוויקען די טיעפסטע געפיהלען פון זיין נשמה.

און ווידער האָט ער איהר אַרומגענומען מיט זיינע יונגע, קרעפטיגע אָרעמס; ער האָט געפיהלט די הייסע גלוטה פון איהר הערליכען קערפער, וועלכער האָט זיך אימער שטאַרקער צוגעדריקט צו זיינעם. אָבער פונקט ווען אַלי האָט געוואָלט געניסען די העכסטע זעליגקייט פון דער ליעבע, האָט זיך דערהערט אַ גערויש; דער גרויסער, שווערער פאָרהאַנג, וועלכער האָט אָבגעטהיילט דאָס שלאָף־צימער פון אַן אַנדערן רוים, איז האַסטיג צוריקגעצויגען געוואָרען און דאָס מורא׳דיגע געזיכט פון אַן אַלטען דיענער האָט זיך בעוויזען, וועלכער האָט האַסטיג אַרויסגעשטאַמעלט די ווערטער:

„ביי די באָרד פון דעם הייליגען פראָפעט, ראַטעוועט זיך! דער עמיר רוסטאַן קומט דורך דער וויסטע מיט פיעלע בעוואַפענטע רייטער! ס׳איז קיין צווייפעל ניט, אַז ער וויל אַוועקרויבען צו־לייקאַ פון דיר. מיר זיינען ניט צוגעגרייט אויף אַ קאַמפף, דערפאַר מוזט איהר אַנטלויפען! גיכער, גיכער, אַז ניט וועט זיין צו שפעט!"

אין דעמזעלבען מאָמענט איז אַריינגעלאָפען אַלי׳ס פאָטער און מיט אַ ציטערענדער שטימע האָט ער צוגערופען דיביידע פער־ליעבטע: „גיכער, גיכער, מיינע קינדער! אויב ניט, זיינען מיר פערלאָרען. אין דרויסען שטעהען שוין צוויי פערד און וואַרטען אויף אונז!"

צוליײקאַ האָט זיך שטאַרקער צוגעדריקט צו דעם געליעבטען, האַלב אין חלשות פֿון שרעק און אויפֿרעגונג. אַלי איז געװען אַזױ װי צומישט. גראַדע אין דעם מאָמענט, װען זײן העכסטער גליק איז געװען אַזױ נאָהנט צו איהם, רײסט איהם דאָס גרױזאַמע שיקזאַל אַרױס פֿון אַלע זײנע חלומות. דער צאָרן און די פֿערצװײפֿלונג האָבען איהם באַלד דערשטיקט; אָבער ער האָט שנעל צוזאַמענגענומען אַלע קרעפֿטען, אום אױפֿצונעהמען דעם קאַמפּף. מיט אַ שרעקליכער קללה געגען דעם עמיר אויף די ליפּען האָט ער צוליײקאַ אײנגעװיקעלט אין אַ לאַנגען מאַנטעל און איהר אַרױסגעטראָגען פֿון הױז. אין דרױסען זײנען געשטאַנען צװײ פֿײערדיגע פֿערד און האָבען אונגעדולדיג געשאַרט מיט די קאָפּיטעס, פּונקט װי זײ װאָלטען פֿערשטאַנען די געפֿאַהר. דער אַלטער אַקבאַר איז שױן געזעסען אויף אײן פֿערד און האָט צוגעטריבען זײנע קינדער. אַלי האָט אַרױפֿגעהױבען די געליעבטע אויף׳ן פֿערד און איז שנעל אַרױפֿגעשפּרונגען אויף׳ן זאָטעל. װי אַ בליץ זײנען זײ געפֿלױגען דורך דער װיסטע, אין דעם װײסען זילבער־ליכט פֿון דער לבנה. װען דער עמיר איז אָנגעקומען פֿאַר דעם הױז פֿון דעם אַלטען אַקבאַר, און האָט בעמערקט, אַז די יונגע פּאָר פֿאָלק זײנען אַנטלאָפֿען געװאָרען, איז ער באַלד אַראָב פֿון זינען. אײנעם פֿון די דיענער, װעלכער איז איהם געשטאַנען אין װעג, האָט ער געשפּאָלטען דעם קאָפּ מיט זײן שאַרפֿער שװערד; נאָר ער האָט באַלד פֿערשטאַנען, אַז דער צאָרן אַלײן װעט איהם ניט העלפֿען, און װיענדיג אַן ענטשלאָסענער און ענערגישער מענש, װעלכער האָט זיך ניט אָבגעשראָקען פֿאַר קײן זאַך, האָט ער זיך באַלד גענומען צו פֿערפֿאָלגען די אַנטלאָפֿענע. אַזױ װי אַ שטורם־װינד איז ער געפֿלױגען איבער דער גרױסער װיסטע, אום צו דעריאָגען אַלי און צוליײקאַ; די איבעריגע רײטער זײנען כמעט ניט אימשטאַנד געװען איהם צו פֿאָלגען.

אַלי און זײן פֿאָטער זײנען בײדע געװען געניטע רײטער און זײ האָבען געגלױבט, אַז עס װעט זײ געלינגען זיך צו ראַטעװען פֿון זײערע גוט־בעװאָפֿענטע פֿערפֿאָלגער. אַזױ װי דער בליץ זײנען זײ

געפּלויגען דורך דער שטילער נאַכט, באַרג אַרויף, באַרג אַראָב, קוים וואָס די פּערד האָבען בעריהרט דעם זאַמד פון דער וויסטע. עס איז געוועזן אַ רייטען אויף טויט און לעבען, און די דריי האָבען גוט געפּיהלט, דאָס עס גילט אָב אַלעם צו געווינען אָדער אַלעם צו פּערלירען. דער אַלטער אַקבאַר איז געוועזן אַזוי אויפגערעגט, אַז ער האָט צולעצט פערלאָרען די מאַכט איבער זיין פערד און מעהר ווי איינמאָל האָט ער געהאַלטען ביים אַראָבפּאַלען. אָבער די פּער-צווייפלונג האָט איהם געגעבען ריעזען-קרעפטען, און אימער ווייטער האָט זיך פאָרטגעזעצט די ווילדע יאַגד. דעט עמיר רוסטאַן איז גע-ריטען ווי דער שטן אַליין. זיין פערד איז געפלויגען ווי אַ שטורם-ווינד איבער דער וויסטע און נאָר איינער פון זיינע בעגלייטער איז געווען אימשטאַנד איהם נאָכצוהאַלטען.

אימער קליינער איז געוואָרען דער רוים צווישען די פּערפאָל-גער און די פּערפאָלגטע. די לבנה האָט אויסגעגאָסען איהר פולען גלאַנץ איבער דער איינזאַמער וויסטע, און דער עמיר האָט שוין דערזעהן אין דער ווייטען די דונקלע שאָטענס פון דיביידע ריי-טער. ער האָט געגעבען זיין פערד די שפּאָרען, אַז דאָס בלוט האָט זיך אַראָבגעגאָסען פון ביידע זייטען; און געפּייניגט פון דעם שרעקליכען שמערץ, האָט דאָס פערוואונדעטע טהיער נאָך פּער-שטאַרקערט זיינע פערצווייפּעלטע אָנשטרייננגונגען. — „איך מוז איהר בעזיצען, טויט אָדער לעבעדיג,” האָט רוסטאַן געמורמעלט צווישען די צייהנער. און מיט אַ ווילדער בעוועגונג האָט ער אָנגע-שפּאַרט די לאַנגע ביקס אָן דעם רעכטען שולטער און האָט אויס-געשאָסען. דאָס פערד פון אַרמין אַקבאַר האָט געגעבען אַ ווילדען שפּרונג און דער אַלטער איז אַרונטערגעפּאַלען אויף דעם זאַמד פון דער וויסטע מיט אַ פערשטיקטען קרעכץ. אַ צווייטער שאָס האָט געקראַכט אין דער נעכטליכער שטילקייט. אַלי, וועלכער האָט בעשיצט צולייקאַ׳ן מיט זיין אייגענעם קערפּער האָט דערפּיהלט אַ ברענענדיגען שמערץ, ס׳איז איהם פינסטער געוואָרען פאַר די אויי-

גען און מיט די ווערטער „מיין זיסע, טהייערע געליעבטע," איז ער אַרונטערגעפּאַלען פּון פּערד.

דאָס אַלעס האָר פּאַסירט אין איינינע סעקונדען.

שנעל ווי אַ פּייל איז רוסטאַן געפּלויגען צו דעם אָרט, וואו זיינע אָפּפּער זיינען געלעגען אויף דער ערד, דער איינער טויט, דער אַנדערער אין חלשות. מיט אַ ווילדער ענערגיע האָט ער געפּאַקט די הילפלאָזע צולייקאַ און האָט איהר צו זיך אַרויפגעצויגען אויף'ן פּערד — „איצט ביזט דו מיין!" האָט ער געשריגען מיט אַ טריאומפּירענדער שטימע. „מיין ביזט דו און מיין וועסט דו בלייבען, דען איך בין דיין העררר!" און מיט דערזועלבער שנעלקייט, ווי ער איז געקומען, האָט ער פּערלאָזען דעם שרעקליכען פּלאַץ, וואו פינסטערע קרעפּטע האָבען בעשטימט דעם שיקזאַל פון דריי מענשען...

V.

יוסוף.

אַ היבשע צייט איז אַלי געלעגען אויף דעם וואַרעמען זאַמד פֿון דער וויסטע, איינזאַם, פֿערלאָזען אָהן בעוואוסטזיין. ווען ער איז ענדליך ווידער געקומען צו זיך, האָט ער דערפֿיהלט אַ ברענענדיגען שמערץ אין לינקען אָרעם, וואו רוסטאַן'ס קויל האָט איהם פֿערוואונדעט. דיקע טראָפּענס בלוט האָבען זיך אַרויסגעגאָסען פֿון דער וואונד, אָבער ער האָט אפילו ניט פֿערזוכט צו פֿערבינדען די וואונד, דען דער שמערץ פֿון זיין נשמה איז געווען פֿיעל שטאַרקער, איידער די ליידען פֿון זיין קערפּער. עס האָט איהם גענומען אַ לענגערע צייט, ביז ער האָט זיך דערמאָנט, וואָס עס האָט אייגענטליך פּאַסירט מיט איהם. ביסלעכווייז האָט ער פֿערשטאַנען דעם מורא'דיגען אונגליק, וואָס האָט איהם געטראָפֿען, און מיט אַ וואַהנזיניגער פֿערצווייפֿלונג האָט ער גערופֿען צולייקאַ'ס נאָמען אין אַלע עקען. אָבער אַלעס איז געבליבען שטום און די שטילע נאַכט האָט אפילו קיין עכאָ ניט געהאַט פֿאַר זיין קלאָגען. מיט גרויסע אָנשטריינגונגען האָט ער זיך אויפֿגעהויבען פֿון דער ערד און איצט ערשט האָט ער בעמערקט, אַז ניט ווייט פֿון איהם ליגט דער קערפּער פֿון זיין אַלטען פֿאָטער שטיל און אָהן אַ בעוועגונג. לאַנגזאַם האָט ער זיך צוגעשלעפּט צו דעם אַלטען מאַן, האָט איהם אָנגעטאַפּט מיט די הענד און גערעדט צו איהם צערטליכע ווערטער; אָבער אַלעס איז געווען אומזיסט. דער אַלטער איז געבליבען שטיל און שטום; רוסטאַן'ס קויל האָט איהם געטראָפֿען אין מיטען האַרץ. האַסטיג האָט ער דעם טויטען אויפֿגעריסען די קליידער,

דען עס האָט זיך איהם אימער נאָך ניט געוואָלט גלויבען, אַז זיין פֿאָטער איז ווירקליך טויט; ער האָט איהם געקושט די בלאַסע, קאַלטע ליפּען און איהם געגלעט די איינגעפֿאַלענע באַקען, אָבער אַמין אַקבאַר האָט קיין זאַך מעהר ניט געפֿיהלט.

ענדליך האָט אַלי פֿערשטאַנען, אַז זיין פֿאָטער איז ווירקליך טויט, און איצט ערשט האָט ער קלאָר און דייטליך געפֿיהלט דעם שרעקליכען אונגליק, וואָס האָט איהם געטראָפֿען אין דעם טאָג פֿון זיין חתונה. „דער פֿאָטער ערמאָרדעט, צוליקאַ אַוועקגערויבט פֿון מיר", האָט ער געשריגען מיט אַ ווילדער פֿערצווייפֿלונג, און דער גרויזאַמער שמערץ האָט איהם כמעט דערשטיקט. ער האָט געוואָלט וויינען, אָבער זיין שמערץ איז געווען צו גרויס און זיינע אויגען האָבען ניט געהאַט קיינע טרעהרען, נאָר אַ קאַלטער שווידער האָט דורכגענומען זיין גאַנצען קערפּער און אַלע גליעדער האָבען איהם אָנגעהויבען ציטערן אין דער מורא'דיגער איינזאַמקייט פֿון דער וויסטע.

ער האָט זיך שיער צובראָכען דעם קאָפּ צו געפֿינען אַן אויסוועג. זאָל ער צוזאַמענעהמען אַלע זיינע קרעפֿטען און פֿערפֿאָלגען דעם שענדליכען מערדער, דעם רויבער פֿון זיין גליק? אָבער וואָס וואָלט עס איהם געהאָלפֿען? דער עמיר האָט געהאַט אַ גוט פֿערד, און ווער ווייס ווי לאַנג ער אַליין איז שוין געלעגען בעוואוסטלאָז אין דער וויסטע, איידער ער איז ווידער געקומען צו זיך. אויסער דעם איז ער געווען פֿערוואונדעט און אָהן קרעפֿטען, און פֿריהער פֿון אַלעם האָט ער געהאַט די הייליגע פֿליכט צו בעגראָבען דעם טויטען קערפּער פֿון זיין פֿאָטער, כדי די ווילדע חיות פֿון דער וויסטע זאָלען איהם ניט אויפֿעסען.

אַלי האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטען, אום אויסצוגעפֿי־נען, וואו ער געפֿינט זיך אייגענטליך. ער האָט בעמערקט, אַז ער מוז זעהר וויט זיין פֿון זיין היים, די גאַנצע געגענד האָט זיך איהם אויסגעוויזען אַזוי קאַלט און פֿרעמד, און די ציטערדיגע שטראַהלען פֿון דער לבנה האָבען זי געמאַכט נאָך קעלטער און פֿרעמדער. אַ מורא'דיגעס געפֿיהל האָט זיך אַריינגע'גנב'עט אין זיין

מוטהיגעם האַרץ, ווען ער האָט דערזעהן, אַז ער איז גאַנץ אַליין
מיט דעם טויטען אין דער איינזאַמער וויסטע. פּלוצלונג האָט זיך
איהם פאַרגעשטעלט, אַז זיינע אויערען דערהערען אין דערווייטען
דעם גערויש פון וואַסער, און ביסלעכווייז האָט ער זיך דערמאָהנט אין
וואָס פאַר אַ געגענד ער געפינט זיך. ער האָט געוואוסט, אַז ניט
ווייט פון דאַנען איז אַ קוואַל, וואָס גיסט זיך אַריין אין אַ קליינעם
טייכעל, און ניט אַכטענדיג אויף דעם שמערץ פון זיין וואונד, האָט
ער אויפגעהויבען דעם טויטען קערפּער און האָט איהם צוגעטראָגען
צום וואַסער. נאָך אַ קורצע וואַנדערונג האָבען זיינע אויגען דער־
זעהן דאָס וואַסער פון דעם קליינעם טייכעל, וועלכעס האָט גע־
בלישטשעט ווי געשמאָלצענע זילבער ביי דעם שיין פון דער לבנה.
פאָרזיכטיג האָט ער אַוועקגעלייגט דעם געליעבטען טויטען ביים
ברעג טייך, אום איהם אָבצואוואַשען דאָס פּנים. אָבער אין דער
צייט וואָס ער איז פערטהאָן געווען מיט דיזער טרויעריגער אַרבייט,
איז זיין האַרץ ווידער געפייניגט געוואָרען פון די שרעקליכסטע און
גרויזאַמסטע שמערצען, דען ער האָט זיך דערמאָנט פון דאָס ניי
אין דעם מורא'דיגען אונגליק, וואָס האָט פערגיפטעט זיין יונג
לעבען. מיט עטליכע שטונדען צוריק איז ער געווען דער גליק־
ליכסטער מענש אונטער דער זון, איצט איז ער געווען אונגליקליכער פון
אַלע אונגליקליכע. אין זיין פערצווייפלונג האָט זיך איהם פאָרגע־
שטעלט, אַז קיין מענש האָט ניט אַזוי פיעל געליטען ווי ער. זיין
שמערץ וועגען זיין טויטען פאָטער און דער שרעקליכער געדאַנק,
אַז צולייקאַ געפינט זיך איצט אין די הענד פון דעם עמיר, אָט דיזע
שרעקליכע ליידען פון זיין פערבלוטיגטער נשמה האָבען באַלד פון
איהם אַוועקגערויבט דעם פערשטאַנד. ער איז אפילו ניט אימשטאַנד
געווען אַלעס ריכטיג צו בעגרייפען; דער קאָפּ איז איהם געווען
שווער, אַזוי ווי עס וואָלט אויף איהם געלעגען אַ באַרג. ער האָט
נאָך געפיהלט דעם וואַרעמען בוזעם פון צולייקאַ אויף זיין ברוסט און
איהר הייסען אָטהעם; איהרע זיסע ליעבעס-ווערטער האָבען נאָך
געקלונגען אין זיינע אויערן. און איצט? — — אַך, עס איז

געווען צו שרעקליך און אונבעגרייפליך! עס וואָלט איהם שוין ליעבער געווען צו ליגען לעבען זיין טויטען פאָטער אין דער וויסטע, קאַלט און שטום, בעפרייט פון אַלע שמערצען. אָבער ער האָט געפיהלט, אַז ער קען ניט, ער טאָר נאָך ניט שטאַרבען, ווייל פריהער האָט ער געמוזט נעהמען ראַכע און בעפרייען צולייקאַ פון דער געפאַנגענשאַפט פון דעם שענדליכען מערדער. עס האָט זיך איהם פאָרגעשטעלט, אַז ער הערט אין דערווייטען דעם פערצווייפעלטען געשריי פון זיין געליעבטע, וועלכע קעמפפט געגען די ברוטאַליטעט פון דעם עמיר, און אַלי'ס האַרץ איז פערבלוטיגט געוואָרען, זיין גאַנצער קערפער האָט זיך בעדעקט מיט אַ קאַלטען שוויס און אַ שרעקליכע קללה האָט זיך אַרויסגעריסען פון זיינע בלאַסע ליפען.

„פערשאָלטען, דריימאָל פערשאָלטען זאָל זיין דער טאָג, וואָס איך בין געבאָרען געוואָרען! שוואַרץ און פינסטער זאָל ער זיין, די זון זאָל ניט שיינען און ניט לייכטען קיין שטערען! אַך, וואָרום בין איך שוין ניט געשטאָרבען אין מיין מוטער'ס לייב. איך וואָלט דאַן צופרידען געווען און מיין האַרץ וואָלט ניט געוואוסט פון שמערצען און ליידען! צו וואָס זאָל איך נאָך ווייטער לעבען, איינזאַם און פערלאָזען? יעדער טאָג וועט מיר ברייגנען נייע ליידען, יעדען שטונדע נייע שמערצען! וואָס האָב איך צו טהאָן אין אַ וועלט, וואו עס הערשען בלויז געוואַלד און אונגערעכטיגקייט? אַלעס איז טויט פאַר מיר, איבעראַל שמערץ און פערצווייפלונג! נאָר איין זאַך וויל איך נאָך, ראַכע מוז איך נעהמען, ראַכע, בלוטיגע ראַכע פון דעם עמיר רוסטאַן. פערשאָלטען זאָל ער זיין דער הונד, דער מערדער פון מיין גליק! די ערד זאָל ברענען אונטער זיינע פיס און גיפטיגע שלאַנגען זאָלען אַרויסוואַקסען פון איהר. פערשאָלטען זאָל זיין די האַנד, וואָס בעגריסט איהם! יעדער טרונק, וואָס ער נעהמט אין מויל, זאָל זיך פערוואַנדלען אין סם און פון די שפייז, וואָס ער געהט עסען, זאָלען אַרויסקריכען ווערים! זיין קערפער זאָל פערפוילט ווערען לעבעדיגערהייט, און זיין אָטהעם זאָל פערפעסטען דעם אָרט, וואו ער געפינט זיך!"

אַלי האָט זיך געכאַפּט פאַר די האָר און זיך געוואָרפען מיט'ן פנים אויף דער ערד פון שמערץ און פערצווייפלונג. זיין קערפער איז געווען אַזוי ווי צובראָכען און די נשמה זיינע האָט געבלוטעט פון טויזענד וואונדען. פלוצלינג האָט ער געפיהלט אַן אייזקאַלטען הויך, און זיינע אויערען האָבען דערהערט אַ מאָדנעם גערויש, אַקוראַט ווי די לופט וואָלט דורכגעשניטען געוואָרען מיט אַ שאַרפע קאָסע. מיט אַ שוידער האָט ער זיך אויפגעהויבען פון דער ערד און זיך אַרומגעקוקט; און פאַר איהם איז געשטאַנען אַ מורא'דיגע געשטאַלט, איינגעהילט אין אַ לאַנגען, שוואַרצען מאַנטעל, מיט אַ ביקס אין די אויסגעדאַרטע הענד.

אַלי האָט געקוקט מיט דערשראָקענע אויגען אויף דעם געהיימניספאָלען פרעמדען און אַן אייזקאַלטער שוויס איז איהם אַריבער איבער'ן גאַנצען קערפער, פיהלענדיג אויף זיך דעם מורא'דיגען בליק פון דעם פרעמדען וואַנדערער. דער מאַן, וואָס איז געשטאַנען פאַר איהם, האָט געהאַט אַ שרעקליכען אויסזעהען. דער פנים זיינער איז געווען קאַלט און אויסגעדאַרט, און אין זיינע אויגען האָט זיך בעוויזען אַ העלישער פייער. ער האָט ניט געהאַט קיין ציינער און זיינע דינע ליפען זיינען געווען אָהן אַ טראָפען בלוט און פעסט צוזאַמענגעפרעסט. ער האָט אויסגעזעהן, פונקט ווי ער וואָלט נור בעשטאַנען פון הויט און ביינער, און דער פנים זיינער איז געווען אַזוי געל, ווי די הויט פון אַ טויטען. זיין שטערען איז בעדעקט געווען מיט טיפע קנייטשען, ער האָט אויסגעזעהן, אַזוי ווי ער וואָלט אַלט געווען טויזענדער יאָהרען, און דאָך האָט זיך אַרויסגעצייגט פון אַלע זיינע בעוועגונגען קראַפט און ענערגיע. זיין פנים האָט אויסגעדריקט אַ מורא'דיגע ערענסטקייט און אויף זיינע דינע, בלאַסע ליפען האָט געשפּיעלט אַ ביטערער, איראָנישער שמייכעל. אַלי האָט געפיהלט אינסטינקטיוו די איבערמענשליכע קראַפט פון דיזער שרעקליכער ערשיינונג, וועלכע איז געשטאַנען פאַר איהם שטאָלץ און פינסטער ווי די טריאומפירענדע מאכט פון דעם אייביגען טויט.

„ווער ביזט דו ?" האָט ער געפרעגט, און זיין שטימע האָט געציטערט — „ביזט דו אַ מענש אָדער אַ שד פון דער אייביגער פינסטערניש ?"

„מען רופט מיך יוסף !" האָט דער פרעמדער געענטפערט, און זיינע ווערטער האָבען געקלונגען אַזוי קאַלט און דומפּ, פונקט ווי זיי וואָלטען אַרויסגעקומען פון אַ קבר. און ווידער איז אַלי'ס קערפער דורכגענומען געוואָרען פון אַ קאַלטען שוידער. נאָך אַ קורצען שטילשווייגען האָט דער מאַן אין דעם שוואַרצען מאַנטעל און מיט די שטעכעדיגע אויגען ווידער אָנגעהויבען צו ריידען : — „איך האָב געהערט דיין קלאָגען און דיינע שרעקליכע קללות, און איך בין געקומען דיר צו העלפען."

„מיר ווילסט דו העלפען ?" האָט אַלי געפרעגט, קוקענדיג מיט מורא'דיגע אויגען אויף דעם שרעקליכען פרעמדען ; „קענסט דו אָט דעם טויטען ווידער מאַכען לעבעדיג ? קענסט דו מיר ווידער ברייננען צוריק צולייקאַ, מיין ווייב ?"

„טויט איז טויט," האָט יוסף געענטפערט מיט דערזעלבער שרעקליכער, קאַלטער שטימע. „די, וואָס זיינען געשטאָרבען, וועלען שוין קיינמאָל מעהר צוריק ניט קומען ; אָבער צולייקאַ לעבט, זי קענסט דו ווידער בעקומען."

„ווער ביזט דו, דו שרעקליכער מאַן ?" האָט אַלי אַ געשריי געטהאָן, דען דער מורא'דיגער בליק פון דעם פרעמדען איז איהם אַריינגעדרונגען טיעף אין האַרצען.

„פרעג ניט, ווער איך בין, קום בעסער מיט מיר. איך בין איבעראַל ; דאָרט, וואו די זונן געהט אויף און דאָרט, וואו זי געהט אונטער. איך בין געווען, ווען דער ערשטער פון דיין געשלעכט איז געבאָרען געוואָרען, און איך וועל זיין, ווען דער לעצטער מענש וועט זיך אַוועקלייגען צום לעצטען, אייביגען שלאָף."

„דאַן העלף מיר צוערשט בעגראָבען מיין אָרעמען פאָטער," האָט איהם אַלי געבעטען און האָט זיך ווידער אַראָבגעלאָזט אויף

די קניע, אום דעם טויטען אָבצואוואַשען דאָס קאַלטע פּנים. יוסף האָט זיך צוגעקוקט פֿאַר אַ ווײַלע, אָנשפּאַרענדיג זיך אויף זײַן לאַנגען ביקס. דאַן האָט ער געמאַכט מיט זײַנע דינע, אויסגעדאַרטע הענד געהײמניספֿאָלע בעוועגונגען אין דער לופֿט, און פּלוצלינג זײַנען ערשיענען גאַנצע מחנות קלײַנע זאָנדערבאַרע בעשעפֿענישען, האַלב מענש, האַלב חיה; יוסף האָט זײ געהײסען אויפֿהויבען דעם טויטען קערפּער פֿון אַלי'ס פֿאָטער און איהם צוריק צו טראָגען אין דעם דערפֿעל פֿון די קאַבילען. צום לעצטען מאָל האָט זיך אַלי געזעגענט מיט דעם געליעבטען טויטען, האָט איהם צוגעדריקט די גוטע אויגען און בעדעקט זײַנע קאַלטע, בלאַסע ליפּען מיט הײסע קושען.

„קום איצט מיט מיר!" האָט יוסף געזאָגט מיט אַ בעפֿעהלענדער שטימע — „איך וועל דיר העלפֿען געגען דעם עמיר רוסטאַן. און מאַיעסטעטיש האָט ער אַלי אַ ווינק געטהאָן און איז געגאַנגען ווײַטער מיט לאַנגזאַמע, שטאָלצע טריט. אַלי האָט איהם נאָכגעפֿאָלגט אַזוי ווי אין אַ חלום; ער האָט געפֿיהלט, אַז ער האָט מעהר קײן אײגענעם ווילען ניט; דער געהײמניסאָפֿלער פֿרעמדער האָט איהם געצוויגען צו זיך מיט אַ מאַגישער קראַפֿט. יוסף איז געגאַנגען אַלץ ווײַטער און ווײַטער, שטאָלץ און מאַיעסטעטיש אַזוי ווי דער הערשער פֿון דער וויסטע. ער האָט זיך אפילו ניט אַרומגעקוקט נאָך אַלי'ן, דען ער האָט געוואוסט, אַז דער יונגער קאַביל וועט און מוז נאָכפֿאָלגען די סמנים פֿון זײַנע טריט...

VI.

מאַרא און זורא.

דאָס וועטער איז געווען קאַלט און שטורמדיג; שוואַרצע וואָל־קענס האָבען בעדעקט דעם הימעל און אַ גרויער נעבעל האָט אַרומגערינגעלט דיביידע שטומע וואַנדערער. אַלי האָט געציטערט פון קעלט; ער האָט זיך געפיהלט קראַנק און שוואַך קערפערליך און גייסטיג און ביי יעדען טריט, וואָס ער האָט געטהאָן, האָט זיך איהם פאָרגעשטעלט, אַז ער וועט פאַלען פון שוואַכקייט. פון דעסט־וועגען האָט ער נאָכגעפאָלגט זיין געהיימניספאָלען פיהרער, אַזוי ווי ער וואָלט געווען זיין שאָטען. ער האָט איהם געמוזט נאָכפאָלגען, דען אַ כשוף׳דיגע קראַפט האָט איהם געצוואונגען דערצו, און ער האָט זיך נאָכגעשלעפט דעם פרעמדען בלינדערהייט און אָהן אַ שום ווילען. יוסוף איז געגאַנגען איבער דער וויסטע שטאָלץ און קרעפטיג, און ווי אַלט ער האָט ניט אויסגעזעהן, דאָך האָט זיך אויסגעדריקט אין יעדע פון זיינע בעוועגונגען אַן אונבעזיעגבאַרע ענערגיע און ווילענס־קראַפט. זיין גאַנג איז געווען לייכט און זיכער, קוים וואָס זיינע פיס האָבען בעריהרט דעם זאַמד פון דער וויסטע, ער האָט מעהר געשוועבט, ווי ער איז געגאַנגען.

ענדליך זיינען זיי אָנגעקומען ביי אַ גרויע געצעלט, וועלכע האָט אויסגעזעהן אין דער פינסטערניש אַזוי ווי אַ ריעזיגער וואַמפיר מיט אויסגעשפרייטע פליגלען. „אָט זיינען מיר שוין אין דערהיים,‟ האָט יוסוף געזאָגט מיט דערזעלבער דומפער שטימע און האָט אַלי אַריינגעצויגען מיט זיין אייז־קאַלטער האַנד.

אינעווייניג איז געווען שוואַרץ און פינסטער. „איך וועל דיר

איצט פֿאָרשטעלען מיינעביידע טעכטער; זיי זיינען די שעהנסטע מיידלאַך אין דער גאַנצער וועלט, און דו קענסט מיט זיי טהאָן, וואָס דיין האַרץ גלוסט," האָט יוסף געזאָגט.

ער האָט אַ פּאַטש געטהאָן מיט ביידע הענד. עס האָט געקלונגען, אַזוי ווי אימיצער וואָלט געקלאַפּט מיט צוויי טויטע ביינער; און פּלוצלינג איז געוואָרען ליכטיג. אַלי איז געוועזן ווי פֿערבלענדעט; ער האָט זיך געפֿונען אין אַ פּראַכטפֿאָלען צימער, און זיינע אויגען האָבען דערזעהן די וואונדערבאַר־שעהנע נאַקעטע געשטאַלטען פֿון צוויי מיידלאַך, וועלכע זיינען געלייגען אויף אַ קאָסטבאַרען דיוואַן און האָבען איהם אָנגעקוקט מיט זייערע גרויסע פֿער׳חלום׳טע אויגען ווי אַ ווילקאָמענעם גאַסט.

„אָט דאָס זיינען מיינע טעכטער מאַראַ און זורא," האָט יוסף געזאָגט — „זיי וועלען דיר זאָגען, וואָס דו מוזט טהאָן, אום צו ווערן גליקליך; טהו, וואָס זיי וועלען דיר הייסען. דאָס איז אַלעס, וואָס איך קען דיר זאָגען. און ווידער האָט זיך בעוויזען דערזעלבער ביטערער, איראָנישער שמייכעל אויף זיינע בלאַסע, דינע ליפּען, וועלכען אַלי האָט שוין פֿריהער בעמערקט, אָבער איידער ער האָט נאָך געקענט ענטפֿערן אַ וואָרט, איז דער אַלטער שוין פֿערשוואונדען געוועזן.

אַלי האָט זיך אָנגענומען מיט ביידע הענד פֿאַר׳ן קאָפּ, אום זיך צו איבערצייגען, צי דאָס, וואָס ער זעהט, איז בלויז אַ פּוסטער חלום צי די לעבעדיגע ווירקליכקייט. קיינמאָל בעפֿאָר אין זיין לע־בען האָט זיך איהם בעוויזען די וועיבליכע שעהנהייט אין אַזעלכע וואונדערבאַרע און פֿערפֿיהרערישע פֿאָרמען. אַלע סטרונעס פֿון זיין נשמה האָבען אָנגעהויבען קלינגען פֿון בּיינקעניש, גליק און ליעבע. ער האָט ניט געקענט אַרויסריידען אַ וואָרט, דען עס האָט זיך איהם אפילו ניט גע׳חלום׳ט, אַז די וועלט פֿערמאָגט אַזוי פֿיעל געטליכע שעהנהייט.

אָבער די ביידע מיידלאַך האָבען איהם באַלד אויפֿגעוועקט פֿון זיינע שטומע בעטראַכטונגען. זיי האָבען איהם אָנגענומען ביי

די הענד און צו זיך אַראָבגעצויגען אויף דעם פּראַכטפּאָלען געלעגער. אַזוי איז ער פּלוצלינג געזעסען צווישען מאַראַ און זוראַ, און אַ געהיימניספּאָלער ציטער האָט דורכגענומען זיינע אַלע גלידער. די מיידלאַך האָבען אויסגעזעהן ווי אַ צווילינג; נאָר זוראַ'ס געזיכט איז געווען ערנסטער און אין איהרע גרויסע, דונקלע אויגען האָט זיך אָבגעשפּיגעלט אַ מעלאַנכאָלישע טרויעריגקייט. זי האָט אַרויפּגעלייגט איהר שנעע־ווייסע האַנד אויף זיין פּלייצע און האָט גערעדט צו איהם ערענסטע ווערטער, וועלכע האָבען געמאַכט אַ טיעפען איינדרוק אויף זיינע געפיהלען.

„אַלי, די צייט איז קאָסטבאַר, פּער'חלום ניט דיין לעבען, זיי אַ מאַן, קעמפּף פאַר דיין גליק, קעמפּף ווי אַ העלד געגען די מאַכט פון דעם אייביגען שיקזאַל! דיינק אין צולייקאַ'ן! אָהן איהר וועסט דו קיינמאָל ניט גליקליך זיין. איך וועל דיר פערשאַפען מוטהיגע קעמפּפער. געה צוריק צו דיין פאָלק און פריידיג דעם קריעג געגען דעם עמיר רוסטאַן! זעה צולייקאַ'ן צו בעפרייען פון די הענד פון דעם פערהאַסטען רויבער; עפען אויף די טהירען פון איהר געפענגניס און ברייגג איהר אַהיים אין דיין הויז! היט זיך, אַלי, דו זאָלסט ניט פערלירען דיין לעבענס־קראַפט און די ענערגיע פון דיין יוגענד! נעהם זיך צו די וואַפען! זיי אַ מאַן, אַ העלד, קעמפּף פאַר דיין לעבען, און די גאַנצע וועלט וועט דיר ניט קענען בעזיעגען, דען דו ביזט דער העררר פון דיין אייגענעם שיקזאַל! אַלי פערגעס ניט, דו קענסט אַלעם געווינען אָדער אַלעם פערלירען!"

„ניין, אַלי, הער זיך ניט צו צו די ווערטער פון מיין שוועסטער זוראַ," האָט ער פּלוצלינג געהערט אַ זיסע, ווייכע שטימע אין זיינע אויערען. עס איז געווען מאַראַ, די צווייטע טאָכטער פון דעם שרעקליכען יוסוף, וועלכע האָט איצט גערעדט צו איהם מיט צאַרטע ליעבליכע ווערטער, ווערטער, וואָס האָבען געקלונגען אין זיין נשמה ווי אַ הימלישע מוזיק. „וואָס טויג דיר קעמפּפען? ברייגג ניט אויס דיין יונג לעבען אין אַ שטענדיגער מלחמה, וואָס ברייגגט דיר ניט קיין שום נוצען. ניין, געליעבטער מיינער, איך וועל דיר געבען אַ

בעסערע עצה. פֿערשפּריץ ניט אומזיסט דיין יונג ווארם בלוט, דען עס גיט קיין ערגערע זאַך ניט ווי דער קאַמפּף. וואָס טויג דיר לייידען און איבערטראָגען אַלע שמערצען און גרויזאַמקייטען פֿון'ם לעבען? פֿערגעס ניט, אַז נויט און טויט זיינען די אונפֿערמיידליכע פֿאָלגען פֿון יעדען קאַמפּף. דו ביזט אַזוי יונג און שעהן, אַקוראַט ווי דער אויבערשטער וואָלט דיר בעשאַפֿען זיך צו פֿרעהען און צו זיין גליקליך און צופֿרידען. אָ, מיין געליעבטער, קום צו מיר, איך וועל דיך גליקליך מאַכען, אַזוי ווי אַ ליעבענדע, שעהנע פֿרוי קען נאָר גליקליך מאַכען אַ מאַן. אַך, דאָס לעבען איז אַזוי קורץ, און איידער דו טהוסט נאָר אַ קוק אויף די פֿריידען פֿון דאַזיין, קומט שוין אָן דאָס העסליכע, קראַפּטלאָזע עלטער, די קראַנקהייט און דער שרעקליכער טויט. דערפֿאַר געניס די וויניגע שטונדען, וועלכע דיין שיקזאַל האָט דיר געגעבען! טרינק פֿון דעם גאָלדענעם בעכער פֿון לוסט און זעליגקייט, ביז וואַנען דער טויט וועט דיר פֿערמאַכען די אויגען!"

„אָבער שפּעטער, אַלי, שפּעטער, ווען פֿון דיין קערפּער איז געוואָרען אַש און שטויב, וואָס וועט דאַן זיין, אַלי?" האָט זוראַ געפֿרעגט מיט אַן ערנסטער, טרויעריגער שטימע.

„וואָס מאַכט עס דיר אויס, וואָס עס וועט זיין שפּעטער!" האָט מאַראַ געענטפֿערט מיט איהר פֿרעהליכען, זילבער־קלאָרען שמייכעל. „צי עס גיט זיבען אָדער אַכט הימלען, ווער דאַרף עס וויסען? נאָר מיט דעם איצט ביזט דו זיכער, אָבער ניט מיט דעם, וואָס איז געוועזען און וואָס עס וועט זיין!"

„געדיינק, אַלי, אַז דאָס לעבען איז קורץ און אַלע פֿריידען זיינען פֿערגענגליך!" האָט זוראַ איהם דערמאָהנט.

„טאַקע דערפֿאַר, ווייל דאָס לעבען איז אַזוי קורץ, דאַרפֿען מיר זעהען, וואָס מעהר צו געניסען אין דער קורצער צייט, וואָס מיר לעבען," האָט מאַראַ געזאָגט. „נאָך וואָס דאַרפֿען מיר ליידען, צו וואָס דאַרפֿען מיר אויסברייינגען די קאָסטבאַרע צייט מיט פּוסטע ספּעקולאַציעס און זיך צוברעכען דעם קאָפּ מכח דעם צוועק פֿוי

לעבען און דער אורזאַכע פֿון אונזער קומען און געהען אויף דיזער וועלט, וועלכע מיר וועלען דאָך קיינמאָל ניט אויסגעפֿינען. טהו אַ קוק אויף דיזען ליימענעם טאָפּ! איידער ער איז ענטשטאַנען, האָט דער טעפּער געקנאָטען דעם ליים מיט זיינע הענד און געטראָטען מיט זיינע פֿיס. און פֿון וואָס בעשטעהט אָט דער ליים? ס'איז דער שטויב פֿון מענשליכע קערפּערס, וועלכע זיינען אַמאָל געווען אַזוי יונג און בליהענד ווי דער דייניגער. אפשר האָט דער טעפּער געפֿאָרמט דעם טאָפּ פֿון די פֿיס פֿון אַ בעטלער און די הענטלאַך זיינע פֿון דעם קאָפּ פֿון אַ קעניג! דאָסזעלבע וועט זיין מיט אונז. עפּעס אַ רייכער וועט זיך שפּעטער בויען אַ שעהנעם פּאַלאַץ מיט די ציגעל־שטיינער, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרען פֿון דעם שטויב פֿון אונזער גוף. ניין, אַלי, דיינק ניט וועגען דעם צוועק פֿון לעבען! נור מיט מורא קענסט דו אַרויפֿקוקען צו די שטערן; מעגליך, אַז מאָרגען וועלען זיי שוין מעהר ניט לייכטען פֿאַר דיר. אָט דערפֿאַר זיי פֿרעהליך, געניס דיין גליק, אַזוי לאַנג ווי דו האָסט נאָך צייט צו געניסען".

„וויכטיגער פֿון דער צייט איז די אייביגקייט!" האָט זוראַ געזאָגט מיט דערזעלבער טרויעריגער שטימע און האָט זיך אַלץ ווייטער אָבגערוקט פֿון אַלי'ן.

„וואָס קימערט אונז די אייביגקייט!" האָט מאַראַ אויסגערופֿען מיט אַ געלעכטער. „אַ גן עדן פֿערשפּרעכען זיי דיר, וואו די טייכען וועלען זיין פֿול מיט וויין און האָניג, וואו שעהנע הורים, מיט טיעפֿע, שוואַרצע אויגען וועלען ערקוויקען דיין האַרץ. אָבער דאָס גליק, וואָס דו געניסט איצט, איז מעהר ווערט, איידער אַ מיליאָן פֿון אַלע צוקונפֿטיגע פֿריידען. די גאַנצע חכמה פֿון אונזערע פּריסטער איז ניט מעהר ווי אַן איינבילדונג, וועלכע מיר האַלטען פֿאַר אַ וואַהרהייט. קיינער האָט ביז איצט ניט אויפֿגעהויבען דעם שלייער פֿון די אייביגע רעטהענישען פֿון דער וועלט. איבעראַל זיינען מיר אַרומגערינגעלט פֿון נאַכט און פֿינסטערניש, נור דער אויגענבליק גיט אונז גליק און פֿערגניגען. קום צו מיר, אַלי, מיין שוים וועט זיין דיין גן עדן, דיין צוקונפֿט!"

און מיט אַ ליעבליכען שמייכעל האָט זי איהם דערלאַנגט אַ גאָלדענעם בעכער אָנגעפּילט מיט אַ פֿייערדיגען וויין; אַלי האָט געטרונקען, זיינע ליפּען זיינען געווען הייס און טרוקען, און דער קרעפֿטיגער טרונק האָט אַריינגעגאָסען נייע לעבענס־קראַפֿט אין זיינע אָדערן. מאַראַ האָט איהם צערטליך אַרומגענומען מיט איהרע רונדע, ווייסע אָרעמס און האָט צוגעפּרעסט איהר שנעע־ווייסען בוזעם צו זיינע ברענענדע ליפּען. זי האָט איהם געקושט מיט אַ ווילדער ליידענשאַפֿט, האָט איהם אויפֿגעמאַכט זיינע קליידער און זאַנפֿט בעריהרט מיט איהרע צאַרטע, רויזיגע ליפּען זיין וואונד, און אַלי האָט זיך אין גאַנצען איבערגעגעבען דער צויבער־קראַפֿט פֿון דיזער ליעבע.

ענדליך האָט זיך מאַראַ אָבגעריסען פֿאַר אַ מאָמענט און האָט איהם געבראַכט אַ קאָסטבאַרע האַשיש־פֿייף. „דו ביזט פֿערוואונדעט, אַלי, מיעד און קראַנק,“ האָט זי געזאָגט. „דו מוזט זיך אָברוהען, אום צו בעקומען נייע קרעפֿטען; אָט דערפֿאַר האָב איך דיר געבראַכט דיזע פֿייף; עס איז אַ באַלזאַם פֿאַר דער מיעדער נשמה און דיין קראַנק הארץ. טהו נאָר אַ ציה, און וואונדערבאַרע בילדער וועלען ענטשטעהן פֿאַר דיינע אויגען; דו וועסט זיך פֿיהלען אַזוי ווי אין גן עדן און דיינע אַלע שמערצען וועלען פֿערשווינדען, מיט איין וואָרט, דו וועסט זיך פֿיהלען ווי ניי־געבאָרען.“ און מיט אַ ליעבלי־כען שמייכעל האָט זי איהם דערלאַנגט דעם שפּיץ פֿון דער האַשיש-פֿייף.

אַלי האָט זיך דערשראָקען. ביי די קאַבילען איז עס געווען אַ גרויסער פֿערברעכען צו רויכערן האַשיש, און קיינער פֿון זיי וואָלט ניט געזינדיגט געגען דעם אַלטען דין. אַלי האָט רעספּעקטירט די מנהגים פֿון זיין פֿאָלק, און צו רויכערן האַשיש האָט זיך איהם פֿאָרגעשטעלט אַלס אַ העלישע ערפֿינדונג פֿון שטן.

„דו ווילסט מיך פֿערפֿיהרען!“ האָט ער אַ געשריי געטהאָן.

„דו ווילסט מאַכען פֿון מיר אַ זוהן פֿון׳ם שטן!“ אָבער מאַראַ האָט גערעדט צו איהם מיט איהר ליעבליכער, צאַרטער שטימע; זי האָט

צוגעפּרעסט איהר וואונדערבאַרען, נאַקעטען קערפּער צו זיין ברוסט, און אַלי איז בערוישט געוואָרען פון דאָס נײַ פון איהר אונבעשרייב־ליכער שעהנהייט. מיט דער לינקער האַנד האָט זי איהם געגלעט די באַקען און מיט דער רעכטער האָט זי פעסט געהאַלטען די האַשיש-פּייף, פון וועלכער עס האָט זיך געהערט אַן אַנגענעהמער, בערוישענדער דופט. „טהו נאָר אַ ציה!" האָט זיך געבעטען די שעהנע מאַראַ, „נאָר איין ציה."

און אַלי האָט פערגעסען, וואו ער איז, זיינע אויגען האָבען מעהר ניט געזעהען ווי די נאַקעטע שעהנהייט פון דיזען געטליכען קערפּער, די וואונדערבאַרע האָר און די טיעפע, ליידענשאַפטליכע אויגען. זורא איז די גאַנצע צייט פערשוואונדען געווען. נאָר פּלוצ־לינג האָט זי זיך ווידער געציינט. מיט אַ טרויעריגען זיפץ האָט זי לאַנגזאַם געשוועבט אין דער הויך און פון איהרע ציטערענדע ליפּען האָבען זיך אַרויסגעריסען די ווערטער: „דו וואָלסט געקענט זיין אַ העלד, איצט וועסט דו אונטערגעהן אין שקלאַפעריי!" אַלי האָט איהר געוואָלט אָנכאַפּען, אָבער זי איז פּלוצלינג פערשוואונדען ווי אַ ווייסער וואָלקען אויף'ן בלויען פריהלינגס-הימעל. דער יונגער מאַן האָט געפיהלט, אַז מיט זורא האָט ער פערלאָרען זיין פּערזענליכע קראַפט, זיין גוטען מלאך און איהר פערשווינדען איז פאַר איהם געווען ווי אַ ריס אין האַרצען. ער האָט אַ געשריי געטהאָן און איהר געוואָלט נאָכיאָגען; אָבער מאַראַ האָט צו איהם גערעדט מיט זיסע, צערטליכע ווערטער און האָט איהם צוגעצויגען צו זיך אויף דעם ווייכען געלעגער. און ווידער האָט זי איהם אַרומגענומען מיט איהרע ווייסע, שעהנע אָרעמס, האָט זיך געזעצט אויף זיין שויס און איהם געבעטען צו טהאָן כאָטש איין ציה פון דער האַשיש־פּייף.

אַלי איז געווען בעזיעגט. זיין ווילען איז געווען געבראָכען, און מאַראַ האָט געקענט מאַכען מיט איהם, וואָס זי האָט געוואָלט. ער האָט איינגעזויגען אין זיך דאָס גיפט פון דעם האַשיש, וואָס דאָס שעהנע ווייב האָט איהם געגעבען. „אַזוי איז גוט, מיין פריינד!" האָט זי פרעהליך געשמייכעלט; דו וועסט באַלד פערגעסען דיינע

אַלטע שמערצען און אַ נייע לעבענס־קראַפֿט וועט זיך אַריינגיסען אין דיינע אָדערן!"

„אַך, ווי גוט דו ביזט!" האָט ער צערטליך געמורמעלט, און אין זיינע אויגען האָט זיך בעוויזען אַ מערקווירדיגער גלאַנץ. „דו ביזט גערעכט, מאַראַ, עס איז אַ באַלזאַם פֿאַר דער מיעדער נשמה און אַ הימלישער טרויסט פֿאַר דאָס קראַנקע האַרץ. דו ביזט מיין גוטער מלאך. קום צו מיר, מיין טייבעלע, מיין ליעבליכע נאַכ־טיגאַל! קום, קום, דו רויז פֿון שיראַס, קום, איך ליעב דיך, דו מוזט בלייבען ביי מיר, ווייל איך קען אָהן דיר מעהר ניט לעבען!"

„איך וועל בלייבען ביי דיר, אַזוי לאַנג ווי דו ווילסט נור אַליין," האָט מאַראַ פֿריינדליך געשמייכעלט.

„אַך, איך בין אַזוי מיעד, אַזוי מיעד, און מיין נשמה איז שוואַך צום שטאַרבען," האָט אַלי שטיל געמורמעלט.

„האַשיש, האַשיש!" האָט מאַראַ געענטפֿערט. „רויכער האַשיש, ער וועט דיך טרייסטען און דיר געבען נייע קרעפֿטען."

און אַלי האָט איינגעזויגען אין זיך דאָס זיסע גיפֿט, אַזוי ווי אַ דורשטיגטער זויגט איין דאָס וואַסער פֿון אַ פֿרישען קוואַל.

„אַך, ווי גוט מיר איז!" האָט ער שטיל געשמייכעלט; ער האָט אויסגעצויגען די מיעדע גליעדער אויף דעם קאָסטבאַרען דיוואַן. און האָט געטרויכערט, געטרויכערט...

און פּלוצלינג האָט ער געפֿיהלט, ווי דאָס בלוט הויבט אָן קאָכען אין זיינע אָדערן, און אין זיין פֿאַנטאַזיע זיינען ענטשטאַנען מערקווירדיגע בילדער. ער האָט אָנגעהויבען צו לאַכען און צו וויי־נען, אַקוראַט ווי ער וואָלט געווען שכור. איינמאָל האָט ער געוואָלט אויפֿשפּרינגען און אַוועקוואַרפֿען די האַשיש־פֿייף, אָבער מאַראַ האָט איהם צוגעהאַלטען, דען ער איז געווען שוואַך ווי אַ קינד. ער האָט געפֿיהלט, ווי ער פֿערליערט ביסלעכוויז דעם בעוואוסטזיין; אַלעס אַרום איהם האָט זיך אָנגעהויבען דרעהען, און יעדע זאַך אין צימער האָט בעקומען אַ זאָנדערבאַרען אויסזעהן. מערקווירדיגע געשטאַלטען

מיט העסליכע, מורא'דיגע פנים'ער האָבען אַרומגעשפּרונגען פֿאַר זיינע אויגען און געמאַכט אַ שרעקליכען ליאַרם. אַ פֿיש מיט הער־נער, אַ פֿרוי מיט דעם קאָפּ פֿון אַ ציעג, אַ העלעפֿאַנט מיט פֿליגלען פֿון אַן אָדלער, אַ שלאַנג מיט אַ האַלז פֿון אַ זשיראַף, שרעקליכע שדים האָבען געטאַנצט אַרום איהם און געלאַכט און געזונגען. און פלוצלינג איז דאָס שרעקליכע בילד פֿערשוואונדען געוואָרען; זיינע אויגען האָבען געזעהען קאָלירען, וועלכע ער האָט קיינמאָל ניט בע־פֿאָר געזעהען, און זיינע אויערען האָבען דערהערט וואונדערבאַרע, זיסע טענער, וועלכע האָבען זיך פֿעראייניגט אין געטליכע האַרמאָ־ניען. אַלע סטרונעס פֿון זיין נשמה האָבען אָנגעהויבען צו קלינגען ווי אַ האַרפֿע, און זיין האַרץ איז געוועזן אַזוי פֿריי און גליקליך ווי קיינמאָל בעפֿאָר. מאַראַ האָט איהם ניט אָבגענאַרט — איצט איז ער ווירקליך געוועזן אין אַן אמת'ן גן עדן.

אַלי האָט אַלץ דייטליכער געפֿיהלט, ווי ער פֿערלירט ביסלעכ־ווייז די חושים. אָבער דאָס געפֿיהל איז פֿאַר איהם געוועזן אַזוי זיס און אַנגענעהם, ווי דער בערוישענדער דופֿט פֿון פֿרישע רויזען. נאָכאַמאָל האָט ער אויפֿגעעפֿענט די מידע אויגען. לעבען איהם איז געזעסען מאַראַ אין איהר נאַקעטער שעהנהייט. מיט איהרע שעהנע ווייסע הענד האָט זי געמאַכט געהיימניספֿאָלע בעוועגונגען אין דער לופֿט, און ער האָט נאָך געקענט זעהן אַ גרויסען גלענ־צענדען שטערן אין איהרע וואונדערבאַרע שוואַרצע האָר. אָבער אין דערזעלבער צייט האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אַז ער זעהט אויך דעם טויט. ער האָט געשוועבט איבער איהם, פֿערקליידעט ווי אַ פּאַיאַץ, מיט זיינע סקעלעטען הענד האָט ער געקלאַפּט אויף אַ טאַמבורין, און אַלי האָט גאַנץ דייטליך געהערט די דומפּע, שווערע טענער. און פלוצלינג האָט ער בעמערקט, אַז דער טויט האָט דעם אויסזעהן פֿון דעם שרעקליכען יוסוף, מאַראַ'ס פֿאָטער, אָבער דאָס אַלעס האָט אויף איהם ניט געמאַכט קיין שום איינדרוק.

אַלי איז אַנשלאָפֿען געוואָרען... איינמאָל האָט ער שווער גע־זיפֿצט, אַן אַנדער מאָל האָט אַ גליקליכער שמייכעל געשפּילט אויף

זיינע בלאַסע ליפּען. ער איז געשלאָפען און גע'חלום'ט. ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז מאַראַ געזעסען לעבען איהם. „האַשיש! האַשיש!" האָט זי זים געשמייכעלט און האָט ווידער געוויזען אויף דער האַשיש־פּייף. און ער האָט גערויכערט, געשלאָפען און גע'־חלום'ט — ווי לאַנג, האָט ער אַליין ניט מעהר געוואוסט; דען דער בעגריף פון רוים און צייט האָט פאַר איהם מעהר ניט עקזיסטירט. ביסלעכווייז האָט זיך צונויפגעמישט אין זיינע געדאַנקען די ווירק־ליכקייט מיט די בילדער פון זיין פאַנטאַזיע. דיזע בילדער האָבען אָנגענומען בעשטימטע פאָרמען און געשטאַלטען און דער גרענעץ צווישען זיין און ניט זיין האָט אויפגעהערט פאַר איהם צו עקזיס־טירען. ער האָט געטרוימט פון וואונדערבאַרע העלדענטהאַטען, און דורך די צויבערקראַפט פון יוסוף און מאַראַ האָט זיין גאַנצער לע-בען בעקומען אַן אַנדער ריכטונג. זיין שיקזאַל האָט איהם ערהויבען אויף דעם שפּיץ פון מענשליכער גרויסקייט און הערליכקייט. — — — — — — — — — — — — — — — — —

VII.

דער ע֫רשטער האַשיש־טרוים.

איינמאָל איז אַלי געווען אַ מעכטיגער קעניג. ער איז געלעגען אויף אַ קאָסטבאַרען דיוואַן אין זיין האַרעם, וועלכער איז געווען אויסגעצירט מיט אַלע קאָסטבאַרקייטען פֿון דער וועלט. די שעהנסטע פֿרויען פֿון אַלע לענדער האָבען איהם בעדיענט און אַלע האָבען זיך פֿעראייניגט צו מאַכען זיין לעבען וואָס אַנגענעהמער און שעהנער. אָבער ער אַליין איז געווען פֿינסטער און טרויעריג. שטום און פֿערטראַכט איז ער געזעסען אויף דעם קאָסטבאַרען געלעגער; די הערליכע ליעדער און וואונדערבאַרע שעהנהייט פֿון זיינע פֿרויען האָבען ניט מעהר געמאַכט קיין שום איינדרוק אויף איהם. ער האָט זיך געיאָגט פֿון גענוס צו גענוס, ער האָט געטרונקען פֿון דעם פֿולען בעכער פֿון פֿרייד, אָבער זיינע ליפּען זיינען געבליבען טרוקען און דורשטיג. צולעצט האָט ער געפֿיהלט אַן אינערליכען עקעל פֿאַר אַזאַ לעבען און זיין האַרץ איז געפּייניגט געוואָרען פֿון אַ טיעפֿער, אונבעשטימטער בייַנקעניש. ער האָט געוואָלט צוזאַמענעהמען זיינע קרעפֿטען, אום צו בעגעהן אַ מוטהיגע טהאַט, אָבער עס איז מעהר ניט געווען ווי אַ וואונש, דען ער איז געווען אַ שוואַכער, צובראָכענער מאַן, אָהן אַ ווילען, אָהן ענערגיע.

די וויצען פֿון זיין הויף־נאַר גאָביאָ זיינען איהם שוין פֿער׳מיאוסט געוואָרען. גאָביאָ איז געווען אַ קליין מענשעלע מיט אַ גרויסען הויקער, אַ געשוואָלענעם קאָפּ, דינינקע פֿיסלאַך און אַ גראָבען בויך. שטענדיג פֿלעגט ער זינגען די פֿרעהליכע טרינקליעדער פֿון דעם פּערזישען דיכטער אָמאַר קאַיאַם און האָט זיך

אויסגעלאַכט פֿון אַלע הייליגע דינים, וועלכע דער קאָראַן שרייבט פֿאָר. אויך איצט האָט ער געזונגען און געשריגען, אום אַלי אויפֿצו־מונטערן. „צום טייפֿעל מיט אַלע הייליגע דינים און געטליכע געזעצען! צו וואָס טויג אונז דער קאָראַן? פֿאַרוואָס זאָלען מיר זיך אָבזאָגען פֿון די פֿריידען פֿון לעבען? גיט אונז וויין! וויין, וויין, אין גאָלדענע בעכערס, בעפּוצט מיט גרינע בלעטער!" און ווידער האָט ער אָנגעהויבען זינגען און טאַנצען ווי אַ פּורים-שפּיעלער.

„האָב איך ניט רעכט?" האָט ער געפֿרעגט, אַרומקוקענדיג זיך מיט זיינע קליינע פֿיש-אויגלאַך אין אַלע זייטען. „אַלי, מיין גרויסמעכטיגער הערר און קעניג, בעזיצער פֿון די שעהנסטע פֿרויען אויף דער וועלט, גיב אונז וויין, אום צו ערקוויקען אונזער האַרץ! וויין, וויין, וויין!"

פֿריהער האָט זיך אַלי דערפֿרעהט מיט די ליעדער און וויצען פֿון דעם קליינעם, נאָר היינט איז ער אין כעס געווען אויף דער גאַנצער וועלט און האָט געזאָגט מיט אַן אונצופֿריעדענער שטימע:

„פֿערשטאָפּט דעם נאַר דאָס מויל מיט וויין און גיט איהם עטליכע גוטע שמיץ מיט דער בייטש, אום ער זאָל מיך ניט מעהר בעלעסטיגען מיט זיינע חכמות און נאַרישקייטען!"

„דער הערר איז היינט ניט גוט אויפֿגעלייגט, דערפֿאַר וועל איך זיך בעסער אָבטראָגען פֿון דאַנען," האָט דער נאַר געענטפֿערט האַלב לאַכעדיג, האַלב וויינענדיג. אַ קרעפֿטיגע נעגערקע האָט איהם געגעבען אַ פּאָר גוטע שמיץ און איהם אַרויסגעטריבען פֿון זאַל. אויף דעם שוועל פֿון דער טהיר האָט ער זיך נאָכאַמאָל אַרומגע־קוקט, האָט אַרויסגעשטעקט די צונג און איז אויף גיך אַנטלאָפֿען געוואָרען.

אַלי איז געזעסען אויף אַ קאָסטבאַרען דיוואַן, וועלכער האָט אויסגעזעהן ווי אַ טהראָן. ער איז געווען אָנגעטהאָן אין פּראַכטפֿאָלע קליידער פֿון ווייכער זייד. ביי זיינע פֿיס איז געשטאַנען אַ שעהנע שקלאַפֿין אויף די קניע און האָט געהאַלטען אָנגעגרייט די האַשיש־פֿייף צום געברויך. אַן אַנדער שקלאַפֿין האָט געהאַלטען אַ גאָלדענעם

טעלער מיט וואונדערבאַרע פרוכט און איז גרייט געווען עס צו דערלאַנגען דעם הערשער אויף דעם ערשטען וואונק. אַ דריטע שקלאַפין איז געשטאַנען הינטער דעם טהראָן מיט אַ גרויסען פראַכטפאָלען פעכער, אום אָבצוקיהלען דעם הייסען שטערען פון דעם קעניגליכען הערר.

לעבען אַלי איז געשטאַנען פאַטימע, זיין געליעבטע, וועלכע האָט אויסגעזעהן אַזוי ווי מאַראַ. איהרע שעהנע האָר זיינען בעפוצט געווען מיט בלישטשענדע דיאַמאַנטען. אויף איהרע וואונדערבאַרע, ווייסע אָרעמס האָט זי געטראָגען גאָלדענע אָרעם-בענדער, און אַ ברייטער גאַרטעל בעצירט מיט קאָסטבאַרע עדעל-שטיינער האָט ארומגענומען איהרע צאַרטע, ווייכע לענדען. מיט דער רעכטער האַנד האָט זי אַרומגענומען דעם האַלז פון דעם געליעבטען און זיין קאָפ איז געווען אָנגעשפאַרט אויף איהר וואונדערבאַרען בוזעם. אָבער ווי שעהן פאַטימע איז ניט געווען, היינט האָט איהר שעהנ-הייט ניט געמאַכט קיין שום איינדרוק אויף דעם יונגען קעניג. פון צייט צו צייט האָט זיך ערוועקט אין זיין נשמה די עראינערונג אין צולייקאַ, וועלכע ער האָט ניט געקענט פערגעסען. אין אַזעלכע מאָמענטען האָט זיין האַרץ ווידער אָנגעהויבען בלוטען פון טויזענד וואונדען. אויך היינט האָט ער געטרוימט פון דער פערלאָרענער געליעבטע. שטום און טרויעריג האָט ער אָנגעשפאַרט דעם מיעדען קאָפ אָן די הערליכע ברוסט פון זיין שקלאַפין, אָבער וויפיעל זי האָט ניט פער-זוכט איהם אויפצומונטערן מיט איהרע זיסע, ליעבליכע ווערטער, היינט האָט זי ניט געהאַט קיין שום ערפאָלג.

פלוצלינג האָט ער פאַטימע אַוועקגעשטויסען פון זיך און האָט בעפוילען, אַז זיין גרויס-וויזיר יוסוף זאָל קומען צו איהם.

מיט איניגע סעקונדען שפעטער איז אַריינגעקומען די הויכע, אויסגעדאַרטע געשטאַלט פון מאַראַ'ס פאָטער, און מיט אַן אונצו-פריעדענער מיענע האָט ער אַלי געפרעגט, וואָס ער פערלאַנגט פון איהם!

„מיין איצטיג לעבען איז מיר נמאס געוואָרען!" האָט אַלי

אָנגעהויבען ריידען צו איהם. „אַלעס איז אַזוי פּוסט און לאַנגוויילינ. איך פיהל, ווי דאָס בלוט ווערט מיר פערגליווערט אין די אָדערן, און מיינע מוסקלען ווערען אַלץ שוואַכער און שוואַכער פון דעם פוילען לעבען, וואָס איך פיהר. איך האָב ניט מעהר קיין פערגניגען פון דער יאַגד, איך האָב אפילו ניט קיין לוסט מעהר אַרויפצוזעצען זיך אויף א פערד. די ווייבער פון מיין האַרעם אינטערעסירען מיך ניט מעהר, זייער שקלאַפישער שמייכעל און זייער געצוואונגענע ליעבע איז מיר דערעסען געוואָרען. איך וויל עפּעס נייעס, אַן איבערבייט אין לע־בען! גיב מיר אַן עצה, וואָס איך זאָל טהאָן. דו ביזט דאָך אַ מין כשוף־מאַכער און האָסט מיר פערשפּראָכען, אַז דו ועסט מיך מאַכען גליקליך; אָבער דיינע פערשפּרעכונגען זיינען געווען פאַלש, איצטער זעה, וואָס דו קענסט טהאָן, חכם מיינער!"

יוסוף האָט געקוקט אויף אַלי'ן מיט אַ ביטערען, איראָנישען שמייכעל. נאָכדעם האָט ער געזאָגט: „דאָס גאַנצע לעבען איז נאָר אַ חלום. וואוהין דו זאָלסט זיך ניט קעהרען — איבעראַל הערשט דער ליגען און בעטרוג. די גאַנצע וועלט איז ניט מעהר ווי אַביסעל שוים אויף דעם גרויסען ים פון דער אייביגקייט, אין וועלכען זי ועט ווידער אונטערגעהן. אַלע קעניגע פון דער וועלט קענען דאָס ניט איבערמאַכען. צו וואָס דאַרפסט דו דיר ברעכען דעם קאָפּ מיט אַזעלכע געדאַנקען? אויב דו ביזט קלוג, אונטערוואַרף זיך דעם אייביגען שיקזאַל; וויפיעל דו זאָלסט ניט ליידען, ועסט דו קיינמאָל ניט קענען איבערמאַכען, וואָס דיר איז בעשעהרט. אַלע מענשען זיינען פערלאָרענע בעשעפּענישען. איך פערשטעה, אַז דאָס שמעקט דיר ניט, אָבער אַזוי איז עס און אַזוי ועט עס בלייבען. דער הימעל אַליין צושטערט שוין די זריעה, קוים ווי דו האָסט צואַקערט די ערד. וואָס זשע ווילסט דו? אַלעס מוז אונטערגעהן. דאָרט, וואו עס זיינען אַמאָל געשטאַנען שטאָלצע פּאַלאַצען פון מעכטיגע קעניגע, געפינסט דו היינט שטויב און חורבות, און אויף די צופאַלענע מויערן קרעכצען די ראָבען. געניס, אַזוי לאַנג ווי דו ביזט יונג; דאָס איז די גאַנצע חכמה פון לעבען. געדיינק, וואָס מיין טאָכטער

האָט דיר געזאָגט, דיין שעהנע פֿריינדין מאַראַ. דו ביזט דאָ גוט פֿערזאָרגט; נאָר אפשר געפֿעלט דיר דער אָרט ניט מעהר, וואו דו געפֿינסט זיך, דאַן הויב זיך אויף און זוך דיר אַן אַנדערען. דו נייטיגסט זיך אין אַן איבערבייט, אין נייע פּנים׳ער און נייע אויפֿמונטערונגען!"

„יאָ, יאָ," האָט איהם אַלי איבערגעשלאָגען די רייד. „איך מוז עפּעס טהאָן, עפּעס בעגעהן אַ טהאַט."

„גוט, איך וועל דיר געבען אַ ראַטה," האָט יוסוף געענטפֿערט. „איך ווייס אַן אינדישע קעניגין פֿון אַן אונבעשרייבליכער שעהנהייט; זי וועט זיך אויסקלייבען דעמיענ׳גען פֿאַר אַ מאַן, וואָס וועט איהר פֿאַרזינגען דאָס שעהנסטע ליעד. נאָך אַ פּאָר מאָנאַטען און די גרויסע מלחמה פֿון די זינגערס וועט זיך אָנהויבען. דו האָסט דאָך אַ וואונדערבאַרע שטימע, טאָ וואַרום זאָלסט דו ניט נעהמען אַן אַנטהייל אין דער מלחמה? די רייזע אַליין וועט דיך אויפֿמונטערן, איך וועל דיך בעגלייטען."

דער פֿאָרשלאַג איז אַלי געפֿעלען געוואָרען, און ער האָט בעשלאָסען איהם אויסצופֿיהרען. ס׳איז ניט בלויז געווען די וואונדערבאַרע שעהנהייט פֿון דער אינדישער קעניגין, וואָס האָט בעשטימט זיין בעשלוס, נאָר דער געדאַנק, אַז ער וועט צום ערשטען מאָל קענען עפֿענטליך ווייזען זיין קונסט, האָט איהם בעגייסטערט. ער האָט געוואָלט זיין דער זיעגער — זיין אַמביציע האָט איהם דערצו געטריבען.

אַלע פֿאָרבערייטונגען פֿאַר דער ווייטער רייזע זיינען זעהר שנעל געמאַכט געוואָרען, און ענדליך איז אָנגעקומען דער טאָג, ווען דער מאַרש האָט זיך געזאָלט אָנפֿאַנגען. פֿאַר דעם פּאַלאַץ איז געשטאַנען אַ פּראַכטפֿאָל, ווייס פֿערד, בעציהרט מיט גאָלד און דיאַמאַנטען. אַלי האָט זיך שנעל אַרויפֿגעוואָרפֿען אויף׳ן זאָטעל; זיין געזיכט איז געווען רויט און פֿריש פֿון גרויסער אויפֿרעגונג און אין זיינע אויגען האָט זיך אָבגעשפּיגעלט מוטה און צופֿרידענהייט.

לעבען איהם איז געריטען יוסוף אויף אַ שוואַרץ פֿערד, פֿינסטער און קאַלט ווי געוועהנליך. אַ דוצענד רייטער האָבען זיי נאָכגע־פֿאָלגט.

אַלע דיענער פֿון דעם פּאַלאַץ האָבען זיך פֿערזאַמעלט אין דרויסען, אום זיך צו געזעגענען מיט די רייזענדע. גאָביאָ, דער נאַר האָט געזונגען און געטאַנצט אַזוי ווי אימער. דאַן האָט ער זיך גענומען צו די וויין־פֿעסער און האָט אַזוי לאַנג געטרונקען, ביז ער איז טויט־שכור געווען. ער איז אַרומגעשפרונגען אין הויף, האָט זיין היטעל געוואָרפֿען אין דער לופֿטען און עס צוריק אויפֿגעכאַפּט מיט'ן קאָפּ. אַ נענערקע איז פֿאָרבייגעגאַנגען. ער האָט איהר גע־וואָלט געבען אַ קוש; אָבער זי האָט איהם דערלאַנגט אַ בריק מיט'ן פֿוס, אַז ער איז געפֿאַלען אויף דער ערד. דאָרט איז ער געבליבען ליגען פֿאַר אַ ווײַלע און האָט נאָכגעמאַכט די שטימען פֿון פֿערשיעדענע חיות; ער האָט געברומט ווי אַ בער, געבילט ווי אַ הונד און געבורטשעט ווי אַ חזיר. דאַן האָט ער ווידער אָנגע־הויבען טרינקען, ביז ער איז ענדליך געבליבען ליגען לעבען וויין־פֿאַס.

VIII.

דער קאמפף פון די זינגער.

נאָך פֿיעלע געפֿאַהרען און אויסערגעוועהנליכע פּאַסירונגען איז אַלי ענדליך אָנגעקומען אין אינדיען. אַ גאַנץ נייע וועלט האָט זיך איצט אויפֿגעטהאָן פֿאַר זיינע איבערראַשטע אויגען, אַ וועלט פֿון נסים, פֿון וועלכע ער האָט ביז אַהער ניט געוואוסט. און אימער טיעפֿער איז די קליינע קאַראַוואַנע אַריינגעדרונגען אין דיזער נייער וועלט. דער וועג האָט איהר געפֿיהרט דורך גרויסע וועלדער און סטעפּעס, דורך קליינע דערפֿער און אונגעהייערע שטעדט. אין פֿיעלע שטעדט האָט זיך אַלי אָבגעשטעלט פֿאַר עטליכע טעג און האָט זיך ערקוויקט פֿון דעם רוישענדען לעבען, איבעראַל טהעטיג־קייט, איבעראַל בעוועגונג; אין אַלע גאַסען האָבען זיך בעוועגט צאָהלרייכע מענשען אין פֿערשידענע קליידער און פֿון פֿערשידענע ראַסען און האָבען אָנגעפֿילט די לופֿט מיט זייערע געשרייען. אַלי איז איבערראַשט געוואָרען פֿון דיזער ליידענשאַפֿטליכער בעוועגונג און דאָס גרעסטע פֿערגניגען איז פֿאַר איהם געווען צו בעטראַכטען די פֿערשידענע געשטאַלטען, וואָס האָבען זיך געדרעהט אין די ענגע גאַסען און געסלאַך: הינדוס אין פֿערשידען־פֿאַרביגע קליידער, נאַקעטע נעגערס, שטאָלצע פּערסער, בעהאַנגען מיט פּערל, געלע כינעזער און פֿערווילדעטע פֿאַקירען, פּאַריאַס, וועלכע האָבען זיך געשלעפּט מיט אונגעהייערע לאַסטען, רייכע נאַבאָבס אין פּראַכט־פֿאָלע קאַרעטען, רייטער אויף קעמלען און עלעפֿאַנטען! די האַנד־ווערקער האָבען געאַרבייט אין די גאַסען, און עס האָט לייכט געקענט פּאַסירען, אַז אַן אונפֿאָרזיכטיגער פֿאַרבייגעהער זאָל קריגען אַ קלאַפּ

מיט אַ האַמער אָדער אַ שטאָך מיט אַן אָהל. אויך די בראַהמינען זיינען געזעסען אין די גאַסען און האָבען געלערענט זייערע יונגע שילער די אוראַלטע משלים פֿון דעם סאַנסקריט.

מעהר פֿון אַלעם האָט זיך אַלי פֿעראינטערעסירט מיט די פֿאַקירען, וועלכע זיינען איבעראַל געזעסען אויף די פֿרייע פלעצער פֿון דער שטאָדט. זיי האָבען אָנגעפֿאַרבט זייערע נאַקעטע קערפּערס מיט פֿערשידענע קאָלירען און זיינען געזעסען יאָהר־איין, יאָהר־אויס אויף דעמזעלביגען אָרט, ניט מאַכענדיג אַ בעוועגונג. אַסך מענשען פֿלעגען שטענדיג אַרומרינגלען אָט די זאָנדערבאַרע הייליגע. אייניגע האָבען אונטערהאַלטען זייערע צוהערער מיט אור־אַלטע משלים פֿון די הייליגע שריפֿטען; אַנדערע האָבען שטענדיג אויסגעשריגען דעמזעלבען הייליגען נאָמען, און ווידער אַנדערע זיינען אין גאַנצען געווען שטום, עטליכע פֿון זיי האָבען די הענד אַזוי לאַנג געשטרעקט אין דער הויך, ביז די קראַפֿט פֿון זייערע מוסקלען איז אָבגעשטאָרבען און די אויסגעשטרעקטע גלידער זיינען פֿערדאַרט געוואָרען. מיטליידיגע מענשען האָבען זיי געגעבען צו עסען, אָבער זייערע האָר זיינען קיינמאָל ניט געקעמט און זייערע קערפּערס זיינען קיינמאָל ניט געוואַשען געוואָרען.

אימער ווייטער איז געגאַנגען דער וועג. מאַנכעס מאָל זיינען זיי געריטען גאַנצע טעג איבער גרינע לאָנקעס, קיין באַרג, קיין וואַלד האָט מען ניט געזעהן, ניט מעהר ווי גרינע גראָז און עטליכע זומפּען, וואו ווילדע אָקסען האָבען געזוכט זיך צו דערפֿרישען. פֿון צייט צו צייט האָט מען דערזעהן די קליינע הייזלאַך פֿון אַ הינדו־דאָרף אינמיטען פֿון אונגעהייער גרויסע רייז־פֿעלדער. אַן אַנדערש מאָל זיינען זיי דורכגעקומען דורך ראָמאַנטישע פֿעלזען־טהאָלען מיט מיליאָנען בלומען און הונדערטער קוועלען. יעדעס נייע בילד איז געווען אינטערעסאַנט און בעצויבערענד. אָפֿט האָבען זיי אָנגעטראָפֿען צאָהלרייכע אַפֿען, וועלכע האָבען זיך געוויגט אויף די צווייגען פֿון די ביימער און געמאַכט פֿערשידענע קונצען. טויזענדער פּאַפּאַגייען האָבען אָנגעפֿילט די לופֿט מיט זייערע געוואַלדען.

מאַנכעס מאָל איז אַלי איינגעלאַדען געוואָרען פֿון אַן אינדישען נאַבאָב צו פֿערברייניגען איניגע טעג ביי איהם, אום זיך אָבצורוהען פֿון דער רייזע. געוועהנליך איז אַלי דאַן געגאַנגען מיט זיין גאַסטפֿריינדליכען בעל הבית אויף דער יאַגד, דען אין די ריעזיגע אורוועלדער פֿון די אינדישע נאַבאָבס מיט זייערע וואונדערבאַרע פֿלאַנצונגען און טויזענדער פֿערשידענע חיות, האָט דער יעגער געהאַט אַ געלעגענהייט צו בעווייזען זיין מוטה און זיין געשיקליכקייט.

די יאַגד האָט אויפֿגעפֿרישט אַלי׳ס גייסט און שטאַרק געמאַכט זיין קערפּער. ביסלעכווייז איז זיין מעלאַנכאָליע פֿערשוואונדען געוואָרען, וועלכע האָט זיך ביי איהם ענטוויקעלט זייט יענעם שרעקליכען טאָג, ווען ער האָט פֿערלאָרען דעם פֿאָטער און די געליעבטע. אַ נייע האָפֿנונג האָט דורכגענומען זיין נשמה. ער האָט ווידער געפֿיהלט אין זיך די פֿרעהליכקייט פֿון דער יוגענד און דער גלויבען אין אַ בעסערע צוקונפֿט האָט איהם געגעבען מוטה און ענערגיע.

וואָס נעהנטער ער איז צוגעקומען צו דעם ציעל פֿון זיין רייזע, אַלץ שטאַרקער האָט זיין האַרץ אָנגעהויבען צו קלאַפּען, אַלץ שנעלער איז ער געריטען אויף זיין פֿייערדיגען פֿערד. די קאַראַוואַנע איז איצט געקומען אין אַ פֿריינדליכען טהאָל, פֿול מיט פּאַלמען און ווילדע רויזען. אַלי האָט געוואוסט, אַז אויף דער אַנדערער זייט באַרג ליגט די שטאָדט פֿון זיינע האָפֿנונגען. ווען ער איז ענדליך אָנגעקומען אויף דעם שפּיץ באַרג, האָט זיך אויסגעשפּרייט פֿאַר זיינע אויגען אַ וואונדערבאַרע פּאַנאָראַמאַ, און אַן אויסרוף פֿון טיעפֿער בעוואונדערונג האָט זיך אַרויסגעריסען פֿון זיינע ליפּען. טיעף אונטער איהם, אין טהאָל האָט ער דערזעהן אַ גרויסע, אַלטע שטאָדט מיט טויזענדער הייזער און פּאַלאַצען. שטאָלצע מאָשעען און שלאַנקע מינאַרעטען האָבען זיך אויפֿגעהויבען אין דער ריינער אַטמאָספֿערע, און צווישען די איינצעלנע הייזער האָבען זיך אויסגעשפּרייט וואונדערבאַרע גערטנער און דונקעל־גרינע פּאַרקען,

וועלכע האָבען דער לאַנדשאַפֿט געגעבען אַ מעלאַנכאָלישען אויס־זעהן. אויף אַ ריעזיגען פֿעלזען פֿון גראַניט איז געשטאַנען אַ הער־ליכער פּאַלאַץ מיט מאַרמאָרנע זיילען און מיט גאָלדענע שפּיצען. ס'איז געוועזען דער פּאַלאַץ פֿון פּ אַ ר אַ א י ל ד י ס, דער אינדישער קעניגין.

אַלי איז געשטאַנען אַ לאַנגע צייט אויף דעם שפּיץ באַרג, פֿערזונקען אין טיעפֿע געדאַנקען. די זונן האָט שוין געהאַלטען ביים אונטערגעהן, און איהרע לעצטע גליהענדע שטראַהלען האָבען בע־לייכטעט די פּרעכטיגע לאַנדשאַפֿט מיט אַ ים פֿון ליכט. ענדליך האָט זיך אַלי אויפֿגעכאַפּט פֿון זיין חלום און לאַנגזאַם האָט זיך די קליינע קאַראַוואַנע אַראָבגעלאָזט באַרג אַראָב, אום צו דערגרייכען די וואונדערבאַרע שטאָדט. דער וועג האָט פֿאָרביי געפֿיהרט לעבען צופֿאַלענע טעמפּלען און רייך־פֿערציערטע קברים, וואו די ביינער פֿון די אינדישע נאַבאָבס זיינען געווען בעגראָבען זייט הונדערטער יאָהרען. און צווישען די טעמפּלען און קברים האָבען זיך געצויגען דופֿטענדע גערטנער, איבער וועלכע די נאַכט האָט שוין אויסגע־וועבט איהר דינעם שלייער.

אַ מעלאַנכאָלישער געפֿיהל האָט דורכגענומען אַלי'ס נשמה, ער האָט זיך דערמאָהנט אין דער אַמאָליגער גרויסקייט, וועלכע איז לאַנגזאַם פֿערזונקען געוואָרען אין דעם אונבעגרענעצטען ים פֿון דער אייביגקייט. ניט ווייט פֿון דער שטאָדט איז די קאַראַוואַנע פֿאָרבייגעקומען ביי אַ פּוסטען בוים, פֿאַר וועלכען עס האָט געברענט אַ קליין פֿייערל; אַרום דעם פֿייער זיינען געזעסען אינ־דישע בראַהמינען און האָבען אויסגעדריקט זייער הייליגען רעספּעקט דורך זאָנדערבאַרע געבעטען און צערעמאָניעס. אין דעם בוים האָט נעמליך געלעבט אַ הייליגע גיפֿטיגע שלאַנג, וועלכע די בראַהמינען האָבען אויסגעפֿונען.

ענדליך זיינען די וואַנדערער אָנגעקומען אין דער שטאָדט, וואו זיי האָבען פֿערבראַכט די נאַכט אין דעם פּראַכטפֿאָלען פּאַלאַץ פֿון אַ רייכען נאַבאָב. דעם אַנדערען טאָג האָט געזאָלט שטאַטפֿינדען

דער בעריהמטער קאַמפּף פֿון די זינגער, און טויזענדער מענשען האָבען זיך אַרומגעדרעהט אין די צאָהלרייכע גאַסען פֿון דער שטאָדט. אַלי האָט זיך געמישט צווישען די מאַסען און האָט זיך רוהיג געלאָזט אַוועקטראָגען צו דעם הערליכען פּלאַץ, וואו דער קאַמפּף פֿון די זינגער האָט געזאָלט שטאַטפֿינדען. ער האָט פֿריהער געוואָלט זעהן די קעניגין פֿון ווייטען, איידער ער וועט איהר פֿאָר־זינגען זיינע ליעדער. אויף אַ גרויסער ביהנע זיינען שוין געזעסען די רייכע און פֿאָרנעהמע פֿון דער שטאָדט, אָנגעטהאָן אין פּראַכטפֿאָלע פֿאַרביגע קליידער, בעדעקט מיט דיאַמאַנטען און עדעלשטיינער. אין מיטען זיינען געשטאַנען די זינגער און האָבען געוואַרט מיט אונגעדולד אויף דעם ערשיינען פֿון דער קעניגין.

ענדליך האָט זיך אויפֿגעעפֿענט אַ גרויסער טויער און פֿאַראַ־אילדים איז ערשיענען, אַרומגערינגעלט פֿון פֿרויען און שקלאַפֿען.

אַלי איז געווען אַזוי ווי פֿערבלענדעט פֿון אַזוי פֿיעל שעהנהייט; דאָס גאַנצע האָט זיך איהם אויסגעוויזען אַזוי ווי אַ חלום. פֿאַראַ־אילדים איז געווען אַ קעניגליכע ערשיינונג און קעניגליך איז געווען איהר גאַנצע האַלטונג, איהרע אַלע בעוועגונגען. מיט ברענענדיגע אויגען האָט דער יונגער קאַביל געקוקט אויף דיזע ענטציקענדע שעהנהייט, און עס האָט זיך איהם אויסגעדאַכט, אַז דיזע פֿרוי איז אַ געטין, אַ וועזען פֿון אַן אַנדער וועלט, וואו שעהנהייט און ליעבע זיינען די איינציגע בעדינגונגען פֿון לעבען. דער נביא אַליין וואָלט מעהר ניט גע׳חלומ׳ט פֿון קיין אַנדער פֿרוי, אויב ער וואָלט איהר געזעהן. ווען זי האָט בעגריסט די פֿערזאמעלטע מיט אַ ליעבליכען שמייכעל אויף די צאַרטע, רויטע ליפּען און מיט אַ מאַיעסטעטישער בעוועגונג מיט איהר רעכטער האַנד, האָט מען געקענט גלויבען, אַז זי האָט יעדען איינעם צו שיינקען אַ קעניגרייך. איהר קלייד איז געווען פֿון געלער זייד, בעציערט מיט אונצעהלבאַרע דיאַ־מאַנטען און קאָסטבאַרע עדעלשטיינער, וועלכע האָבען געבלישטשעט און געפֿונקעלט אין הונדערט פֿערשידענע קאָלירען.

אונגעדולדיג האָבען די זינגער געוואַרט אויף דעם מאָמענט,

ווען מען וועט זיי געבען דעם צייכען פאַרצוטראָגען זייערע ליע־דער, איידער דער קאַמפּף האָט זיך אָנגעפאַנגען, האָבען איינִיגע באַיאַדערען אויפגערעגט די ליידענשאַפט פון דער מאַסע דורך זייער פערפיהרערישען טאַנץ. נאָך דעם האָט פאַראַאילדים געגען דעם צייכען, אַז דער געזאַנג זאָל זיך אָנפאַנגען. ס'איז געווען אַ וואונ־דערבאַרע סצענע. יעדער איינער פון די זינגער האָט געהאַט זיינע בעזונדערע ליעבעס־ליעדער, אום אויסצודריקען די טיעפע געפיהלען פון זיין נשמה. דער געזאַנג פון איינעם האָט געקלונגען אַזוי שטורמדיג און ליידענשאַפטליך ווי אַ שטראָם, וואָס גיסט זיך אַראָב איבער הויכע פעלזען; דער אַנדערער האָט געזונגען אַזוי שעהן און ליעבליך, ווי דער געמורמעל פון אַ טייכעלע, וואָס שלענגעלט זיך דורך גרינע לאָנקעס און דופטענדע גערטנער. שטאָלץ און מוטהיג איז געווען דאָס ליעד פון אַ דריטען; און פון דעם געזאַנג פון אַ פערטען האָט זיך אַרויסגעהערט דער קלאַנג פון טיעפע, ציטער־רענדע געפיהלען. דאָס ליעד פון דעם פינפטען איז געווען אַזוי פריש און פרעהליך ווי דער געזאַנג פון דער לערכע, וועלכע פליהט אַרויף צום הימעל, אום צו בעגריסען דאָס געטליכע ליכט פון דער אויפגעהענדער זונן. און דער זעקסטער האָט געזונגען אַזוי טרויעריג און מעלאַנכאָליש ווי אַ פערליעבטע נאַכטיגאַל, וועלכע קלאָגט פאַר דער לבנה איהר טיעפע בייִנקעניש. יעדער האָט געזונגען אויף אַ בעזונדערע אַרט, אום אויסצודריקען די שטימונג פון זיין האַרץ; און די טענער האָבען זיך צונויפגעמישט איינע מיט די אַנדערע,— די טיעפע מיט די הויכע, די קרעפטיגע מיט די צאַרטע.

שטיל און רוהיג איז פאַראַאילדים געזעסען אויף דעם טראָהן און האָט זיך צוגעהערט צו די אַלע ליעדער, אָבער אין איהר שטאָלצען פנים האָט זיך ניט בעוויזען די קלענסטע איבערראַשונג. זי איז געווען אַזוי קאַלט ווי אַ מאַרמאָר־שטיין, און קיינער האָט ניט געקענט דערקענען אויף איהר, צי עס געפעלט איהר דאָס זינגען אָדער ניט. ענדליך האָט זי געלאָזט בעקאַנט מאַכען, אַז זי איז מיעד און אַז דער שטרייט פון די זינגער זאָל אָבגעלייגט ווערען אויף

מאָרגען. דאַן האָט זי נאָך גערעדט אַ פּאָר ווערטער צו די זינגער און איז שטאָלץ און מאַיעסטעטיש צוריקגעגאַנגען אין איהר פּאַלאַץ. דאָס פאָלק איז זיך ביסלעכווייז פונאַנדערגעגאַנגען, די זינגער האָבען פערלאָזען דעם פריעדליכען קאַמפף־פּלאַץ און יעדער איינער האָט געהאַט די האָפנונג, אַז זיין ליעד איז געווען דאָס בעסטע, און אַז ער וועט בעקומען די שעהנע קעניגין און דאָס לאַנד מיט זיינע אַלע רייכטהימער.

אַלי איז געווען דער לעצטער אויף דעם פּלאַץ. אַזוי ווי אַ פער'שכור'טער איז ער געשטאַנען די גאַנצע צייט אויף דעמזעלבי־גען אָרט; קוים וואָס ער האָט געהערט, וואָס די פרעמדע מענער האָבען געדיכטעט און געזונגען. זיינע גליהענדע אויגען האָבען זיך ניט געקענט אָברייסען פון דער געטליכער געשטאַלט פון דער קעניגין. ערשט נאָכדעם ווי זי איז שוין לאַנג פערשוואונדען, האָט ער זיך אויפגעכאַפּט אַזוי ווי פון אַ חלום, פערשטעהענדיג, אַז דער קעניגס־טרוים האָט זיך פאַר היינט געענדיג. אָבער מאָרגען! מאָר־גען האָט ער געוואָלט צייגען זיין קונסט און מיט הייסע ברענענ־דיגע געפיהלען האָט ער ענדליך פערלאָזען דעם שטילען פּלאַץ.

אַ האַלבע נאַכט איז ער אַרומגעגאַנגען אין די שטילע וועלדער, וועלכע האָבען אַרומגערינגעלט די גרויסע שטאָדט, אום זיך פאָר־צובערייטען אויף דעם קומענדען טאָג, וועלכען ער האָט ערוואַרטעט מיט אַ פיעבערהאַפטער אונגעדולד.

ענדליך האָט זיך אויפגעהויבען די זונן און האָט אָנגעזאָגט דעם נייעם טאָג. פאַר דעם פּאַלאַץ פון דער קעניגין זיינען ווידער געשטאַנען טויזענדער מענשען און האָבען זיך אַרומגעריסען איינע מיט די אַנדערע, ווער עס וועט זיין דער זיעגער. פאַראַאילדים איז ווידער געזעסען אויף דעם טהראָן און די וויינינגע זינגער, וואָס זיינען נאָך איבערגעבליבען פון נעכטען, האָבען פאָרגעטראָגען זייערע ליעדער. ענדליך האָט דער לעצטער פון זיי שוין געענדיגט זיין ליעד און ער איז געווען זיכער, אַז ער איז דער זיעגער. פאַ־ראַאילדים האָט געלאָזט בעקאַנט מאַכען, אַז זי געהט זיך צוריקציהען

אויף אַ ווײַלע, אום זיך צו בעשליסען, ווען זי זאָל געבען דעם פּרײַז. זי האָט זיך שוין געהאַט אױפגעהויבען פֿון איהר טהראָן, אום צו געהן צוריק דורך דעם גאָלדענעם טהויער, וועלכער איז בעוואַכט געוואָרען פֿון ריזען־גרויסע זעלנער מיט שאַרפע שווערדען און שפּיזען אין די הענד, ווען אַלי האָט זיך פּלוצלינג געוואָרפען פאַר איהר אויף די קניע און איהר געבעטען, זי זאָל בעפֿאָר נאָך אויסהערען זײַן ליעד, איידער זי געהט אָבגעבען איהר אורטהייל. מיט אַ שטאָלצער בעוועגונג מיט דעם שעהנעם קאָפּ האָט זי אַלי'ן אויפגעפאָדערט צו בעווייזען זײַן קונסט.

און אַלי איז ווידער געבלענדעט געוואָרען פֿון דיזער וואונדער־באַרער שעהנהייט. זײַנע אויגען האָבען זיך ניט געקענט זאַט אָנ־קוקען פֿון דיזען הערליכען קערפּער, וועלכער איז בעדעקט געוועזען מיט אַ דינינקען, צאַרטען קלייד, אַזוי פֿײַן ווי די זילבערנע שטראַה־לען פֿון דער לבנה. אויף די שוואַרצע האָר האָט זי געטראָגען אַ בלויען טורבאַן מיט אַ ווײַסער פֿעדער, וואָס האָט זיך שטיל בעוועגט אין דער מילדער לופט. אַלי איז ענטציקט געוואָרען פֿון דאָס ניי, און זייענדיג אַזוי נאָהענט צו דער געליעבטער פֿרוי, האָט ער ניט גלייך געקענט געפֿינען דעם ריכטיגען טאָן, אַזוי אויפגערעגט איז ער געוועזען. אָבער ער האָט צוזאַמענגענומען זײַנע אַלע כוחות און וועהרענד זײַנע אויגען זײַנען געווען ווי צוגעשמיעד צו פּאַראַאילדים, וועלכע האָט געקוקט אויף איהם קאַלט און גלייכגילטיג, האָט ער געשלאָגען אויף זײַן מאַנדאָלינע עטליכע אַקאָרדען, איידער ער האָט אָנגעהויבען זינגען.

אַלי'ס שטימע האָט געקלונגען אַזוי ריין און קלאָהר ווי דער קלאַנג פֿון גלעקער. ער האָט געזונגען אַזוי זיס, אַזוי וואונדערבאַר שעהן, אַז עס האָט אַלעמען פֿערכאַפּט דעם אָטהעם. אין זײַן געזאַנג האָבען זיך אויסגעדריקט אַלע געפֿיהלען און עמפּפֿינדונגען פֿון דער מענשליכער נשמה, דאָס האַרץ איז בײַ איהם געווען אויף'ן צונג. איינמאָל האָט זײַן ליעד געקלונגען אַזוי ווייך און צאַרט ווי דער הימלישער געזאַנג פֿון די מלאכים, און דערנאָך האָט זיך

ווידער אַרויסגעהערט די גאַנצע מענליכע ליידענשאַפֿט, דער פֿייערדיגער מוטה און די אונבעזיעגבאַרע בעגייסטערונג פֿון זיין שטימע. די פֿייגעלאַך זיינען אַנשוויגען געוואָרען אין די צווייגען פֿון די פּאַלמענבוימער, הערענדיגע דיזע זיסע, פֿער'כשופ'טע מעלאָדיען, און יעדער פֿון די אַנוועזענדע האָט געפֿיהלט, אַז קיין בעסערען זינגער האָט ער נאָך ניט געהערט. אַלי האָט געזונגען אַזוי וואונדערבאַר שעהן, אַז יעדער איינער האָט פֿערגעסען אין זיינע ליידען און זאָרגען, אַלע האָבען נאָר געהאַט איין וואונש, נאָר איין פֿערלאַנג — אַז דאָס ליעד זאָל זיך קיינמאָל ניט ענדיגען. די טרערען האָבען זיך אַרויסגעקייקעלט פֿון זייערע אויגען, און ווען אַלי איז ענדליך אַנשוויגען געוואָרען, האָבען אַלע געפֿיהלט אַ מאָדנע טרויעריגקייט, פּונקט ווי מען וואָלט זיי ברוטאַל אַוועקגעטריבען פֿון דעם קוואַל פֿון לעבען. און ווען ער האָט זיך איצט געוואָרפֿען אויף די קניע פֿאַר דער קעניגין מיט פֿלאַמענדע אויגען, דעם קאָפּ שטאָלץ אויפֿגעהויבען, האָט ער געפֿיהלט, אַז ער איז דער זיעגער און פּאַראַאילדים די בעזיעגטע. שוין באַלד נאָך די ערשטע שטראָפֿען האָט אַלי געקענט לייענען די אינערליכע ענטציקונג אין איהרע אויגען, איהר קאַלטער שטאָלץ איז ביסלעכווייז צושמאָלצען געוואָרען, אַזוי ווי אייז פֿון דער זונן, און זי איז גליקליך געוועזען, אַז דער פֿרעמדער יונגער זינגער, וואָס איז געוועזען אַזוי שטאָלץ און שעהן, האָט געזונגען צוליעב איהר. זי וואָלט געלאָפֿען טויזענד מייל'ען ווייט, אום צו הערען אַזאַ געזאַנג.

נאָך אַ קורצע פּויזע איז זי לאַנגזאַם צוגעגאַנגען צו דעם יונגען זינגער און האָט בעריהרט מיט איהר ווייסע, צאַרטע האַנד זיין הייסען שטערען. אַלי האָט געוואָלט קושען דעם זוים פֿון איהר קלייד, אָבער זי האָט איהם שנעל דערלאַנגט איהר שעהנע האַנד, וועלכע ער האָט בעדעקט מיט הייסע, ליידענשאַפֿטליכע קושען. דאַן האָט זי איהם געהייסען אויפֿשטעהן און איהר בעגלייטען; און ציטערענדיג פֿון אינערליכער אויפֿרעגונג איז זי פֿערשוואונדען מיט

אַלי הינטער די הויכע טהויערען פֿון איהר פּאַלאַץ, אונטער דעם ענטהוזיאַסטישען בייפֿאַל פֿון פֿאָלק.

קיינער האָט מעהר ניט גערעדט וועגען די אַנדערע זינגער. אַלי איז געווען דער זיעגער, די גאַנצע שטאָדט האָט נאָר גערעדט פֿון איהם, דען ער האָט בעזיעגט דעם מאַיעסטעטישען שטאָלץ פֿון דער קעניגין, דורך די קראַפֿט פֿון זיין ליעד און דורך זיין שטאָלצע מענליכע ערשיינונג.

IX.

פאַראַאילדים.

ווען פאַראַאילדים איז געווען גאַנץ אַליין מיט אַלי אין דעם פראַכטפאָלען שלאָף־צימער, איז זי געוואָרען אַ גאַנץ אַנדערע. אין דרויסען איז זי געווען קאַלט און שטאָלץ, נאָר איצטער, ווען קיינער האָט איהר מעהר ניט געזעהן, האָט זי זיך אַרויסגעצייגט אַלס אַ ליעבענדע פרוי, וועלכע גיט זיך איבער מיט לייב און לעבען צו דעם געליעבטען מאַן.

זי האָט צוריקגעצויגען די שווערע זיידענע גאַרדינען פון די פענסטער און איהר הערליכער האַלב־נאַקעטער קערפער האָט זיך געבאָדען אין דעם גאָלדענעם גלאַנץ פון דער אונטערגעהענדער זונן. דער צאַרטער דופט פון בליהענדע רויזען און ליליען האָט אָנגעפילט די שטילע, ווייכע אַטמאָספערע און אָנגענעהם געווירקט אויף די נערווען. אַלי האָט פערגעסען די גאַנצע וועלט, אַלע ער־שיינונגען פון׳ם לעבען און זיינע אויגען האָבען בלויז איינגעזויגען אין זיך דעם שטראַהלענדען גלאַנץ פון דיזער געטליכער שעהנהייט. זי האָט איהם אָנגעקוקט מיט אַ קאָקעטען, צערטליכען שמייכעל אויף די וואונדערבאַרע ליפען און האָט צונויפגעלייגט איהרע הענד איבער׳ן קאָפּ, כדי דער געליעבטער מאַן זאָל קענען בעוואונ־דערן די גאַנצע שעהנהייט פון איהר געטליכען קערפער. אַלי איז געווען אַזוי ווי פער׳שכור׳ט פון גליקזעליגקייט.

„מיין ווייב, מיין געליעבטע!" האָט ער געמורמעלט מיט אַ פער־שטיקטער שטימע און האָט איהר אַרומגענומען מיט זיינע שטאַרקע

אָרעמס, און זייערע נאַקעטע קערפּערס האָבען זיך צונויפגעשמאָלצען אונטער הייסע ברענענדיגע קושען.

אַלי איז אַלזאָ געוועזן דער מאַן פון פּאַראַאילדים. ער האָט געלעבט ווי אַ קעניג אין גלאַנץ און הערליכקייט. דאָס לעבען האָט זיך פאַר איהם געצויגען אַזוי ווי אַ שעהנער, אַנגענעהמער חלום, און ווען ער איז אַמאָל מיעד געוואָרען פון אַלע דיזע גלענצענדע יום טובים, וועלכע האָבען אויסגעפילט די צייט, האָט פּאַראַאילדים שטענדיג געפונען נייע פערגניגונגען, פון וועלכע ער האָט נאָך ניט געוואוסט. זי איז איבערהויפּט געווען אַ מערקווירדיגע נאַטור, געמאַכט ווי פון אייזען; זי האָט געטרונקען דאָס לעבען פון אַ פולען בעכער און איז קיינמאָל ניט מיעד געוואָרען; קיינמאָל האָט זי ניט געפיהלט דעם וואונש אין זיך זיך אָבצורוהען פאַר אַ ווײַלע, און אַלי האָט אַלעס געטהאָן, וואָס זי האָט נור פערלאַנגט. זי האָט זיך געשפּיעלט מיט איהם אַזוי ווי אַ קאַץ שפּיעלט מיט אַ מויז. איהרע שעהנע, נאַקעטע אָרעמס זיינען געווען די קייטען, מיט וועלכע זי האָט איהם צוגעהאַלטען, און ער איז שטענדיג געלעגען צו איהרע פיס, אַזוי ווי אַ געטרייער שקלאַף.

אַזוי זיינען אַריבער וואָכען, מאָנאַטען. די פערשידענע נייע ערשיינונגען און איינדריקע פון לעבען, וועלכע האָבען איינגעהילט אַלי'ס פאַנטאַסטישע ליידענשאַפטליכע חלומות, זיינען ביסלעכווייז אַלט און וואָכעדיג געוואָרען פאַר איהם און די אַלטע לאַנגווייליגקייט און מעלאַנכאָליע האָט איהם ווידער בעפאַלען און זיך אַריינגעגעסען אין זיין האַרץ, אַזוי ווי אַ גיפטיגער וואָרים. מאַנכעסמאָל האָט זיך איהם אויסגעוויזען אינמיטען פון גלענצענדע און בערוישענדע פערגניגונגען, אַז צולייקאַ'ס שאָטען שטעהט פאַר איהם מיט שטומע, דראָהענדע בליקען. אין אַזעלכע מאָמענטען איז זיין פנים פלוצלינג פערפינסטערט געוואָרען, און אַ טיעפער זיפץ האָט זיך אַרויסגעריסען פון זיין ברוסט. פּאַראַאילדים, וועלכער ער האָט דערצעהלט די טרויעריגע געשיכטע פון זיין ערשטער ליעבע, האָט איהם דאַן געגלעט דעם שטערען, אַזוי ווי אַ קראַנקען קינד און

האָט איהם געטרייסט מיט צערטליכע ווערטער. אָבער מאַנכעסמאָל איז זי אויך אין כעס געוואָרען און האָט איהם ערקלעהרט, אַז זי וויל ניט, דאָס דער מאַן וועמען זי ליעבט, זאָל שטענדיג אַרומטראָגען אין הארצען דאָס בילד פֿון אַן אַנדערער. זי איז אָפֿט געווען קאַלט און גרויזאַם צו איהם און אין איהרע אויגען האָט זיך בעוויזען אַ ביטערער האַס.

אַלי האָט עס בעמערקט און זיין האַרץ האָט אָנגעהויבען צו בלוטען. ווי גליקליך וואָלט ער זיך געשעצט, ווען ער וואָלט זיך געקענט פֿאָרשטעלען פֿאַראַאילדים אַלס די פֿאָלקאָמענסטע פֿרוי אונטער דער זונן. אָבער די אינדישע קעניגין האָט גרויזאַם צושטערט זיינע שעהנע פֿאָרשטעלונגען. זי האָט ליעב געהאַט צו שלאָגען איהרע שקלאַפֿען, און די טויטעס־אורטהיילען וויינען איהר אַרויס פֿון מויל, אַזוי ווי די שעהנסטע ליעבעס־ערקלערונגען. זעהר אָפֿט האָט זי אַליין צוגעהאָלפֿען דעם הענקער ביי זיין שרעקליכער אַרבייט, איבערהויפּט ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט אום אַזעלכע מענער, וועלכע זי האָט אַמאָל פֿריהער געליעבט. און אין דערזעלבער צייט ווען זי האָט איהרע אָפּפֿער דעם ווידענעם שטריק אַרויפֿגעלייגט אויף'ן האַלז, האָט זי געשמייכעלט אַזוי ליעבליך און אונשולדיג ווי אַ מלאך פֿון הימעל.

אַלי האָט זעהר פֿיעל געליטען פֿון אַלע דיזע פּאַסירונגען און אין זיין נשמה האָט זיך ענטוויקעלט אַ שטאַרקע בייגקעניש נאָך דעם פֿריעדען, וועלכער האָט געהערשט אין זיין פֿאָטער'ס הויז, און נאָך דער ריינער ליעבע פֿון צולייקאַ. אָפֿטמאָל האָט ער בעשלאָסען צו צוברעכען די קייטען, וועלכע האָבען איהם צוגעשמיעדט צו פֿאַראַאילדים און צו אַנטלויפֿען פֿון דיזען שרעקליכען לאַנד; אָבער ער איז שטענדיג געווען צו שוואַך, אום אויסצופֿיהרען זיין בעשלוס. טיעפֿע קנייטשען האָבען בעדעקט זיין שטערען, אַזוי ווי פֿינסטערע וואָלקענס, און די קלענסטע קלייניגקייט האָט איהם געקענט אויפֿרעגען. אַמאָל איז ער געווען געגען פֿאַראַאילדים קאַלט

און אָבשטויסענד, אַן אַנדערש מאָל איז ער ווידער געלעגען צו איהרע פּיס אַזוי ווי אַ שקלאַף.

„דו ביזט אַ נאַריש, איינגעשפּאַרט אינגעל," פּלעגט זי דאַן זאָגען צו איהם — „איך וואָלט דיר אַם ליעבסטען געוואָלט שלאָגען און קושען אין דערזעלבער צייט; אָבער מען מוז דיר נעהמען, אַזוי ווי דו ביזט, און גראָד אַזוי ביזט דו ריכטיג פאַר מיר!"

ער האָט רוהיג אויסגעהערט איהרע ווערטער און האָט געקוקט אויף איהר מיט אַ טיעפען, טרויעריגען בליק, אין וועלכען עס האָט זיך אויסגעדריקט דער וואונש: „זיי עהרליך, זיי גוט צו מיר!" נאָר ער האָט שוין לאַנג געוואוסט, אַז דיזע פרוי האָט ניט קיין האַרץ.

פּיהלענדיג זיך אַזוי איינזאַם און עלענד, איז די האַשיש-פּייף געווען זיין איינציגער טרייסט; שטונדען-לאַנג, גאַנצע טעג פּלעגט ער זיצען אויף אַ ווייכען דיוואַן און איינציהען אין זיך דאָס זיסע גיפּט. די בילדער און פאָרשטעלונגען, וועלכע דער האַשיש האָט איהם פאָרגעצויבערט, האָבען ערקוויקט זיין האַרץ, און אויף אַ ווײַלע אַוועקגענומען פון איהם די שווערע לאַסט און גרויזאַמע ליי־דען, וועלכע האָבען געפּייניגט זיין קראַנקע נשמה.

האַשיש, האַשיש, האַשיש! קיין צווייפעל ניט, מאַראַ איז געווען גערעכט, האַשיש איז אַ געטום פאַר געטער.

אין דערזעלבער צייט האָט פּאַראַאילדים אַראַנזשירט רוישענדע ימים טובים פאַר די גרויסע און מעכטיגע פון איהר לאַנד. מען איז גע־לעגען אויף רויזען-בלעטער; נאַקעטע באַיאַדערען האָבען געטאַנצט און געזונגען; שטראָמען וויין זיינען געפלאָסען, און אַלי איז געווען דער גליקליכסטער פון אַלע, דען צו איהם האָט בעלאַנגט פּאַראַ־אילדים, די שעהנסטע פון אַלע שעהנע...

אָבער איינמאָל ביי נאַכט, ווען ער איז געלעגען אַליין אויף זיין דיוואַן און האָט געראויכערט האַשיש, האָט ער פּלוצלינג דערהערט פון דער הויך אַ שטימע, וואָס האָט איהם צוגערופען: „וואַך אויף אַלי! זיי אַ מאַן! רייס זיך אַרויס פון דיזען שענדליכען לעבען און אַנטלויף פון דיזער זינדיגער שטאָדט ווי פון אַ פייער! זיי אַ קעמפּפער!

שאַף עפּעס גרויסעס, און דו וועסט געפֿינען אַן אינערליכע בעפֿרידיגונג און דעם פֿריעדען פֿון דיין נשמה, וועלכען דו האָסט פֿערלאָרען!״

עס האָט זיך איהם אויסגעדוכט, אַז זיינע אויערען האָבען דערהערט צולייקאַ׳ס זיסע שטימע. ער האָט אַוועקגעשליידערט פֿון זיך די האַשיש־פֿייף און בעשלאָסען אַוועקצוגעהן פֿון פֿאַראַאילדים. אָבער דעם אַנדערען טאָג איז ער ווידער געזעסען לעבען איהר; זי האָט איהם אַליין אָנגעצונדען די האַשיש־פֿייף מיט אַן איראָנישען שמייכעל אויף די ליפּען. ער האָט געוואָלט דיזעס און יענעס, אָבער ער האָט קיין זאַך ניט אויסגעפֿיהרט; שטענדיג האָט ער געמאַכט פּלענער, אָבער פֿערווירקליכט האָט ער קיין זאַך ניט. ער האָט געזעהן הינדערנישען דאָרט, וואו עס זיינען קיינע ניט געווען. יעדער שטיין, וואָס איז איהם געלעגען אין וועג, האָט איהם פֿערדראָסען, אָבער ער האָט קיינמאָל ניט געהאַט דעם מוטה איהם אַוועקצורעמען. מיט איין וואָרט: זיין ווילען איז געווען געבראָכען, ער האָט געצווייפֿעלט אין זיך אַליין. ער האָט פֿערשאָלטען די אומשטענדען, אין וועלכע ער האָט געלעבט, אָבער ער איז געווען צו שוואַך זיי איבערצומאַכען. אָט אַזוי האָט ער געלעבט, צורים מיט דער גאַנצער וועלט און שטענדיג קעמפּפֿענדיג צווישען ווילען און קענען.

מיט פֿאַראַאילדים איז ער איצט שטענדיג געווען צוקריעגט. ער האָט איהר געמאַכט די ערגסטע פֿאָרווירפֿע, און זי האָט איהם געענטפֿערט, אַז ער איז ניט מעהר ווי אַ שפּיעל־צייג אין איהרע הענד, וועלכען זי קען צוברעכען און אַוועקוואַרפֿען, ווען עס וועט זיך איהר נאָר פֿערגלוסטען. אין איהרע אויגען האָט זיך אָפֿטמאָל בעוויזען אַ ווילדער האַס; זי האָט איהם געהייסען זיך אָבטראָגען פֿון דאַנען; אָבער ווען ער איז פּלוצלינג ערענסט געוואָרען, איז זי ווידער געווען דאָס ליעבענדע ווייב, וואָס האָט איהם צוגעבונדען צו זיך דורך איהר וואונדערבאַרע שעהנהייט. אָפֿטמאָל איז ער געווען

אַזוי אין כעס אויף איהר, אַז ער האָט אויפֿגעהויבען די האַנד געגען איהר; אָבער זי האָט זיך איינפֿאַך אויסגעלאַכט פֿון איהם און איז שטענדיג געווען די זיעגערין. דער קאָפּ איז איהם געווען שווער און קראַנק; ער האָט זיך שוין לענגער ניט געוואָלט לאָזען פֿון איהר אַרומשאַרען, אַזוי ווי אַ פֿיגור אויף אַ שאַך-ברעט. דער האַשיש האָט איהם אפילו ווידער בערוהיגט אויף אַ ווײַלע, אָבער ווען ער איז אויפֿגעוואַכט, איז זיין שמערץ געווען נאָך ווילדער און גרויזאַמער ווי בעפֿאָר, ווייל ער האָט דאַן געזעהן דעם אונטערשיעד צווישען טרוים און ווירקליכקייט.

אַ סוף, אַ סוף, וואָס עס זאָל ניט קאָסטען. און אום ניט ווידער צו פֿערזינקען אין דעם אַלטען זומפּ, אַזוי ווי אימער, האָט ער געד רופֿען יוסוף'ן, אום זיך דורכצוריידען מיט איהם און אויסצוגיסען זיין האַרץ.

יוסוף איז געקומען בלייך און פֿינסטער, אַזוי ווי געוועהנליך און האָט איהם געפֿרעגט, וואָס ער וויל פֿון איהם.

„אַך, ווי שעהן איז געווען די צייט," האָט אַלי אָנגעהויבען צו קלאָגען, „ווען איך האָב נאָך געלעבט אין דעם הויז פֿון מיין פֿאָד טער. אַלעס איז געווען אַזוי פֿריעדליך און אַנגענעהם; איך בין געגאַנגען אויף דער יאַגד, בעסערם האָב איך גאָר ניט פֿערלאַנגט. שפּעטער, ווען איך האָב זיך בעקענט מיט צולייקאַ'ן, איז קיין מענש אויף דער וועלט ניט געווען גלייך צו מיר. אָבער דאַן האָט מיר געטראָפֿען דער אונגליק, וועלכער האָט אַלצדינג אַוועקגערויבט פֿון מיר. זיצענדיג אין דער שטילער וויסטע, ביזט דו געקומען צו מיר אונגעבעטענערהייט און האָסט מיר אָנגעבאָטען דיין הילף; אָבער קיין גוטס האָסט דו מיר ניט געטהאָן דערמיט. דו האָסט געמאַכט פֿון מיר אַ שוואַכען, קראַפֿטלאָזען מאַן, אָהן אַ ווילען, אָהן ענערגיע און צושטערט אין מיר די אונבעזיעגבאַרע קראַפֿט פֿון דער יוגענד!"

יוסוף האָט איהם אָנגעקוקט מיט זיינע קאַלטע, אונ'רחמנות'ד דיגע אויגען און מיט אַ ביטערער איראָניע האָט ער געענטפֿערט:

„אונדאַנקבאַרער, וואָס דו ביזט! דורך מיין הילף ביזט דו געוואָרען גרויס און מעכטיג, דו ביזט דער מאַן פֿון איינע פֿון די מעכטיגסטע קעניגינען! וואָס פֿערלאַנגסט דו נאָך מעהר, ווי צו זיצען אויף אַ קעניגס־טהראָן?"

„וואָס נוצט מיר דער אויסערליכער גלאַנץ, אַז איך בין אינערליך אַ צובראָכענער מענש?" האָט אַלי געשריען מיט פֿערצווייפֿלונג. „דו ביזט דער שולדיגער! דו האָסט מיך אַריינגענאַרט אין דיין נעץ!"

„וואַרום האָסט דו זיך צוגעהערט צו מיין טאָכטער מאַראַ?" האָט יוסוף קאַלט געענטפֿערט. „וואַרום האָסט דו בעסער ניט געפֿאָלגט די עצה פֿון דער קלוגער זוראַ?"

„געמיינער פֿערפֿיהרער!" האָט אַלי אַ געשריי געטהאָן, קאָבענדיג פֿון אינערליכער אויפֿרעגונג. „דו רעדסט דאָס אַזוי צו מיר, דו? איך האָב דיר אָנגעטרויט מיין לעבען, דען מיין געוויסען איז געווען ריין און קיין זינד האָט ניט געדריקט מיין נשמה. וואַרום האָסט דו מאַראַ געשיקט צו מיר, דעם אונשולדיגען אינגלינג, כדי זי זאָל מיך פֿערפֿיהרען מיט איהר גלאַט צינגעלע? אויב זוראַ איז בעסער געווען, וואַרום האָסט דו איהר אַליין ניט געשיקט צו מיר? וואַרום האָבען איהרע ווערטער ניט געהאַט מעהר קראַפֿט און איינפֿלוס אויף מיר? טראָג זיך אָב פֿון דאַנען! דו ביזט אַ טייוועל און דורך מאַראַ, דעם שטן'ס טאָכטער האָסט דו מיך פֿערפֿיהרט און בעטראָגען! זי האָט מיר אָנגעבאָטען דאָס גיפֿט פֿון'ם האַשיש, פֿון דאַמאָלס אָן איז מיין קראַפֿט פֿערוועלקט און דאָס ליכט פֿון מיין גייסט איז פֿערלאָשען געוואָרען. איך האָב פֿער'חלום'ט מיין לעבען, און איהר ביידע האָט מיך פֿערניכטעט!"

„קאָך זיך נאַר!" האָט יוסוף געענטפֿערט מיט אַ ביטערע איראָניע. „קיין זאַך וועט דיר ניט העלפֿען! אַלעס מוז זיך ערפֿילען, ווי עס איז בעשטימט געוואָרען. דו ביזט ניט מעהר ווי אַ פֿערוועלקטעס בלאַט, וואָס פֿליהט אַרום אין אַ שטורם".

„דו שפּאָטסט נאָך פֿון מיר, געמיינער פֿערפֿיהרער!" האָט אַלי

געשריען, ציטערענדיג פון כעס. „טראָג זיך אָב פון דאַנען און ברייננ מיר צוריק צולייקאַ! דו הערסט, צולייקאַ וויל איך האָבען; זי זאָל מיר געבען צוריק דעם פריעדען פון מיין נשמה!"

„דו ווייסט זי שוין ווידערזעהן," האָט יוסף געענטפערט קאַלט און דומפף — „נאָר ניט איצט, דען די צייט איז נאָך ניט געקומען. וואָרום האָסט דו זיך ניט אויפגעכאַפּט אין יענער נאַכט און נאָכגעיאָגט דעם רויבער פון דיין גליק? אָבער אַזוי זייט איהר שוין אימער, איהר גרויסע העלדען! אָנשטאָט זיך צו פערלאָזען אויף אייער אייגענע קראַפט, פערלאַנגט איהר, אַז מיר זאָלען אייך העלפען, ווען איהר געפינט זיך אין נויט; און אויב עס געהט אייך ניט אַלעס, אַזוי ווי איהר ווילט, פיהרט איהר זיך אויף אַזוי ווי משוגעים, פערשילט אייערע בעלי־עצות, נאָר ווען איהר האָט זיי נייטיג, קומט איהר ווידער צו זיי. הער מיך אויס, אַלי, איך וויל זיך איצט ניט קריעגען מיט דיר, דו ביזט קראַנק און נערוועז. נאָר אויב עס גלוסט זיך דיר ווירקליך אויספיהרען אַ גרויסע און נאָבעלע טהאַט, וועל איך דיר געבען אַ געלעגענהייט. אַזוי ווי דיר איז בעקאַנט, לעבט אין צפון־זייט פון הינדאָסטאַן אַ שוועסטער פון דיין פרוי פאַראַאילדים — די שעהנע מאַיאַ. זי איז דעם אַלטען קעניג'ס פרוי, אָבוואָהל זי איז יונגער ווי פאַראַאילדים און ניט מיאוס'ער פון איהר. זייט אַ לענגערע צייט פערפאָלגט איהר מאָבעד, דער ערשטער מיניסטער פון'ם קעניג מיט ליעבעס־ערקלערונגען; ער קריעכט איהר נאָך אויף שריט און טריט און בעליידיגט איהר מיט זיינע ווערטער. וואו זי איז ערגעץ אַליין אין אַ צימער, איז ער באַלד הינטער איהר, און ווען זי טרייבט איהם אַרויס, קריצט ער מיט די צייהן פון כעס. עס זיינען שוין אָנגעקומען אַסך בריעף צו פאַראַאילדים, אין וועלכע די שוועסטער איהרע בעקלאָגט זיך ביטער אויף מאָבעד און בעט, אַז זי זאָל זיך אָננעהמען פאַר איהר. דער קעניג גופא איז אַלט און שוואַך, זיין גייסט איז קינדיש, און מאַיאַ קען זיך אויף איהם ניט פערלאָזען. ער האָט אַריינגעלייגט די גאַנצע מאַכט אין מאָבעד'ס הענד, וועלכער נוצט עס אויס אויף אַ שענדליכען אופן; ער מאַכט איבעראַל אָן שרעקליכע

אינטריגעס און שטייגט אַריבער אַלע טיראַנען אין גרוייזאַמקייט. די הויף־לייט קריעכען פֿאַר איהם אויף אַלע פֿיער, דערפֿאַר וואָס זיי האָבען מורא פֿאַר איהם. זיין מאַכט איז אונבעגרענעצט; נאָר דאָס פֿאָלק פֿערהאַסט איהם, און גאַנצע פּראָווינצען האָבען זיך שוין אויפֿגעהויבען געגען זיין גרוייזאַמע טיראַניי. ער דריקט דאָס פֿאָלק מיט אונגעהייערע אָבגאַבען, און קיינער איז מעהר ניט זיכער מיט זיין לעבען און אייגענטהום. מאַיאַ איז שטענדיג אַרומגערינגעלט פֿון מאָבעד'ס שפּיאָנען; זי האָט מורא פֿאַר אַ געוואַלט־אַקט, און לויט די לעצטע נאַכריכטען זיינען זי און דער קעניג מעהר ניט זיכער מיט זייער לעבען. געה אַהין, אַלי, זעה וואָס דו קענסט טהאָן און ריים מאַיאַ אַרויס פֿון די לאַפּעס פֿון דעם אונמענש. אָט דאָס וואָלט געווען אַ טהאַט פֿאַר דיין נאָבעלען פֿערלאַנג!"

אַלי האָט זיך אויפֿמערקזאַם צוגעהערט צו יוסוף'ס רייד און איז באַלד בעגייסטערט געוואָרען פֿון זיין פֿאָרשלאַג. מאַיאַ'ס טרויעריגע לאַגע האָט איהם מעהר ניט געלאָזט רוהען. ער האָט בעשלאָסען איהר צו בעפֿרייען און האָט זיך זעהר געפֿרייט אויף דער געלעגענהייט, וואָס ער וועט קענען זיך אַרויסרייסען פֿון די אַלע פֿערגניגונגען פֿון פֿאַראַאילדים'ס הויף, וואָס האָבען אָבגעשוואַכט זיינע מוסקלען און נערווען. פֿאַראַאילדים גופא איז געווען איינשטימיג מיט זיין פּלאַן; זי האָט זעהר געוואָלט, אַז מען זאָל העלפֿען איהר שוועסטער, און אַזוי ווי זי האָט זיך פֿערליעבט פֿון דאָס ניי אין אַ יונגען, פֿריי־געלאָזענעם שקלאַף, איז זי גאַנץ צופֿריעדען געווען, אַז אַלי זאָל איהר פֿערלאָזען.

X.

מאיא׳ס בעפרייאונג.

די נייטיגע פֿאָרבערייטונגען פֿאַר דער רייזע זיינען באַלד געמאַכט געוואָרען, און אַלי האָט אַוועקגעמאַרשירט אָן דער שפּיצע פֿון אַ שטאַרקער אַרמעע נאָך הינדאָסטאַן. דער געדאַנק וועגען מאַיאַ האָט איהם געגעבען מוטה און קראַפֿט, און ער איז געווען פֿול מיט האָפֿנונג, רייטענדיג אויף זיין פֿייערדיגען פֿערד צווישען הויכע בערג און טיעפֿע טהאָלען. ווען די אַרמעע איז אָנגעקומען לעבען דעם גרענעץ פֿון הינדאָסטאַן, האָט מען אַלי׳ן איבערגעגעבען שלעכטע נאַכריכטען. דער אַלטער קעניג איז געשטאָרבען. אַזוי ווי די פּאַסטוכער האָבען דערצעהלט, האָט מאָבעד איהם פֿער׳סמ׳ט. כדי צו נעהמען ראַכע פֿון דער שטאָלצער קעניגין, וועלכע האָט איהם אַוועקגעשטויסען פֿון זיך, האָט מאָבעד געמאַכט אַ נייעם געזעץ, אום איינצופֿיהרען אין הינדאָסטאַן דעם גרויזאַמען מנהג פֿון איינע פֿון די אַרומיגע פֿעלקער — נעמליך: צו פֿערברענען די אלמנה פֿון דעם טויטען קעניג מיט איהם צוזאַמען. אַלי און זיינע בעוואַפֿענטע רייטער זיינען געפֿלויגען אַזוי ווי אַ שטורם־ווינד צו דער הויפּט־שטאָדט, אום צו פֿערהינדערן די שרעקליכע טהאַט. איבראַל, וואו ער איז געקומען, האָט דאָס פֿאָלק פֿערשאָלטען מאָבעד און געטרויערט איבער דעם טויטען קעניג, וועלכער איז אפילו געווען אַ שוואַכער, אָבער אַ מילדער הערשער, איידער ער האָט איבערגעגעבען די גאַנצע רעגירונג אין די הענד פֿון זיין מיניסטער. און איבעראַל האָט מען בעדויערט די יונגע קעניגין, וועמענס שעהנער קערפּער עס זאָל איבערגעגעבען ווערן צו די פֿלאַמען.

אַ טיעפֿע אונצופֿריעדענהייט האָט דורכגענומען דאָס גאַנצע לאַנד; די שטאַאַטליכע אָרדנונג איז געוועזן שוואַך, און די אַלטע געזעצע און מנהגים זיינען געטראָטען געוואָרען מיט די פֿיס. מאָ־בעד'ס זעלנער האָבען אונטערגעצונדען גאַנצע דערפֿער און זיינע היינקער האָבען איבעראַל אויפֿגעשטעלט גאַלגאַנען פֿאַר די רעבעלען. אין מאַנכע פּראָווינצען האָט אויסגעבראָכען אַ הונגער־עפּידעמיע, און די מענשען זיינען געפֿאַלען אַזוי ווי די פֿליעגען. דער מערדער מאָבעד האָט אויסגעשטרעקט זיינע בלוטיגע הענד נאָך'ן טהראָן, דען דער קעניג האָט ניט איבערגעלאָזט קיין קינדער, און זיין נאָהנטסטער יורש איז געוועזן געפֿאַנגען.

דיזע אַלע נאַכריכטען האָבען אַלי נאָך מעהר אויפֿגערעגט; זיין איינציגער וואונש איז געוועזן צו זיין דער בעפֿרייער פֿון דער קעניגין און פֿון דעם גאַנצען לאַנד. ער האָט געברענט פֿון אינער־ליכער אויפֿרעגונג, וואָס שנעלער צו דערגרייכען זיין ציעל. אַ וואונ־דערבאַרע ענערגיע האָט דורכגענומען זיינע אַלע גליעדער; יעדער מוסקעל איז ביי איהם געוועזן אויפֿגעצויגען ווי אַן אוהר־ווערק און יעדער נערוו האָט געציטערט פֿון קאַמפּף־לוסטיגקייט. און ווען ער איז ענדליך דורכגעריטען דורך די טהויערען פֿון דער הויפּט-שטאָדט, אָן דער שפּיצע פֿון זיינע סאָלדאַטען מיט פֿלאַמענדע אויגען און פֿליהעדיגע האָר, האָט ער אויסגעזעהן, אַזוי ווי דער גאָט פֿון נקמה, און דאָס פֿאָלק האָט געקוקט אויף איהם מיט אַ שטומער פֿער־וואונדערונג.

אַלי איז אָנגעקומען פּונקט אין דער ריכטיגער צייט; מיט אַ האַלבע שטונדע שפּעטער, וואָלט מאַיאַ געוועזן פֿערברענט אויף קוילען.

אויף דעם הויפּט־פּלאַץ פֿון דער שטאָדט האָט זיך צונויפֿגע־קליבען דאָס פֿאָלק און האָט געקוקט מיט צושראָקענע אויגען אויף דעם ריעזיגען שייטערהויפֿען. אַ גאַנצער וואַלד פֿון פֿערטרוקענטע בוימער האָט געדיענט אַלס פֿונדאַמענט. יעדער שייט האָלץ איז בעהאַנגען געוועזן מיט סאַמעט און זייד און קאָסטבאַרע שטאָפֿען.

גאַנץ אויבען איז געלעגען דער טויטער קערפּער פון דעם אַלטען קעניג איינגעהילט אין רייכע, קעניגליכע קליידער. מען האָט מעהר ניט געקענט זעהן, ווי דעם געלען, איינגעשרומפּטען פּנים זיינעם. די אָפענע טרונע, אין וועלכער דער טויטער הערשער איז געלעגען, האָט אויסגעזעהן אַזוי ווי אַ שיפעל, און אויף דעם שפּיץ האָט מען געקענט זעהן אַ הילצערנעם געץ מיט אַ מורא׳דיגען אויסזעהן. דעם טויטען׳ס וואָפען: שילדער, שפּיזען, שווערדען מיט קאָסטבאַרע הענטלאַך, בעציערט מיט דיאַמאַנטען; זיינע גאָלדענע קייטען און רינגען, די זילבערנע טעלער, פון וועלכע ער פלעגט עסען און די גאָלדענע בעכער פון וועלכע ער פלעגט טרינקען — אַלעס איז געווען אָנגעגרייט צום פערברענען. אַ גאַנצער ים פון פּערל, סמאַראַגדען, אָפּאַלען, רובינען און דיאַמאַנטען האָט געברענט און געפונקעלט — ס׳וואָלט געווען גענוג צו שפּייזען אַלע הונגער־ליידער פון דער מדינה פאַר זייער גאַנץ לעבען. גאַנץ אונטען אויף די פערדאַרטע בוימער איז געלעגען דעם קעניג׳ס פערד, פאָלשטענדיג געצוימט און פאַרטיג אַוועקצורייטען מיט דעם טויטען אויף יענער וועלט. ניט ווייט פון דעם פערד איז געווען נאָך אַ קרבן, דער טהייערסטער פון אַלע, אַ לעבעדיגער, צאַפּעלדיגער מענש — מאַיאַ, דעם קעניג׳ס ווייב. ווען דער טויטער האָט מיטגענומען אַלעס, וואָס ער האָט געברויכט אויף דיזער וועלט — די וואָפען, מיט וועלכע ער האָט בעקעמפּפט זיינע שונאים, די בעכערס פון וועלכע ער פלעגט טרינקען, דאָס פערד, אויף וועלכען ער האָט געריטען, דאַן האָט אויך זיין ווייב ניט געדאַרפט פעהלען, מיט וועמען ער האָט געטהיילט זיין געלעגער.

אַלי האָט זיך דורכגעבראָכען דורך דער מאַסע, האַלטענדיג דעם בלויזען שווערד אין דער שטאַרקער האַנד. פאַר אַ מאָמענט איז ער געווען אַזוי ווי פערבלענדעט, קוקענדיג אויף דעם אויסגעפוצטען טויט — אָבער נור פאַר אַ מאָמענט. זיינע אויגען האָבען דערזעהן מאַיאַ׳ן, וועלכע איז געווען אויסגעפוצט מיט גאָלד און דיאַמאַנטען ווי צו דער חופה. זי האָט איהם אָנגעקוקט מיט מורא׳דיגע

אויגען, ציטערענדיג פֿון שרעק; די שרעקליכע טויטעס־אַנגסט האָט זיך אָבגעשפּיעגעלט אין איהר פּנים — זי האָט שווער גע־אָטהעמט, און איהר שעהנער שטערען איז בעדעקט געווען מיט אַ קאַלטען שוויים. אַלי איז צו איהר אַרויפֿגעשפּרונגען שנעל ווי אַ טיגער; מיט דער לינקער האַנד האָט ער אַרומגענומען איהר ציטערענדען קערפּער, און מיט דער רעכטער האָט ער געהאַלטען דאָס שווערד און האָט געהאַקט אויף די צושראָקענע זעלנער. איינעם האָט ער געטראָפֿען, אַז ער האָט זיך איבערגעקעהרט און איז אַראָב־געפֿאַלען פֿון׳ם האָלץ; אַן אַנדערער, וועלכער האָט איהם געוואָלט אָנכאַפּען ביי דער האַנד, האָט געהאַט דעמזעלבען מזל — די אַנ־דערע זיינען אַנטלאָפֿען אָדער דער׳הרג׳ט געוואָרען פֿון אַלי׳ס סאָל־דאַטען. דאָס פֿאָלק איז געשטאַנען און האָט אַלעס צוגעקוקט מיט שרעק און פֿערוואונדערונג, אָבער ווען די צושויער האָבען דערזעהן, אַז דער מוטהיגער אָנגריף ריכטעט זיך בלויז געגען די זעלנער פֿון דעם פֿערהאַסטען מאָבעד, האָט זיך אויפֿגעהויבען אַ ווילדער ענטו־זיאַזם, וועלכער האָט אָנגעפֿילט די לופֿט אַזוי ווי אַ שטורם־ווינד. אַלי האָט גענומען מאַיאַ אויף די הענד ווי אַ קליין קינד און האָט איהר צוגעטראָגען צו זיין פֿערד, בעגלייטעט פֿון דעם ענטוזיאַסטישען אויסגעשריי פֿון די מאַסען. ער איז אַרויפֿגעשפּרונגען אויף׳ן זאָטעל, מאַיאַ׳ן פֿעסט צודריקענדיג צו זיין ברוסט, ווען ער האָט פּלוצלינג דערזעהן מאָבעד׳ן, וועלכער איז געקומען צו רייטען אין פֿולען גאַ־לאָפּ. פֿאַר אַ מאָמענט האָבען זיך די ביידע מענער אָנגעקוקט איי־נער דעם צווייטען מיט ווילדע בליקען. אַלי האָט געפֿיהלט אין זיך אַ הייליגע בעגייסטערונג; זיין קראַפֿט האָט זיך פֿערהונדערטפֿאַכט; ער האָט געקריצט מיט די צייהן, און זיינע אויגען האָבען געבליצט ווי פֿייער — ער האָט אויסגעזעהן, אַזוי ווי ער וואָלט זיך אָנגע־טרונקען מיט בלוט, שטאַרק, דראָהענד — אַ בילד פֿון אונבעזיעג־באַרקייט. מאָבעד, האַלטענדיג דאָס בלויזע שווערד אין זיין האַנד, האָט געקוקט אויף איהם אַזוי ווי פֿערשטיינערט; אָבער אַלי׳ס

שווערד האָט איהם געטראָפען, אַז ער איז אַרונטערגעפאַלען פון פערד מיט אַ צושפּאָלטענעם קאָפּ.

איצט איז דאָס פאָלק געווען אויסער זיך פון פרייד און בע־גייסטערונג. מען האָט געשריען און געליאַרמט, געלאַכט און געוויינט פון גרויס שמחה. די מענשען האָבען זיך געוואָרפען פאַר אַלי'ן אויף די קניע און געקושט זיינע קליידער, ביז מען האָט איהם ענדליך אַוועקגעפיהרט אין טריאומפף צום קעניגליכען פּאַלאַץ. ער האָט זיך געפיהלט אַזוי גליקליך און שטאַרק ווי קיינמאָל בעפאָר. אַ שטאָלצע צופריעדענהייט האָט דורכגענומען זיין נשמה; ער האָט געפיהלט, אַז אַ נייער גליק־שטערען איז אויפגעגאַנגען אין זיין לעבען.

אין דער רעכטער האַנד האָט ער געהאַלטען דאָס בלוטיגע שווערד, און מיט דער לינקער האָט ער צוגעהאַלטען מאַיאַ'ן. איצט ערשט האָט ער צייט געהאַט איהר צו בעטראַכטען און צו בע־וואונדערן איהר שעהנהייט. זי איז געווען עהנליך צו איהר שוועס־טער פאַראַאילדים, נאָר דער פּנים איהרער איז געווען לויטערער, ווייכער און ליעבליכער; זי איז אויך געווען יונגער און האָט מעהר אויסגעזעהן ווי אַ יונג, פרישׁ מיידעל איידער אַ פרוי. אַלי האָט צערטליך געגלעט די גאָלדענע האָר פון דער שעהנער מאַיאַ, און ווען ער האָט דערפיהלט איהר הייסען אָטהעם און דעם לייכטען ציטער פון איהר קערפּער, וואָלט ער אַוועקגעגעבען זיין לעבען, ווען ער וואָלט איהר געמעגט קושען. אַן אונשולדיגען קוש, האָט ער געטראַכט, האָב איך שוין פערדיענט. אָבער ווייל זי איז נאָך אימער געלעגען אין חלשות, האָט ער זיך ניט דערוועגט איהר צו בעריהה־רען; עס האָט איהם אויסגעזעהן צו ניעדעריג, אַזוי ווי אַ גנבה; פרייוויליג וואָלט זי איהם געדאַרפט קושען. זי איז געווען וואונדער־באַר שעהן; צו קוקען אויף איהר צאַרטען פּנים איז פאַר איהם געווען אַן ערקוויקונג נאָך דעם בלוטיגען קאַמפף. זי האָט זיך איהם אויסגעוויזען ווי איינע פון יענע פערצויבערטע פּרינצעסינען, פון וועמען ער האָט גע'חלום'ט אין זיין יוגענד; און ווען ער האָט זיך דערמאָהנט, אַז ער איז אַליין געווען איהר בעפרייער, וואָס האָט

איהר געראַטעוועט פֿון אַ גרוויזאַמען טויט, איז ער געווען דער גליקליכסטער פֿון אַלע גליקליכע.

ביסלעכווייז איז מאַיאַ ווידער געקומען צו זיך. זי האָט גע־עפֿענט די שעהנע אויגען, וועלכע זיינען געווען אָנגעפֿילט מיט טרע־רען. ריידען האָט זי ניט געקענט, נאָר אין איהר פּנים האָט זיך דייטליך אויסגעדריקט אַלעס, וואָס זי האָט געפֿיהלט. זי האָט אָנגענומען אַלי'ס האַנד און האָט איהר געקושט מיט אַ הייסער דאַנקבאַרקייט. איצט האָט זיך אַלי ניט געקענט מעהר איינהאַלטען: זיינע ליפּען האָבען געזוכט די איהריגע, און ער איז געווען פֿול מיט גליקזעליגקייט, דערפֿיהלענדיג, אַז זי האָט איהם צוריקגעקושט. דאָס איז פֿאַר איהם געווען דער בעסטער לוין פֿאַר זיין נאָבעלע טהאַט.

דאָס פֿאָלק איז ניט מיער געוואָרען איהם צו בעגריסען. ענד־ליך איז ער אָנגעקומען פֿאַר'ן פּאַלאַץ און איז אַריינגעטראָטען מיט דער יונגער קעניגין דורך דעם הויכען טהויער.

ערשט איצט האָט זי ריכטיג געפֿיהלט, פֿון וואָס פֿאַר אַ גרוי־סער געפֿאַהר אַלי האָט איהר געראַטעוועט. אין איהרע שעהנע, טיעפֿע אויגען האָט זיך נאָך אָבגעשפּיעגעלט די מורא פֿאַר דעם שרעקליכען טויט. זי האָט זיך אַוועקגעלייגט אויף אַ קאָסטבאַרען דיוואַן, איהר גאַנצער קערפּער האָט געציטערט און זי האָט געלאַכט און געוויינט אין דערזעלבער צייט.

אַלי האָט איהר געטרייסט מיט הערצליכע ווערטער.

„דו ביזט צו מיר געקומען ווי אַ מלאך פֿון הימעל, מיין אַלי,” האָט זי שטיל געשעפּטשעט, „אויב ניט דו, וואָלט מען מיך גע־מערדערט אויף אַ שרעקליכען אופן. און זי האָט אָנגעהויבען איהם צו דערצעהלען די טרויעריגע געשיכטע פֿון איהר הייראַטה.

זי איז כמעט נאָך געווען אַ קינד, ווען מען האָט איהר געגען איהר ווילען, חתונה געמאַכט מיט דעם אַלטען קעניג. ער האָט איהר אפילו ניט שלעכט בעהאַנדעלט, זי וואָלט צופֿריעדען געווען איהם צו רעספּעקטירען ווי אַ פֿאָטער, אָבער פֿאַר זיינע צערטליכ־קייטען האָט זי געפֿיהלט אַ טיעפֿען עקעל. דער קעניג איז געווען

אַ שוואַכער מאַן און איז אין גאַנצען בעהערשט געוואָרען פֿון זיין ערשטען מיניסטער מאָבעד. קיינער האָט זיך ניט געטאָרט דערוועגען זיך צו בעקלאָגען אויף איהם, אויב זיין לעבען איז איהם ליעב געוועזן. זיין מאַכט איז געווען אונבעגרענעצט, אַקוראַט ווי זיינע פֿערברעכען. זיין גאַנצער שטרעבען איז געווען צו זאַמלען רייכטהיימער; ער האָט פֿערשאַכערט די טיטלען און שטעלונגען און געדריקט דאָס פֿאָלק מיט אונגעהייערע אָבגאַבען. דער גאַנצער כאַראַקטער פֿון דיזען מאַן איז געווען פֿאַלש, יעדעס וואָרט פֿון איהם איז געווען אַ ליגען, און זיין גערעכטיגקייט איז געגאַנגען אויף קוליעס. מאַיאַ האָט געהאַט פֿיעל אויסצושטעהן פֿון זיין פֿאַלשקייט און חניפה. דער קעניג האָט איהר ניט געקענט בעשיצען, און קיין אַנדער פֿריינד האָט זי ניט געהאַט. ענדליך איז געקומען די קאַטאַסטראָפֿע: מאָבעד האָט פֿער׳סמ׳ט דעם קעניג און האָט געוואָלט נעהמען ראַכע פֿון דער שעהנער אַלמנה, דערפֿאַר וואָס זי האָט איהם ניט געוואָלט נאָכגעבען.

„אָבער איך האָב ניט געוואָלט שטאַרבען," האָט מאַיאַ פֿאָרטגעזעצט איהר ערצעהלונג. „איך בין נאָך אַזוי יונג, מיין לעבען איז געווען אָהן גליק, איך וואָלט אָם וויינינגסטענס געוואָלט, עס זאָל מיר זיין אַזוי גוט, ווי דער אָרעמסטער פֿרוי פֿון פֿאָלק; איך וויל לעבען און ליעבען. דו האָסט מיר דאָס לעבען געשענקט און גענומען ראַכע פֿאַר מיר! ווי אַזוי קען איך דיר אָבדאַנקען? איך האָב קיין זאַך ניט, מיט וואָס איך זאָל דיר קענען בעלוינען; אָבער איך וויל זיך אַליין דיר אַוועקגעבען, צו דיר בעלאַנג איך מיט לייב און זעעלע."

ווען אַלי האָט דערהערט דיזע ווערטער, ווען ער האָט דערזעהן דעם בליהענדען, קעניגליכען קערפּער פֿון דער געליעבטער פֿרוי, האָט זיך אָנגעצונדען אין איהם אַ פֿייערדיגע ליעבע; דאָס בלוט אין זיינע אָדערן האָט אָנגעהויבען קאָכען; ער האָט מאַיאַ'ן צוגעצויגען צו זיך, און זי האָט איהם געקושט מיט איהרע הייסע, רויטע ליפּען.

„אָ, ווי גליקליך איך בין, וואָס איך קען טרינקען פֿון דעם

טיעפּסטען קוואַל פון דיין נשמה!" האָט אַלי אויסגעשריען מיט בע־גייסטערונג. ער האָט געהאַט דעם פערלאַנג צו געניסען אָט דיזע געטליכע שעהנהייט, זיך צו פער'שכור'ן פון איהרע זיסע ליפּען און איהרע גאָלדענע לאָקען.

ער האָט ביי זיך אין הארצען געמאַכט אַ פערגלייך צווישען מאַיאַ און פאַראַאילדים. קיין צווייפעל ניט, מאַיאַ איז געווען פיעל ליעבליכער, איינפאַכער און עהרליכער פון פאַראַאילדים. איהר האַרץ איז געווען אָהן פאַלשקייט, זי איז געווען גוט און פאָלקאָמען אין יעדער בעציהונג. ווי גליקליך ער וואָלט געווען מיט איהר! אָבער זיין שיקזאַל האָט זיך אַנדערש אויסגעלאָזט. ער איז געווען פאַראַ־אילדים'ס מאַן און האָט זיך געמוזט אָבגרייסען פון מאַיאַ'ן. אויך האָט ער געפיהלט אין זיך אַ הייסען פערלאַנג צו בעגעהן גרויסע טהאַ־טען, אָט דערפאַר האָט ער ניט געוואָלט זיך ווידער פערליעבען. ער האָט געפיהלט אין זיך דעם וואונש צו וואַנדערן איבער דער וועלט און צו בעשיצען די שוואַכע און אונגליקליכע.

אין דערזעלבער צייט איז סאָהראַב, דער נאָהענטסטער קרוב פון דעם טויטען קעניג אַרויף אויף'ן טהראָן. ער איז געווען אַן עהרליכער און גערעכטער מאַן און האָט זיך בעמיהט צו מאַכען אָרד־נונג אין דעם גאַנצען קעניגרייך. סאָהראַב האָט שוין לאַנג מאַיאַ'ן ליעב געהאַט און האָט איצט געבעטען איהר האַנד. די יונגע אלמנה, וועלכע האָט רעספּעקטירט דעם נייען קעניג פאַר זיין נאָבעלען כאַ־ראַקטער, האָט אָנגענומען זיין פאָרשלאַג, דען זי האָט איינגעזעהן, אַז אַלי קען לײדער ניט בלייבען ביי איהר.

.XI

אסטא.

נאָך אַ קורצער אָבער גליקליכער ליעבע האָט זיך אַלי געזעגענט מיט מאַיאַ. עס האָט זיך איהם ווידער בעוויזען אויפצוטהאָן אַ גרויסע, העלדישע טהאַט. ער האָט געהערט, אַז ניט ווייט פֿון דעם בינעזישען גרענעץ געפֿינט זיך אַן אָבגאָט, וועלכען מען איז מקריב יעדעס יאָהר די שעהנסטע בתולה פֿון גאַנצען לאַנד. ס'איז גראָד נאָך געווען צייט צו פֿערהינדערן די גרויזאַמע טהאַט.

אַלי האָט זיך אויף גיך אָבגעריסען פֿון דער שעהנער מאַיאַ און האָט זיך אַרויסגעלאָזט אויף דער ווייטער רייזע. שנעל ווי אַ שטורם־ווינד איז ער דורכגעפֿלויגען ווייטע לענדער און האָט גראַדע דער־גרייכט זיין ציעל, איידער עס איז געווען צו שפּעט. אַריינקומענדיג אין שטאָדט ווי אַ גרויסער הערשער, בעגלייט פֿון אַ גרויסער סוויטע, איז איהם גרינג געווען אַריינצוקומען אין טעמפּעל. ס'איז געווען אַ גרויסער רוים מיט פֿיעלע מאַרמאָרנע זיילען און וואונדערליכע פֿער־ציערונגען. אין מיטען איז געזעסען די ריעזיגע געשטאַלט פֿון דעם אָבגאָט, אַ שרעקליכער מאָנסטער מיט געקרייזעלטע האָר און באָרד און אַ העסליכע, פלאַטשיגע נאָז. זיינע אויגען זיינען געווען אַזוי ווי פֿערשלאָפֿען און פֿול מיט בעהאַלטענע ליידענשאַפֿטען, זיין מויל איז געווען ווייט אָפֿען, גרייט איינצושלינגען זיינע קרבנות — אַ שרעק־ליכער סימבאָל פֿון טהיערישער גרויזאַמקייט און מענשליכער ליידענ־שאַפֿט. דער עקעלהאַפֿטער קאָפּ איז בעציערט געווען מיט אַ גאָלדענעם קראַנץ אַלס אַ סמן פֿון זיין געטליכקייט. אַ ריעזיגער טיגער, וועלכער איז צוגעשמיעד געווען צו אַ קייט, איז געווען

אָנגעגרייט אָנצופֿאַלען אויף דעם אונגליקליכען קרבן. אויף מאָרגען האָט געזאָלט שטאַטפֿינדען די בלוטיגע צערעמאָניע.

דעם אַנדערן טאָג איז אַלי אָנגעקומען אין דער ריכטיגער צייט מיט זיינע מיטקעמפֿפֿער. לעבען דעם טעמפעל זיינען געשטאַנען די פֿריינד און קרובים פֿון דעם קרבן, וועלכע מען האָט גערופֿען אַסטאַ. אַלי האָט זיך דורכגעבראָכען אַ וועג אין דעם הייליגען טעמפעל מיט די בלויזע שווערד אין דער האַנד. ער האָט געזעהן אַסטאַ. איהר האַלב־נאַקעטער קערפּער איז געווען צוגעבונדען מיט ביידע הענד צו די ריעזיגע קניע פֿון דעם שרעקליכען געץ. אין דעם שעהנעם פּנים איהרען האָט זיך אָבגעשפּיגעלט אַ מורא׳דיגע פֿערצווייפֿלונג. זי האָט געקוקט אויף אַלי׳ן אַזוי ווי אַ צומישטע. אויף ביידע זייטען זיינען געשטאַנען ליימענע אָפּפֿער־געפֿעסען, פֿון וועלכע עס איז אַרויסגעקומען אַ געדיכטער רויך. עטליכע געצען־פֿריעסטער האָבען געמורמעלט תּפילות. דער ריעזיגער טיגער, וועלכער האָט שוין פֿון עטליכע טעג ניט געהאַט געגעסען, האָט געברומט, אַז די וועגד פֿון דעם טעמפּעל האָבען געציטערט; ער האָט אַרויסגעטשירעט די מעכטיגע ציינער, פֿערלאַנגענדיג נאָך מענשען־פֿלייש און ווילד געשלאָגען מיט דעם עק אויף די קאַלטע מאַרמאָרשטיינער. דער העסליכער, עקעלהאַפֿטער פּנים פֿון דעם אָבגאָט איז געווען גלייכגילטיג און פֿערשלאָפֿען ווי אימער.

פּלוצלינג האָט אַסטאַ אַרויסגעלאָזט אַ מורא׳דיגען געשריי —

מען האָט דעם טיגער אָבגעלאָזט פֿון דער קייט און ער איז געווען פֿאַרטיג אויף איהר אַרויפֿצושפּרינגען. אָבער אַלי׳ס שטאַרקער אָרעם איז געווען נאָך שנעלער; מיט איין שטויס פֿון זיין שווערד האָט ער געטראָפֿען אויף טויט די ווילדע חיה, אַז זי האָט זיך אויסגעצויגען אויף די קאַלטע מאַרמאָר־שטיינער, איינגעהילט אין דעם רויך, וואָס האָט זיך אויפֿגעהויבען פֿון די ליימענע אָפּפֿער־געפֿעסען. די געצען־פֿריעסטער האָבען זיך אַזוי דערשראָקען, אַז זיי האָבען אָנגעהויבען לויפֿען אַזוי ווי פֿון פֿייער.

אַלי איז צוגעלאָפֿען צו אַסטאַ מיט גליהענדע אויגען, שטאָלץ

ווי אַ זיגער, און האָט איהר אַראָבגענומען די קייטען פֿון די הענד.

זי האָט ניט געקענט אַרויסריידען קיין וואָרט, איהר האַרץ איז געווען צו פֿול. זי האָט זיך געוואָרפֿען פֿאַר אַלי אויף דער ערד, האָט אַרומגענומען זיינע קניע און געקושט זיינע פֿיס. אַלי האָט איהר אויפֿגעהויבען פֿון דער ערד און האָט איהר געטרייסט מיט פֿריינדליכע ווערטער. און ווען זי איז אַזוי געשטאַנען פֿאַר איהם, ציטערענדיג ווי אַ בלאַט, מיט אַראָבגעלאָזענע אויגען, פֿערשעמטער־הייט פֿערשטעלענדיג איהר שעהנעם בוזים מיטביידע הענד, האָט זיך איהם געוואָלט אויסשרייען פֿאַר שמערץ און גליקזעליגקייט. זי איז כמעט נאָך אַ קינד געווען, און איהר ריינער, אונשולדיגער קערפער האָט איהם דערמאָהנט אין צולייקאַ. קיין צווייפֿעל ניט, זי איז געווען עהנליך צו דער אונפֿערגעסליכער, וועמענס בילד ער האָט געטראָגען ביי זיך טיעף אין האַרצען. אַלי האָט זיך ניט גע־קענט זאַט אָבקוקען פֿון איהר, און ליעבליכע בילדער האָבען דורכגענומען זיין נשמה. ענדליך האָט ער זיך מיט אַ שווערען זיפֿץ אָבגעריסען פֿון די אַלטעראינערונגען, ער האָט איהר אַרויפֿגעהויבען דאָס קעפעל, איהר געגלעט די בעקלאַך און האָט איהר לאַנג אַריינ־געקוקט אין איהרע טיפֿע, אונשולדיגע אויגען. זי אָבער האָט זיך ווידער געוואָרפֿען אויף די קניע פֿאַר איהם, צוגעפֿגעלייגט די הענד, גראַדע ווי ער וואָלט געווען אַ גאָט פֿאַר איהר.

„האָסט דו מיך ליעב מיידעלע?" האָט אַלי איהר געפֿרעגט שטילערהייט.

אַ ביטערער געוויין האָט זיך אַרויסגעריסען פֿון אַסטאַ'ס ברוסט.

„אָ העהר," האָט זי אַרויסגעשטאַמעלט מיט אַ פֿערשעמטער שטימע, „דו ביזט אַראָבגעשיקט געוואָרען אין גלאַנץ און העהרליכקייט, ווי אַ מלאך פֿון הימעל און האָסט מיר אַרויסגעריסען פֿון דעם טיגער'ס ציינען. איך בין אָרעם, איך פֿערמאָג קיין זאַך ניט, נאָר מיין לעבען קען איך דיר אַוועקגעבען. העהר, נעהם מיך צו דיר, איך וויל זיין דיין שקלאַפֿין, גיב מיר אַ פלאַץ צווישען דיין סוויטע, נאָר שטוים

מיר נים אַוועק פֿון זיך. מיין גאַנצעס לעבען געהערט צו דיר!"

„נו קום און קוש מיר, מיין קינד," האָט אַלי געענטפֿערט.

זי האָט איהם אָנגעקוקט מיט אַ שרעקעדיגער פֿרייד. ער אָבער האָט איהר אַרומגענומען און בעדעקט איהרע ליפּען מיט הייסע קושען. דערנאָך האָט ער איהר אָנגענומען פֿאַר דער האַנד און האָט איהר אַרויסגעפֿיהרט פֿון דעם טעמפּעל. אין דרויסען זיינען נאָך אַלץ געשטאַנען אַסטאַ'ס קרובים און האָבען איהם עמפּפֿאַנגען מיט אַ טיעפֿער דאַנקבאַרקייט. די צושטערונג פֿון דעם העסליכען אָבגאָט האָט ער איבערגעלאָזט צו זיינע קאַמעראַדען.

אַסטאַ האָט איהם געבעטען, ער זאָל איהר וואָס גיכער אַוועקפֿיהרען פֿון אָט דעם שרעקליכען אָרט. ער האָט איהר אַרויפֿגעזעצט צו זיך אויף'ן פֿערד און האָט אַוועקגעריטען מיט איהר אין די שטאָדט, פֿון וואו זי איז געקומען. ווען זיי זיינען אָנגעקומען ביי איהר אין דערהיים, האָט זי איהם געוואַשען די פֿים און געזאַלבט זיין קערפּער מיט עהל און פּאַרפֿומען. און זי האָט זיך געפֿרעהט, וואָס זי קען איהם בעדיענען.

דערפֿרעהענדיג זיך מיט איהר ליעבע, זיינען איהם אַוועקגעפֿלויגען די טעג; נאָר זיין האַרץ איז געווען אונרוהיג, ער האָט לאַנג ניט געקענט איינזיצען אויף איין אָרט; דאָס בענקען נאָך צולייקאַ האָט אָנגעפֿילט זיין נשמה. ווי אָפֿט האָט ער אַרויסגערעדט איהר ליעבען נאָמען, ווי אָפֿט האָט ער זיך געפֿרעגט, צי זי לעבט נאָך! איהר ליעבליכע געשטאַלט האָט בעהערשט זיינע חלומות, און ווען אַסטאַ איז געזעסען לעבען איהם און האָט געקוקט אויף איהם מיט איהרע טיעפֿע, פֿערטראַכטע אויגען, האָט ער געפֿיהלט אַ שרעקליכען האַרץ-וועהטאָג — ס'האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אַז זי איז צולייקאַ'ס אַ יונגערע שוועסטער.

זיינע אויגען האָבען געקוקט מיט צופֿרידענהייט אויף דאָס ערנסטע, גוט-האַרציגע מיידעל. ער האָט נור געדאַרפֿט טהאָן אַ וואונק, און זי איז איהם באַלד געווען צו דער האַנד. זי אָבער איז

געווען די גליקליכסטע פֿון אַלע גליקליכע, ווען זי האָט עפּעס גע־קענט טהאָן פֿאַר איהם. זי האָט גערייניגט זיין געוועהר און געקוּשט דאָס שווערד, מיט וועלכען ער האָט דער׳הרג׳ט דעם טיגער; זי האָט איהם בעדיענט ביי דעם מאָהלצייט — אַך, ווי צופֿרידען זי וואָלט געווען, ווען זי וואָלט געקענט אַוועקנעהמען פֿון איהם זיין גאַנצען קומער און אַלע שמערצען, וואָס האָבען פֿערוואונדעט זיין האַרץ. אָבער עס איז איהר געווען אונמעגליך אויסצודריקען אַ וואונש פֿאַר איהם אָדער איהם צו שטעלען אַ פֿראַגע. ווען ער איז מאַנכעסמאָל געזעסען אויף אַ דיוואַן, פֿערזונקען אין טיעפֿע, שווערע געדאַנקען, איז זי געווען גליקליך צו שטעהן אין אַ ווינקעל און צו קוקען אויף איהם.

אַלי׳ן האָט גוט געטהאָן איהר שטילע, דעמיטיגע ליעבע, ער האָט אַסטאַ ליעב געהאַט, נאָר זיין ביינקעניש האָט זי ניט געקענט איינשטילען.

אין אַ שעהנעם פֿריהמאָרגען האָט ער זיך אָנגעהויבען גרייטען אָבצורייזען. אַסטאַ האָט זיך דערשראָקען אויף טויט. ווי אַזוי קען זי ווייטער לעבען אָהן איהם, ועמען זי האָט פֿערגעטערט? עס וואָלט שוין פֿיעל בעסער געווען, ווען ער וואָלט איהר איבערגעלאָזט צו דעם שרעקליכען אָבגאָט אַלס קרבן, איידער ער זאָל איצט אַוועקגעהן פֿון איהר. זי האָט איהרע געפֿיהלען מעהר ניט געקענט בעהערשען, און וואַרפֿענדיג זיך פֿאַר אַלי׳ן אויף די קניע, האָט זי איהם געבעט־טען: „הערר, נעהם מיך מיט זיך אַלס דיין שקלאַפֿין; איך בין צופֿריעדען צו זיין צווישען דיינע קנעכט, נאָר אויב איך בין אַ לאַסט פֿאַר דיר, דער׳הרג׳ע מיך בעסער! איך קען שטאַרבען פֿאַר דיר און דורך דיין האַנד, נאָר לעבען אָהן דיר, קען איך מעהר ניט!" זי האָט אַרויפֿגעקוקט צו איהם מיט צושראָקענע, הילפֿ־לאָזע אויגען און האָט בענעצט זיין האַנד מיט הייסע טרערען.

אַלי׳ס האַרץ איז געוואָרען ווייך פֿון אַזוי פֿיעל איבערגעבענ־הייט, ער האָט איהר אויפֿגעהויבען מיט אַ פֿריינדליכען שמייכעל און האָט איהר צוגעזאָגט, אַז ער וועט איהר נעהמען מיט זיך. זי איז

פּלוצלינג ווי פֿערביטען געוואָרען. זי איז אַרומגעשפּרונגען אין הויז אַזוי ווי אַ פֿייגעלע, האָט געטאַנצט, ווען קיינער האָט איהר ניט געזעהן און געזונגען, ווען קיינער האָט איהר ניט געהערט. זי, וועלכע איז אימער געווען אַזוי שעמעדיג, האָט איצט גערעדט מיט יעדען, וועמען זי האָט בעגעגענט. נאָר ווען אַלי האָט גערעדט צו איהר, האָט זי געפֿיהלט, אַזוי ווי אַן אייזערנער פאַנצער וואָלט איהר אַרומגענומען; איהר פּנים איז געוואָרען רויט, קוים וואָס זי האָט איהם געקענט ענטפֿערן אויף זיינע פֿראַגען. אָבער בייטען וואָלט זי זיך ניט געוואָלט מיט קיין פּרינצעסין אויף דער גאַנצער וועלט.

אַלי האָט אָבגערייזט און האָט אַסטאַ גענומען מיט זיך. זיין האַרץ איז געווען אָהן פֿריעדען, און ווען ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער געהט איצט צוריק צום הויף פֿון זיין ווייב פּאַראַאילדיס, האָט ער געפֿיהלט, אַז די נשמה ווערט איהם פֿערבלוטיגט פֿון וועהטאָג. ער האָט זיך אָפּט אָבגעשטעלט אויף זיין וועג און איז געבליבען צו גאַסט פּאַר עטליכע טעג ביי רייכע ראַדזשאַס. די צייט איז אויסגעפֿילט געוואָרען מיט ווילד'ע און געפֿעהרליכע יאַגדען, וועלכע האָבען איהם פֿערטריבען זיין אינערליכען קומער אויף אַ קורצע צייט, אָבער צופֿרידען און גליקליך איז ער קיינמאָל ניט געווען. ער האָט פֿערשאָלטען יוסף'ן, אין וועמען ער האָט דער־זעהן דעם אונגליק פֿון זיין לעבען. אַך, ווי גליקליך ער וואָלט געווען, ווען ער וואָלט איהם געקענט צוטרעטען מיט זיינע פֿיס אַזוי ווי אַ וואָרים. אפילו קיין עצה האָט ער פֿון איהם איצט ניט געקענט ערוואַרטען, ווייל יוסף איז איבערגעבליבען ביי פּאַראַ־אילדיס.

צו זיינע קאַמעראַדען איז אַלי געווען אונפֿריינדליך און צו אַסטאַ קאַלט און פֿערשלאָסען. זי האָט דערטראָגען זיינע קאַפּריזען מיט אַן אונבעגרענעצטער געדולד און איז געווען גליקליך, ווען ער האָט איהר נור געהייסען צובינדען די בענדלאַך פֿון זיינע שיך. נור איין זאַך האָט איהר וועה געמאַכט — אַז זי האָט איהם קיינ־מאָל ניט געזעהן פֿרעהליך און גוט אויפֿגעלייגט.

אין אַ שעהנעם פֿריה-מאָרגען, ווען אַלי איז געגאַנגען אויף דער יאַגד, האָט ער בעגעגענט אַ קאַראַוואַנע פֿון רייזענדע קויפֿ־לייט. פֿון זיי האָט ער זיך דערוואוסט, אַז אין וויטען אייראָפּאַ, אין דרום-זייט פֿון דעם טייך דאָנוי, לעבט אַ מאַהאָמעדאַנישע קעניגין, וועמענס מאַן די קריסטען האָבען דער׳הרג׳ט. זיי האָבען צוגענומען פֿון איהר דאָס לאַנד, און די אונגליקליכע קעניגין שלעפּט זיך אַרום אין די סטעפּעס מיט איהר זיהנדעלע אָהן אַ היים און אָהן אַ בעשיצער.

אַלי האָט זיך צוגעהערט מיט גרויס אינטערעס. אָט דאָס איז עפּעס געווען פֿאַר איהם! און אפשר איז די אָרעמע קעניגין גאָר געווען צולייקאַ? דער געדאַנק האָט איהם געמאַכט שווינדלען פֿאַר די אויגען. ער האָט זיך האַסטיג געזעגענט מיט די קויפֿלייט, וועלכע זיינען פֿריידליך ווייטער געוואַנדערט מיט זייערע קעמלען.

זיין בעשלוס איז געווען פֿאַרטיג — ער מוז אַוועק קיין איי־ראָפּאַ.

XII.

אַלי׳ס טריאומפֿף.

איצטער איז געווען די ערשטע פֿראַגע צוזאַמען צו קלייבען אַן אַרמעע, אום צו נעהמען ראַכע פֿון די קריסטליכע באַרבאַרען און צוריק צו ערָאָבערן דאָס לאַנד פֿון דער פֿערראָגטער קעניגין. אַלי איז פלוצלינג געוואָרען אַן אַנדער מענש; זיין האַרץ איז געווען פֿול מיט מוטה און ענערגיע, און זיין פּנים איז ווידער געוואָרען פֿריינדליך, אַזוי ווי אין די אַמאָליגע צייטען. ער האָט זיך דערמאָנט אין די ווערטער פֿון יוסף׳ס טאָכטער זורא, וועלכע האָט איהם אויפֿגעפֿאָדערט צו זיין אַ מאַן, אַ העלד, אַ זיעגער. ער האָט געוואָלט צייגען, אַז דער האַשיש האָט נאָך ניט פֿער׳סם׳ט דאָס בלוט אין זיינע אָדערן, אַז ער איז נאָך ניט געוואָרען אַ פֿייגער שקלאַף פֿון די פֿרויען. ער האָט געוואָלט אָנפֿילען די גאַנצע וועלט מיט דעם זיעגרייכען קלאַנג פֿון זיין נאָמען, געוואָלט צייגען, אַז ער קען פֿערניכטען גאַנצע אַרמעען און איינציהען אַלס זיעגער אין דאָס ערָאָבערטע לאַנד. און דאָרטען האָט ער געוואָלט הערשען אַלס אַ קעניג אין פראַכט און גלאַנץ, גערעכטיגקייט און פֿריעדען, אַ העלפֿער פֿאַר די אָרעמע, אַ טרייסטער פֿאַר די אונגליקליכע, אַ פֿאָטער פֿאַר אַלעמען האָט ער געוואָלט זיין. און אַן אינערליכע שטימע האָט איהם געזאָגט, אַז דער קלאַנג פֿון זיין נאָמען וועט אויך דערגרייכען צולייקאַ׳ן, און זי וועט קומען צו איהם — זיין ווייב, זיין קעניגין.

די שטאַרקע ברוסט אָנגעפֿילט מיט אַ גליהענדער בעגייסטערונג און טויזענדער האָפֿנונגען האָט זיך אַלי גענומען צו דער

אַרבייט, זיינע אַגענטען האָבען פֿערטהיילט גאָלד מיט פֿולע הענד און איבעראַל געפּריידיגט דעם היילינען קריעג געגען די קריסטען. פֿיעלע טויזענדער יונגע מענער זיינען בעגייסטערט געוואָרען פֿון דעם גרויסען פּלאַן און אַריינגעטראָטען אַלס זעלנער אין אַלי'ס אַרמעע.

„אויף צום קאַמפּף געגען דער קריסטליכער וועלט!" דאָס איז געווען דער קריעגס-געשריי פֿון טויזענדער מוטהיגע מענער. אַלי'ס וועק־רוף האָט געפֿונען אַ מעכטיגען אָבקלאַנג אין אַלע מאַהאָמע־דאַנישע שטעדט און דערפֿער, און די בעפֿעלקערונג האָט איהם איבעראַל בעגריסט מיט אַ גליהענדען ענטהוזיאַזם. אַלע הערצער זיינען געווען מיט איהם, דעם מוטהיגען העלד, וועלכער האָט אויפֿ־גענומען דעם קאַמפּף געגען אַ גאַנצע וועלט.

אַלי איז געווען אַ גוטער פֿיהרער. ער האָט פֿערשטאַנען ווי צו בעגייסטערן זיינע זעלנער, ער האָט ענטוויקעלט זייערע מיליטערישע פֿעהיגקייטען, איז געווען אַ גערעכטער ריכטער אין יעדער אַנגע־לעגענהייט און האָט געהאַט דעם צוטרוי פֿון יעדען איינציגען.

אַסטאַ איז געווען גליקליך איבער דער פֿערענדערונג, וואָס איז פּלוצלינג געקומען איבער אַלי'ן. זיין גרויסער פּלאַן האָט איהר בע־גייסטערט ווי אַלע אַנדערע, און זי האָט גאָט געבעטען פֿאַר איהם, ער זאָל איהם העלפֿען. זי איז געווען זיכער, אַז אַלי וועט דערגריי־כען זיין ציעל, און זי האָט איהם שוין געקענט זעהן אַלס קעניג, זיצענדיג אויף אַ גאָלדענעם טהראָן. און זי האָט מעהר ניט פֿער־לאַנגט, ווי צו זיין דאָס ביינקעל אונטער זיינע פֿיס.

אַלי האָט זיך וועניג וואָס אָבגעגעבען מיט איהר די גאַנצע צייט, אָבער מיט אַמאָל איז עפּעס געשעהן, וואָס האָט איהם געצייגט דאָס גאָלדענע האַרץ פֿון דיזען מיידעל. אַלי איז געלעגען אין זיין צעלט, ווען ער האָט פּלוצלינג געפֿיהלט, אַז אַ שלאַנג האָט זיך אַרומגעוויקעלט אַרום זיין רעכטען פֿוס. ער איז בלייך געוואָרען ווי קאַלך, און ציטערענדיג פֿון שרעק, האָט ער געמאַכט אַ האַסטיגע בעוועגונג. די גיפֿטיגע שלאַנג איז ווילד געוואָרען און האָט איהם אַ

ביים געטהאָן אין פּוס. אַלי האָט געשריענגן, מען זאָל איהם העלפען; נאָר ווען זיינע דיענער האָבען דערזעהן, וואָס עס האָט פּאַסירט, האָבען זיי אָנגעהויבען ברעכען די הענד און האָבען זיך אין גאַנצען פערלאָרען. עס איז ענטשטאַנען אַן אַלגעמיינע אויפרעגונג; קיינער האָט ניט געוואוסט, וואָס צו טהאָן, אום צו ראַטעווען דעם אונגליקליכען, וועלכער האָט זיך געדרעהט אין דרייען אויף זיין געלעגער.

„דער הערר שטאַרבט אַוועק! דער הערר שטאַרבט אַוועק!" האָבען אַלע אָנגעהויבען שרייען. „אַ גיפטיגע שלאַנג האָט איהם געביסען!" אויך אַסטאַ האָט דערהערט די שרעקליכע נייעס. שנעל ווי אַ פייל איז זי אַוועקגעפלויגען אין אַלי'ס צעלט. זיין פּנים האָט געהאַט אַן אַש־קאָליר, דער קערפּער זיינער האָט געציטערט, און אין זיינע אויגען האָט זיך בעוויזען אַ פיעבערהאַפטער גלאַנץ. אַסטאַ האָט ניט גערעדט אַ וואָרט; זי האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויף די קניע, צוגעפּרעסט איהרע ליפּען אויף דער וואונד און אויסגעזויגען דעם גיפט. אַלי איז געוועזען גערעטעט.

אָבער אַסטאַ איז באַלד אַוועקגעפאַלען. איהר שרעק איז געוועזען אַזוי גרויס, אַז זי האָט גאַנץ פערגעסען אין זיך און האָט אַראָבגעשלונגען אַ טהייל פון דעם טויטליכען גיפט. זי איז געשטאָרבען אויף אַלי'ס הענד, אַ גליקליכע, אַ צופרידענע. איהרע לעצטע ווערטער זיינען געווען: „איך בין גליקליך, וואָס עס איז מיר בעשערט געוועזען צו שטאַרבען פאַר מיין ליעבע."

פון אַלי'ס אויגען האָבען זיך געגאָסען הייסע טרעהרען. „אָט דאָס איז ליעבע," האָט ער שטיל געמורמעלט. „אַזוי ווי זי האָט מיך קיין אַנדער פרוי ניט געליעבט, אויסער צוליי́קאַ. וועה איז מיר, וואָס איך האָב איהר ניט געקענט בעצאָהלען מיט דערזעלבער ליעבע און איבערגעבענהייט."

נאָך אַמאָל האָט ער איהר געקושט אויף איהרע קאַלטע ליפּען און איהר צוגעמאַכט איהרע גוטע, שעהנע אויגען. ער האָט איהר

בעגראָבען מיט אַ גרויסען פּאַראַד און געלאָזט פּלאַטערן זיינע פּאָה-נען אויף איהר קבר. דערנאָך האָט ער ווייטער מאַרשירט.

די נאַכריכט פון זיין העלדישער אונטערנעהמונג האָט זיך פערשפּרייט איבער דאָס גאַנצע לאַנד אַזוי ווי אַ בליץ. איבעראַל האָט מען בלויז נאָך גערעדט מכח דער גרויסער מלחמה צווישען דער קריסטליכער און מאָהאַמעדאַנישער וועלט. אַלי האָט ניט פערלאָרען קיין מינוט. ער האָט געברענט פון אונגעדולד צו דערגרייכען אייראָפּאַ. ער איז גראָד וואָס אָנגעקומען אין דער שטאָדט, וואו פּאַראַאילדים האָט געוואוינט. ער האָט איהר געטראָפען אין אַ זאַל פון איהר שטאָלצען פּאַלאַץ. זי איז געזעסען אויף איינע פון איהרע שקלאַפינען, שטייף ווי אַ געצען-בילד, דעם קערפּער בעדעקט מיט קאָסטבאַרע קליידע און בליש-טשענדע עדעל-שטיינער. אַ גאַנצע מחנה פון איהרע פערעהרער און הויף-לייט האָט איהר אַרומגערינגעלט. ווען אַלי איז געשטאַנען פאַר איהר, האָט זי גנעדיג גענייגט דעם קאָפּ צו איהם און איהם דער-לאַנגט איהר האַנד צום קושען. מיט אַ קאַלטען שמייכעל אויף די ליפּען האָט זי איהם געלויבט פאַר זיין מוטה און ענערגיע. „עס שטעהט דיר פאָר צו געווינען אַ קעניגרייך און אַ קעניגין נאָך דערצו," האָט זי געזאָגט מיט אַ געוויסער איראָניע, „וואָס קען מיין העלדישער מאַן מעהר טהאָן, ווי צו קעמפּפען פאַר אַן אונגליקליכע קעניגין מיט דעם שווערד אין דער האַנד? און ווענדענדיג זיך צו דעם קרייז פון איהרע הויף-לייט, האָט זי נאָך צוגעזעצט: „ער איז ניט בלויז אַ גרויסער זינגער, וועלבער איז אימשטאַנד צו צוברעכען פרויען-הערצער אַזוי ווי שוואַכע בלימעלאַך; נאָר ער איז אויך אַ גרויסער העלד, וואָס קען צושמעטערען קעניגרייכען און אויפבויען נייע. עס זעהט אויס, ווי ער איז פערבונדען מיט אַ העבערער מאַכט. ער איז דער ריטערליכסטער בעשיצער פון מיין געשלעכט, אַ זינ-גער און קעמפּפער פאַר די עהרע פון די פרויען. — זאָל דיך גאָט בעשיצען, מיין טהייערער; אויף, פאַר דער שעהנער, היימלאָזער קעניגין סינאַאידע, און אַ גליקליכע רייזע."

מיט דיזע ווערטער האָט זי זיך אויפגעהויבען פון דעם רוקען פון דער שקלאַפין און האָט פערלאָזען דעם זאַל שטאָלץ און מאַיעסטעטיש.

אַלי האָט ניט געוואָלט בלייבען לענגער, ווי ער האָט געמוזט. פאַראַאילדים איז שוין לאַנג געווען אַ פרעמדע פאַר איהם און דערפאַר האָט ער ווי אַם שנעלסטען פערלאָזען די שטאָדט. ער האָט זיך דורכגערעדט מיט יוסוף, וועלכער האָט זיך פאָרגעשלאָגען צו קומען מיט איהם. „איך האָב שוין מיטגעמאַכט מאַנכע שלאַכטען,” האָט יוסוף געזאָגט און געפאַטשט מיט זיינע דאַרע, געלע הענד. „איך פיהל זיך אין ערגעץ ניט אַזוי וואויל ווי אין דעם מערדערישען כאַאָס פון דער מלחמה. דאָרט איז מיין פלאַץ, דאָרט קענסט דו מיר ברויכען, דאָרט, וואו נויט און טויט פאָדערן זייערע אָפּפערס! איי ווי שעהן דאָס איז, ווען די קוילען פליהען דורך דער לופט און לעגען אַוועק גאַנצע רייהען פון שטאַרקע מענער אַזוי ווי די פליגען אין הערבסט! און דערנאָך קומען דער הונגער און די פעסט און ענדיגען די אַרבייט. אויב דו ווילסט, אַלי, וועל איך זיין דיין גענעראַל; און אויב איך וועל דיר העלפען, מעגסט דו זיין זיכער, אַז דו וועסט זיעגען!”

אַלי האָט זיך צוגעהערט מיט עקעל און אָבשיי צו יוסוף'ס רייד. „איך בין ניט קיין מערדער,” האָט ער געשריען, „איך בין ניט מעהר ווי אַ פערטהיידיגער פון גערעכטיגקייט. אַלאַה וויים, אַז איך האַלט ניט מלחמה, ווייל איך האָב ליעב צו פערגיסען מענשענבלוט. איך וויל ניט אַז הונגער און פעסט זאָלען זיין מיינע קאַמפּפגענאָסען! איך וויל בעזיעגען דעם שונא דורך מיין אייגענע קראַפט און פערטהיידיגען דאָס רעכט פון די שוואַכע און אונשולדיגע!”

„רוף עס, ווי דו ווילסט,” האָט יוסוף געענטפערט מיט אַן איראָנישען שמייכעל. „קריעג איז קריעג! יעדער קעניג האָט ביז איצט געהאַט אַ שעהנעם און אַדעלען נאָמען, אום צו פערדעקען זיינע מערדערייען. די פערזענליכע אַמביציע און דער הונגער נאָך פרעמדע לענדער און רייכטהימער זיינען שטענדיג געווען די אמת'ע

אורזאַכע פֿון אַלע מלחמות. נאָר וואָס אַרט דאָס מיר? אייערע מאָ־טיוועז האָבען פֿאַר מיר קיין שום אינטערעס ניט. איך האָב ליעב דעם קריעג! וואָס מעהר בלוט עס וועט פֿליסען, אַלץ לוסטיגער וועט עס זיין. ווען גאַנצע בערג מיט טויטע און צוקאַלעטשעטע קערפּערס וועלען בעדעקען דעם שלאַכט־פֿעלד, דאָ ליגט אַ שונא, דאָרטען אַ פֿריינד, אַ ברודער — אָט דאָס איז עפּעס פֿאַר מיינע אויגען. און דערפֿאַר זאָג איך: עס לעבע דער קריעג!"

„דו ביזט אַ טייוועל אין מענשען־געשטאַלט!" האָט אַלי אַ געשריי געטהאָן. „ניין, דאָס איז ניט מיין אַבזיכט, איך שווער עס ביי דער באָרד פֿון'ם הייליגען נביא. ניטאָ קיין ערגערע בריות אין דער וועלט ווי די פֿערפֿיהרער! מען דאַרף זיי צוטרעטען ווי גיפֿ־טיגע שלאַנגען. דער פֿערפֿיהרער, דער פֿייגער, געמיינער פֿערפֿיה־רער, איז דאָס אונגליק פֿון אַלע שוואַכע, און שוואַך זיינען די מייסטע פֿון אונז, אפילו די בעסטע. פֿערשאָלטען זאָלען זיין די פֿערפֿיהרער, טויזענד מאָל פֿערשאָלטען! אויך דיך מיין איך, דען דו ביזט דער ערג־סטער פֿון אַלע!"

אַלי האָט גערעדט מיט אַ הייליגען צאָרן, אויפֿהייבענדיג די רעכטע האַנד צום הימעל. אָבער יוסף האָט שפּאָטיש געשמייכעלט און איהם געענטפֿערט: „איך האָב אַ קלאָהרען קאָפּ, וועלכער וועט דיר מאַנכעסמאָל צונוץ קומען אין דער מלחמה."

„עס וועט דיר ניט געלינגען מיך צו פֿערפֿיהרען!" האָט אַלי געזאָגט מיט אַ מאַיעסטעטישער בעוועגונג. „נאָר אויב דו ווילסט, קענסט דו מיטגעהן צווישען מיינע בעדיענטע." מיט דיזע ווערטער איז ער אַוועקגעגאַנגען.

יוסף האָט איהר נאָכגעקוקט מיט שפּאָט און איראָניע, און זיינע דינע ליפּען האָבען שטיל געמורמעלט: „מאַך זיך נאָר שטאָלץ, מיין הערעלע! דו בעלאַנגסט דאָך צו מיר, צי דו ווילסט אָדער ניט!"

אַלי האָט פֿערלאָזען די שטאָדט אָן דער שפּיץ פֿון אַ גרויסער אַרמעע. זיין מאַרש איז געווען אַן אמת'ער טריאומפֿ; איבעראַל,

וואו ער איז געקומען, האָט מען איהם בעגריסט אַלס דעם גרעסטען העלד פֿון זיין צייט. זיין אַרמעע איז געוואָרען אַלץ גרעסער און מעכטיגער, דען וואו ער איז נאָר דורכגעגאַנגען מיט זיינע סאָל־דאַטען, האָבען זיך אָנגעשלאָסען נייע קעמפּפֿער און שטרייטער פֿאַר דער הייליגער זאַך פֿון דעם איסלאַם. ער האָט אַריבערמאַר־שירט דעם גרענעץ פֿון אינדיען און האָט פֿריהער בעזוכט דעם קבר פֿון דעם הייליגען נביא אין מעדינאַ, אום צו בעטען זיין הילפֿע ביי דער שווערער אונטערנעהמונג. דאַן האָט ער אַוועק מאַרשירט צום ברעג ים. די שיפֿען האָבען איהם אַריבערגעטראָגען צו די ברעגעס פֿון דעם אָסמאַנישען קייזער־רייך. איבעראַל האָט מען איהם עמפּפֿאַנגען מיט דעם שטורמדיגען קאַמפּף־געשריי: אַלאַה! אַלאַה! פֿיעל שנעלער, ווי ער האָט זיך געריכט, איז ער אָנגעקומען אין דרום־זייט פֿון דער דאָנוי.

איינמאָל, די זונן האָט שוין געהאַלטען ביים אונטערגעהן, האָט אַלי דערזעהן אין דער ווייטען אַ יונגע פֿרוי, וועלכע איז געזעסען אויף אַ שטאָלצען פֿערד אַזוי ווי אַ מאַן. זי איז געווען בעוואָפֿענט מיט אַ בויגען און פֿיילען און איהר גאַנצע ערשיינונג האָט געמאַכט דעם איינדרוק פֿון אַן אַמאַזאָנע. אַלי האָט זיך פֿאַראינטערעסירט פֿאַר די מערקווירדיגע יעגערין, און פּלוצלינג איז איהם געקומען אַ געדאַנק — אפשר איז עס גאָר סינאַאידע, די אונגליקליכע קעניגין? ער איז צוגעריטען גאַנץ נאָהנט צו איהר און האָט גאַנץ אין דער שטיל אָנגערופֿען דעם נאָמען „סינאַאידע".

„אַזוי רופֿט מען מיר!" האָט זי רוהיג געענטפֿערט מיט דעם שטאָלץ פֿון אַ קעניגין.

„דו ביזט אַלזאָ ווירקליך סינאַאידע, די בעטריבטע קעניגין," האָט אַלי געפֿרעגט מיט איבעררראַשונג, און דערנאָך האָט ער גע־זאָגט: „איך בין אַלי, דיין רעטער, וועלכע איז געקומען דיר צו בעפֿרייען פֿון דיין אונגליק!"

„אַלי, אַלי! דער העלד און בעשיצער פֿון די אונגליקליכע,"

האָט סינאַאידע אויסגעשריען מיט בעגייסטערונג. „אפילו איך אין מיין איינזאַמקייט האָב שוין געהערט פֿון דיין קומען!"

„זעהסט דו דאָרט אין דער ווייטען די שוואַרצע שטויב-וואָל־קענס?" האָט אַלי געפֿרעגט, אָנדייטענדיג מיט דער האַנד אויף דעם האָריזאָנט. „דאָס איז מיין אַרמעע. איך האָב ליעב צייטענווייז די איינזאַמקייט, דערפֿאַר האָב איך פֿערלאָזען מיינע זעלנער פֿאַר אַ ווײלע און בין אַוועקגעריטען אַליין אין דער סטעפּע. עס איז מיר הפּנים בעשערט געווען דיר צו בעגעגענען."

אין דער אמת׳ן איז אַלי געווען ענטוישט, ווייל אין מאַנכע איינזאַמע שטונדען האָט ער געטרוימט, אַז סינאַאידע איז אפשר גאָר צולייקאַ, זיין פֿערלאָרענע געליעבטע. איצטער איז דיזער חלום פלוצלינג צושטערט געוואָרען. ער האָט טרויעריג געקוקט אויף סי־נאַאידע. זי איז געווען אַ שטאָלצע, שעהנע פֿרוי, און דאָס אונגליק האָט איהר ניט געבראָכען. אין איהרע אויגען האָט זיך אָבגעשפּי־געלט אַן ענערגישער ווילען. איהר שלאַנקע געשטאַלט איז געווען צאַרט און דאָך קרעפֿטיג. מיט הערצליכע ווערטער האָט זי איהם געדאַנקט פֿאַר זיין העלדישע אונטערנעהמונג; זי איז געווען אַזוי איינפֿאַך און בעשיידען און אין דערזעלבער צייט איז יעדע בעווע־גונג איהרע געווען שטאָלץ און מאַיעסטעטיש. אַלי האָט איהר אויפֿגעפֿאָדערט צו קומען מיט איהם צו זיין אַרמעע, און זי האָט באַלד אָנגענומען זיין איינלאַדונג אַזוי ווי אַ זעלבסט־פֿערשטענד־ליכע זאַך.

עס איז שוין געווען שפּעט, ווען זיי זיינען אָנגעקומען אין דעם ריעזיגען לאַגער. אַלי האָט בעפֿוילען אויפֿצושטעלען אַ בעזונדערן געצעלט פֿאַר דער קעניגין און האָט איהר געשיקט זיינע בעסטע שקלאַפֿינען. אויסער דעם האָט ער איהר געלאָזט בריינגען קאָסט־באַרע קליידער און פראַכטפֿאָלע ציערונג פֿון גאָלד און עדעל־שטיינער.

נאָכדעם ווי סינאַאידע האָט זיך איבערגעטהאָן, האָט זי אַלי׳ן געלאָזט בעטען, ער זאָל קומען צו איהר. זי איז געלעגען אויף אַ

קאָסטבאַרען טערקישען דיוואַן און אַ בלויער מאַנטעל האָט בעדעקט איהרע קעניגליכע גליעדער. אויף דעם קאָפּ האָט זי געטראָגען אַ וואונדערבאַרען דיאַדעם פֿון רויטע רובינען, און איהרע טיעפֿע, שוואַרצע אויגען האָבען געגלאַנצט און געפֿונקעלט ווי אַ שטראַהלענדעם ליכט. אין די נייע קליידער האָט זיך איהר שעהנהייט נאָך דייטליכער אַרויסגעוויזען.

אַלי האָט געקוקט אויף איהר מיט אַן אינערליכער צופֿרידענהייט, מיט אַ פֿריינדליכער בעוועגונג האָט זי איהם געבעטען זיך צו זעצען לעבען איהר. ער האָט עס געטהאָן און האָט איהר געבעטען, זי זאָל איהם דערצעהלען איהר געשיכטע.

זי האָט גערעדט צו איהם אַזוי איינפֿאַך און פֿריינדליך און איהר שטימע האָט געקלונגען אַזוי ריין און אַנגענעהם ווי מוזיק. אָפֿטמאָל איז זי געוואָרען שטיל און טרויעריג, דערמאָנענדיג זיך אין די פֿינסטערע צייטען, וועלכע זי האָט איבערגעלעבט. אָבער זי האָט זיך קיינמאָל ניט לאַנג אָבגעשטעלט ביי דיזע טרויעריגע עראינערונגען און האָט באַלד ווידער אָנגעהויבען ריידען פֿרעהליכערע זאַכען. און דאַן איז זי ווידער געווען גליקליך און אַ קינדלישער שמייכעל האָט געשפּיעלט אויף איהרע שעהנע, רויטע ליפּען.

אַלי איז בעצויבערט געוואָרען פֿון דיזען וואונדערבאַרען שמייכעל, און זיינע ליפּען האָבען שטיל געמורמעלט — „סינאַאידע!"

זי האָט איהם דערצעהלט פֿון איהר מאַן, וועלכען די קריסטען האָבען דערהרג'ט; ער האָט געקענט אַרויספֿיהלען פֿון איהרע ווערטער, אַז זייער צוזאַמענלעבען איז ניט געווען קיין גליקליכעס, דערפֿאַר אָבער האָט זי געגאָסען דאָס העכסטע גליק אַלס אַ ליעבענדע און צערטליכע מוטער. נאָר באַלד איז זי ווידער טרויעריג געוואָרען, ווען זי האָט זיך דערמאָנט, אַז איהר זיהנדעלע וואַקסט אויף ווי אַ ציגיינער, אָהן אַ היים, אָהן אַ פֿאָטער. און זי האָט ווידער אָנגעהויבען צו דאַנקען אַלי'ן, וואָס ער האָט זיך אונטערגענומען צו פֿערטהיידיגען איהרע רעכטע און דאָס רעכט פֿון איהר קינד.

אַלי האָט בעמערקט די טרעהרען אין איהרע דונקעלע אויגען,

און ווידער האָט ער זיך דערמאָהנט אין צולייקאַ. ער איז איבער־צייגט געווען, אַז דיזע פֿרוי בעזיצט אַ גרויסען, עדעלען כאַראַקטער, און בעצויבערט פֿון איהרע ווערטער, האָט ער אָנגענומען איהר קליינע האַנד און האָט איהר בעדעקט מיט הייסע קושען.

ער האָט איהר אַריינגעקוקט אין די גוטע, טרייע אויגען און מיט אַ צערטליכער שטימע האָט ער אויסגערעדט איהר נאָמען — „סינאַאידע, סינאַאידע!"

די ליידענשאַפֿט האָט זיך ערוועקט אין איהם; ער האָט איהר אַרומגענומען מיט זיינע יונגע, קרעפֿטיגע אָרעמס, און זייערע ליפּען האָבען זיך פֿעראייניגט אין אַ לאַנגען, ברענענדען קוש. און דיזע ליעבע צו סינאַאידע האָט אַלי'ן געגעבען נייע קרעפֿטען פֿאַר דעם קריעג.

מיט איינינע טעג שפּעטער זיינען די ביידע פֿיינדליכע אַרמעען געשטאַנען איינע געגען די אַנדערע.

אַלאַה! אַלאַה! האָט עס געקלונגען ווי אַ דונער אין דעם לאַ־גער פֿון די מאַהאָמעדאַנער. אַ ליידענשאַפֿטליכע בעגייסטערונג האָט דורכגענומען די הערצער פֿון טויזענדער קריעגער, און אַלע זיינען געווען פֿאַרטיג צו זיעגען אָדער צו שטאַרבען. די פֿאָהנען האָבען געפֿלאַטערט אין דער פֿרישער מאָרגען־לופֿט, און די בלאַנקע שווער־דען, שפּיזען און שילדען האָבען געבליסטשעט אַזוי ווי פֿייער אין די גאָלדענע שטראַהלען פֿון דער אויפֿגעהענדער זונן. אַלי איז גע־ריטען בעפֿאָר די רייהען פֿון זיינע סאָלדאַטען און האָט גערעדט צו זיי מיט בעגייסטערונג. עס איז געווען אַ פֿייערליכער אויגענבליק, די שטילקייט בעפֿאָר דעם שטורם. אַן אָדלער האָט געשוועבט אי־בער אַלי'ס קאָפּ און זיינע בליקען האָבען זיך נאָכאַמאָל געווענדט צו דער גאָלדענער זונן.

פּלוצלינג האָט געדונערט דער ערשטער שאָס. די ערשטע קויל איז געקומען פֿון די קריסטליכע קאַנאָנען. דאַן האָט געפֿאָלגט אַ צווייטער, אַ דריטער שאָס און פּלוצלינג האָט די ערד אָנגעהויבען ציטערן אונטער די שווערע טריט פֿון די קעמפּפֿענדע אַרמעען. די

קאַנאָנען האָבען גערונערט, און דער ווילדער געשריי פֿון די קעמפּ־פֿענדע האָט אָנגעפֿילט די לופֿט ווי אַ ווילדער שטורם. אַ געדיכטער רויך האָט בעדעקט דאָס שלאַכט־פֿעלד, און די זונן איז מעהר ניט געווען אימשטאַנד דורכצוברעכען די פֿינסטערניש. די מאָהאַמעדאַ־נער האָבען זיך אַרויפֿגעוואָרפֿען אויף דעם שונא אַזוי ווי די לייבען; אָבער אויך די קריסטען האָבען זיך העלדיש געשלאָגען.

אַלי האָט געקעמפֿט אין גרעסטען פֿייער; ער איז געזעסען אויף זיין פֿערד, דאָס בלאַנקע שווערד אין דער האַנד און האָט אויסגעזעהן ווי דער גאָט פֿון מלחמה אַליין. שוין מאַנכער געפאַנ־צערטער ריטער איז געפֿאַלען דורך זיין שטאַרקע האַנד. ניט ווייט פֿון זיך האָט ער דערזעהן יוסוף אויף אַ שוואַרצען פֿערד. די שונאים זיינען געפֿאַלען פֿון זיין שווערד ווי די פֿליעגען און זיינען אַנטלאָ־פֿען פֿון איהם ווי פֿון אַ פֿייער. אין דעם געדיכטעסטען כאַאָס האָט ער זיך דורכגעבראָכען אַ וועג, און האָט איבערגעלאָזט הינטער זיך טייכען בלוט. ער איז געווען גרויזאַם און שרעקליך ווי דער טויט אַליין.

ווי העלדיש די קריסטען האָבען ניט געקעמפֿט, זיינען זיי פֿאָרט ניט געווען אימשטאַנד אויסצוהאַלטען די בלוטיגע אַטאַקען פֿון זייערע געגנער. די מאָהאַמעדאַנער האָבען זיך געשלאָגען מיט אַ ווילדען פֿאַנאַטיזם. מיט זייערע קרומע שווערדען האָבען זיי גע־שפּאָלטען די קעפּ פֿון די קריסטליכע ריטער און זייערע פֿייער־שטיין ביקסען האָבען צושמעטערט זייערע אייזערנע פּאַנצערס. אַלי איז געווען איבעראַל, שטענדיג האָט ער געהאַט דעם ריכטיגען וואָרט אויף׳ן צונג, אום צו בעגייסטערן די זייניגע. אַרום איהם האָבען געקלונגען די טרומפּעטען און געטראָמעלט די פּויקען אין דיזען בלוטיגען טויטען־טאַנץ. אַלי איז געבליבען דער זיעגער. אָבער נאָך איז דער קריעג ניט ענטשיעדען געווען; אַ גרויסער טהייל פֿון׳ם לאַנד איז נאָך געווען אין די הענד פֿון דעם שונא. לאַנגזאַם האָט זיך די נאַכט אַראָבגעלאָזט אויף דאָס שלאַכט־פֿעלד, דער הימעל איז געווען רויט ווי בלוט פֿון די פֿלאַמען פֿון פֿערברענטע דערפֿער,

און די ערד איז בעדעקט געווען מיט די קערפּערס פֿון די טויטע און פֿערוואונדעטע.

ווען אַלי איז ענדליך אַריינגעגאַנגען אין זיין פּראַכטפּאָלען צעלט, האָט איהם סינאַאידע עמפּפאַנגען מיט צערטליכע ווערטער. זי האָט איהם אָבגעווישט דעם שוויס פֿון דעם העלדישען שטערן און האָט איהם ערקוויקט מיט שפּייז און געטראַנק, און ביי איהר זייט האָט ער געפֿונען רוהה און צופֿריעדענהייט נאָך דעם שרעקלי-כען קאַמפּף.

אין די פֿאָלגענדע טעג האָבען שטאַטגעפֿונען פֿערשידענע קליינע קעמפּפע, אין וועלכע די מאָהאַמעדאַנער האָבען פֿערלאָרען מאַנכע גוטע פּאָזיציאָנען; ענדליך איז געקומען דער טאָג פֿון דער הויפּט־שלאַכט, וואו עס האָט זיך געמוזט ענטשיידען, ווער עס וועט זיין דער זיעגער.

מיט אַ פֿיעבערהאַפֿטער אויפֿרעגונג האָבען די מאָהאַמעדאַנער ערוואַרטעט דעם אָנפֿאַנג פֿון דער שלאַכט. אַלי האָט געגעבען די לעצטע בעפֿעהלען און אויפֿגעפֿאָדערט זיינע זעלנער מיט בעגייס־טערטע ווערטער צום קאַמפּף געגען דעם בלוט־שונא פֿון דעם פּראָפֿעט. און ווען ער האָט געענדיגט זיין קורצע, ענערגישע רעדע מיט דעם אַלטען קאַמפּף־געשריי פֿון די מאָהאַמעדאַנער: אַלאַה! אַלאַה! האָבען אַלע ווידערהאָלט דעם הייליגען נאָמען מיט אַ שטורמדיגען ענטהוזיאַזם. אַלאַה! האָט עס געקלונגען ווי אַ דונער, און מיט אַ ווילדער ענטשלאָסענהייט האָבען זיך די מאָהאַמעדאַנער אַרויפֿגעוואָרפֿען אויף דעם שונא.

עס איז געווען אַ שרעקליכער קאַמפּף אויף לעבען און טויט. די ערד האָט אָנגעהויבען ציטערן אונטער די אייזערנע טריט פֿון די ביידע אַרמעען, און דאָס בלוט האָט זיך געגאָסען טייכענ־וויִיז. דער דונער פֿון די קאַנאָנען האָט אָנגעפֿילט די לופֿט. ס'איז געווען, ווי דער גיהנום וואָלט זיך אויפֿגעעפֿענט און אַלע טייוואָלים וואָלטען זיך אַ לאָז געטהאָן אויף דער אונגליקליכער מענשהייט. קיינער האָט זיך ניט געוואָלט אונטערגעבען; נאָר ביסלעכווייז

האָבען זיך די קריסטען געמוזט צוריקציהען. אַלי האָט געזעהן, ווי די פאָהנען פון זיין אַרמעע פלאַטערן זיעגרייך אין דער לופט, און דער ווילדער טריאומפף־געשריי פון זיינע קריעגער האָט געקלונגען אין זיינע אויערען ווי אַ הערליכע מוזיק. ענדליך האָט זיך די קריסטליכע אַרמעע אין גאַנצען אויפגעלייזט, יעדער איינער האָט פערזוכט צו ראַטעווען זיין לעבען און דער פאַנאַטישער זיעגעס־געשריי פון די מאָהאַמעדאַנער האָט איבערגעהילכט די קלאָגענדע טענער פון די קריסטליכע גלאָקען.

„וואו איז דער קעניג? דעם קעניג דאַרף איך!" האָט אַלי געשריען מיט אַ דונער־שטימע, אַזוי ווי ער וואָלט געווען דער ריכ־טער איבער לעבען און טויט.

פלוצלינג איז יוסף ערשינען לעבען איהם, און אָנדייטענדיג מיט זיין דאַרער האַנד אויף אַ הייפעל קריסטליכע ריטער, וועלכע האָבען פערזוכט צו אַנטלויפען, האָט ער אַ געשריי געטהאָן: „דאָרט איז דער קריסטען־קעניג!"

אַלי האָט געפיהלט ווי דאָס בלוט הויבט איהם אָן קאָכען אין זיינע אָדערען. ווי אַ פייל האָט ער זיך אַ לאָז געטהאָן אויף דעם בעזיעגטען שונא, וועלכער האָט פערזוכט צו אַנטלויפען פון איהם. „שטעה פייגלינג! טהראָן־רויבער!" האָט ער געשריען מיט אַ וויל־דער שטימע, און מיט אַ מורא'דיגען קלאַפּ האָט ער געשפאָלטען דעם שילד פון דעם קריסטליכען קעניג. דערנאָך האָט ער איהם אַרויסגעשלאָגען דאָס שווערד פון דער האַנד, און איידער ער האָט זיך נאָך אַרומגעקוקט, איז ער שוין געווען אַ געפאַנגענער פון די מאָהאַמעדאַנער.

אַ געוואַלדיגע בעגייסטערונג האָט דורכגענומען די גאַנצע מאָ־האַמעדאַנישע אַרמעע. שטאָלץ ווי אַ קעניג איז אַלי געזעסען אויף זיין פערד און האָט מאַיעסטעטיש אַראָבגעקוקט אויף די געפאַנגענע.

„זיעג! זיעג!" האָט עס געקלונגען פון הונדערט־טויזענדער מיילער. אַ ווילדע בעגייסטערונג האָט דורכגענומען די גאַנצע אַרמעע.

האשיש—8.

ס'איז געווען אַ גרויסער יום טוב פאַר אַלעמען, אַ פעסט, אָבער קיינער האָט זיך ניט דערמאָהנט, אַז דער טויט אַליין האָט אַראַנגעשירט דאָס פעסט. איבעראַל פערבלוטיגטע קערפערס און צופאַלענע חורבות! ברענענדיגע שטעדט און דערפער האָבען אָנגעצייגט דעם שרעקליכען וועג פון'ם טויט, און די ערד איז געווען דורכגעווייקט מיט מענשען-בלוט.

שטיל און פערטראַכט איז אַלי געריטען איבער דאָס שלאַכטפעלד און האָט געגעבען בעפעהלען צו פלעגען די פערוואונדעטע און צו בעגראָבען די טויטע. פלוצלינג האָט ער דערזעהן דעם שרעקליכען יוסוף, איינגעהילט אין זיין לאַנגען שוואַרצען מאַנטעל. ווי אַ היענע איז ער אַרומגעגאַנגען צווישען די טויטע, און אַ טריאומפירענדער שמייכעל האָט געשפּיעלט אויף זיינע בלאַסע, דינע ליפען. אַלי האָט זיך דערשראָקען פאַר דער פינסטערער געשטאַלט, און מיט אונאַנגענעהמע געפיהלען האָט ער פערלאָזען דאָס שלאַכטפעלד, אום אָבצורוהען זיינע מידע גליעדער ביי סינאַאידע.

ווען זי האָט איהם ענדליך דערזעהן, האָט זי זיך געוואָרפען אויף די קניע, און איהרע ציטערענדע ליפען האָבען שטיל געמורמעלט: „אַלי, דער קעניג!"

אין דרויסען האָבען די אָפיצירען געשריען: „עס לעבע אַלי! עס לעבע דער קעניג!" און דער רוף האָט געפונען אַ טויזענדפאַכען בעגייסטערטען אָבקלאַנג אין דעם לאַגער פון די זעלנער, וועלכע זיינען ניט מיעד געוואָרען שרייענדיג: „עס לעבע אַלי, אונזער קעניג!"

די נאַכט האָט זיך פערוואַנדעלט אין אַ פעסט. די זעלנער האָבען זיך ערקוויקט נאָך די שווערע און בלוטיגע קעמפפע. נאָר אַלי און סינאַאידע זיינען געבליבען אַליין אין זייער צעלט.

דעם אַנדערען טאָג האָט די אַרמעע מאַרשירט נאָך דער הויפט-שטאָדט. איבעראַל האָט מען אַלי'ן עמפּפאַנגען מיט פרייד און בעגייסטערונג, און די היטער פון דער שטאָדט האָבען איהם איבערגעגעבען די שליסעל פון דער קעניגליכער רעזידענץ.

אַלי האָט זיך געפֿיהלט ווי אַן אמת'ער זיעגער און העלד. ער האָט סינאַאידע צוריקגעפֿיהרט אין דעם קעניגליכען פּאַלאַץ, וואו זי האָט פֿריהער געוואוינט, איידער די קריסטען האָבען דער'הרג'ט איהר מאַן און אַוועקגערויבט פֿון איהר דאָס לאַנד.

אַ נייער לעבען האָט זיך איצט אָנגעפֿאַנגען אין אַלע טהיילען פֿון דעם קעניגרייך. שליחים האָבען געוואַנדערט פֿון שטאָדט צו שטאָדט און האָבען פּראָקלאַמירט דעם נייעם קעניג, און אין דער הויפּט־שטאָדט האָט מען זיך צוגעגרייט צו גלענצענדע ימים טובים. אַלי האָט בעשטימט, אַז סינאַאידע'ס זוהן זאָל ווערען זיין נאָכפֿאָלגער אויף דעם קעניגליכען טהראָן, און סינאַאידע, די קעניגין איז געוואָרען זיין ווייב.

טויזענדער מענשען זיינען געקומען נאָך דער הויפּט־שטאָדט פֿון אַלע טהיילען פֿון'ם לאַנד, אום צו נעהמען אַן אַנטהייל אין די פֿעסטליכקייטען. עס איז געווען אַ וואונדער־שעהנער טאָג, די זונן האָט געלאַכט פֿון בלויען הימעל, און איהרע גאָלדענע שטראַהלען האָבען געבאָדען די גאַנצע שטאָדט אין אַ ים פֿון ליכט. פֿאַר דעם קעניגליכען פּאַלאַץ זיינען געשטאַנען צעהנדליגער טויזענדער מענשען, אום צו בעגריסען דעם קעניג און די קעניגין. ענדליך איז אַלי אַרויסגעקומען פֿון פּאַלאַץ צוזאַמען מיט סינאַאידע און אַרומגערינגעלט פֿון זיינע אָפֿיצירען און בעאַמטע. ער האָט געטראָגען אַ גאָלדענעם פּאַנצער און דאָס שאַרפֿע שווערד איז איהם געהאַנגען ביי דער זייט. אַ גרויסער פּורפּור־מאַנטעל האָט בעדעקט זיינע פּלייצעס, און אויף'ן קאָפּ האָט ער געטראָגען אַ גאָלדענע קרוין, בעפּוצט מיט קאָסטבאַרע דיאַמאַנטען. סינאַאידע איז געווען אָנגעטהאָן אין אַ פּראַכטפֿאָלע קלייד, אויך זי האָט געטראָגען אַ קליינע קרוין אויף'ן קאָפּ, און איהר פּנים האָט געשטראַהלט ווי אַ שעהנער זומער־טאָג. סאָלדאַטען האָבען געטראָגען די פֿאָהנען און וואַפֿען, וועלכע די קריסטען האָבען פֿערלאָרען אין דער שלאַכט. די גרויסע און מעכטיגע פֿון'ם לאַנד זיינען ערשינען אין רייכע קליידער, בעפּוצט מיט גאָלד און עדעל־שטיינער. נאָר יוסף האָט געטראָגען דעמזעלבען

שוואַרצען מאַנטעל און זיין געזיכט איז געווען פינסטער ווי די נאַכט...

אַלי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דעם גאָלדענעם טהראָן און אַלע האָבען זיך געוואָרפען אויף דער ערד פאַר איהם. דערנאָך האָט ער גענומען סינאַאידע׳ס זיהנדעלע אויף זיינע הענד און האָט געזאָגט: „געבענטשט זאָל זיין דער היינטיגער טאָג! אַלאַה האָט אונז געגעבען דעם זיעג איבער אונזערע שונאים! געבענטשט זאָל זיין דיזעם קינד!"

און אַ מאָהאַמעדאַנישער פריעסטער האָט בעגריסט דעם קעניג מיט די פאָלגענדע ווערטער: „אָ קעניג, דיין שטאַרקע האַנד האָט בעפרייט דאָס לאַנד פון די פיינד! דו האָסט צובראָכען דעם צלם און דיין גליק מאַכט די ערד ליכטיג און פרוכטבאַר! זאָל זיך דיין טהראָן פערוואַנדלען אין אַ גאָרטען פול מיט רויזען! מיר ציטערן פאַר דיין גרויסקייט און לעבען נור פאַר דיינעטוועגען!"

דאָס פאָלק האָט געשריען אַלאַה! אַלאַה! און די טרומפייטען האָבען אויסגעשפיעלט טריאומפף־געזאַנגען.

אַלי איז געווען דער אַלמעכטיגער הערשער פון מיליאָנען מענשליכע שקלאַפען, דער קעניג פון אַלע קעניגע, דער הערר פון דער גאַנצער וועלט!

XIII.

אלי ערוואכט.

דער איינפֿאַכער קאַביל האָט מעהר דערגרייכט, ווי ער האָט זיך ווען עס איז פֿאָרגעשטעלט. ער איז געווען אַ מעכטיגער הער־שער, און די גאַנצע וועלט איז פֿאַר איהם געלעגען אויף די קניע; נאָר איין זאַך האָט איהם געפֿעהלט — דער פֿריעדען פֿון זיין נשמה. זיין האַרץ איז געפייניגט געוואָרען פֿון אַ ברענענדיגען שמערץ, אַ שווערע לאַסט איז איהם געלעגען אויף דער ברוסט און די גאָלדענע קעניגס־קרוין האָט איהם געברענט אויף'ן קאָפּ ווי אַ רינג פֿון פֿייער. אַ טיעפֿע בייינקעניש האָט איהם געמאַטערט טאָג און נאַכט, און אין מאַנכע איינזאַמע שטונדען, ווען דער אינערלי־כער שמערץ איז געווען אונערטרעגליך, האָט ער שטיל געמורמעלט דעם נאָמען פֿון צולייקאַ, פונקט ווי דיזער נאָמען וואָלט איהם גע־קענט פֿערשאַפֿען גליק און צופֿריעדענהייט.

ער האָט ניט געקענט פֿערגעסען אין איהר, און זיין געוויסען האָט איהם שטענדיג געפייניגט, ווייל ער האָט איהר איבערגעלאָזט אין יענער שרעקליכער נאַכט אין די הענד פֿון דעם רויבער. זאָגאַר דער קעניגס־טיטעל האָט איהם ניט געקענט בערוהיגען. ער האָט געזוכט צו פֿערגעסען זיין אונגליק אין פֿרעהליכע ימים טובים און בערוישענדע פֿעסטליכקייטען, נאָר עס איז איהם געווען אונמעגליך איינצושטילען דעם אינערליכען שמערץ. זיין געזיכט איז געווען בלאַס, זיינע אויגען פֿערפֿינסטערט. ער וואָלט אַוועקגעגעבען זיין גאַנצען קעניגרייך פֿאַר צולייקאַ; אָבער וואָס ער האָט ניט געטהאָן איהר אויסצוגעפֿינען, איז אַלעס געווען אומזיסט. ווען ער וואָלט כאָטש געוואוסט, אַז זי

איז גליקליך, וואָלט עס איהם געווים פערשאַפט אַ פערלייכטערונג, נאָר זי איז געווען טויט פאַר איהם און דאָך האָט זי שטענדיג גע־לעבט אין זיינע געדאַנקען.

אַלי איז געווען אין אַ מערקווירדיגען צושטאַנד. ער איז שטענ־דיג אַרומגעגאַנגען פערטראַכטערהייט און האָט גע'חלום'ט פון צו־לייקאַ, אָבער ניט מעהר ווי גע'חלום'ט. שטענדיג האָט ער איהר געזעהן פאַר זיך; זי האָט איהם אָנגעקוקט מיט איהרע גרויסע, טרויעריגע אויגען אַזוי ווי אַ פערלאָרענעם קינד. ער האָט געפיהלט, אַז זי איז ניט בייז אויף איהם, נאָר אין איהרע בליקען האָט ער געלייענט די שמערצליכע פראַגע: „אַלי, וואַרום האָסט דו מיך פערלאָזען?" און די שטומע ביטע: „זיי אַ מאַן! וואַך אויף פון דיזען שרעקליכען חלום און בעגרייף שוין דעם ווערטה פון דער בעפרייענדער טהאַט!" איהר ערשיינונג האָט איהם פערפאָלגט ווי אַ שאָטען, ער האָט איהר שטענדיג געזעהן, ביי זיך אין דערהיים, ווען ער איז געווען אַליין; און זאָגאַר אין דעם טומעל פון די רוי־שענדע ימים טובים, וועלכע ער האָט פעראַנשטאַלט. אַך, ווי צו־פריעדען ער וואָלט געווען, ווען ער וואָלט איהר געקענט פערהאַלטען, אָבער ווי באַלד ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנד נאָך איהר, איז זי פערשוואונדען. ער איז אַרומגעגאַנגען ווי אַ וואַהנזיניגער און איינמאָל, ווען ער איז געזעסען צוזאַמען מיט אַ שקלאַפין אין איינעם פון זיינע פראַכטפאָלע צימער, האָט ער פלוצלינג געפיהלט אַ שרעקליכע מורא; דאָס צימער איז איהם געוואָרען צו איינג, ער האָט געוואָלט אַנטלויפען, געוואָלט אויסזוכען די גאַנצע וועלט, אום צו געפינען צולייקאַ'ן. אין דיזען שרעקליכען צושטאַנד האָט ער בעפאָהלען צו רופען יוסוף'ן. ער האָט געוואָלט אויסגיסען זיין האַרץ פאַר איהם און פאָדערען פון איהם ראַטה און הילפע.

יוסוף איז געקומען. אין זיינע קאַלטע, גרויע אויגען האָט נאָך אימער געברענט דערזעלבער דעמאָנישער פייער, און אויף זיינע ליפען האָט געשפיעלט אַ קאַלטער, איראָנישער שמייכעל.

אַלי האָט איהם אָנגעקוקט מיט בייזע, צאָרניגע בליקען און

אָנבאַפּענדיג איהם פֿאַר'ן אַרבעל, האָט ער געשריען מיט אַ הייזער־דיגען קול: „גיב מיר צוליקאַ צוריק! דו הערסט? צולייקאַ וויל איך האָבען, דען זי איז מיין גליק און דער פֿריעדען פֿון מיין נשמה!"

„בין איך אַלמעכטיג?" האָט יוסף געענטפֿערט מיט אַ ביטע־רען, פֿערבטליכען שמייכעל. „קען איך איבערקעהרען בערג און אויסשעפּען דעם ים? איז עס מיין שולד, וואָס דו פֿיהלסט זיך אונגליקליך און עלענד? איך האָב דיר אַרויפֿגעפֿיהרט אויף די העכסטע שטופֿע פֿון לעבען! איך האָב דיר געגעבען מאַכט און גרויסקייט! וואָס מעהר פֿערלאַנגסט דו פֿון מיר? וואַרום פֿערצווייפֿעלסט דו, ווען די זונן שיינט פֿאַר דיר ניט יעדע שטונדע? אפילו דער הימעל אַליין האָט יעדען טאָג אַן אַנדער אויסזעהן — און דו ווילסט אַ שטענדיג גליק!"

„איך וויל צולייקאַ!" האָט אַלי געשריען מיט פֿערצווייפֿלונג. „ווען איך וואָלט איהר געפֿונען, וואָלט איך איהר בעדעקט מיט גאָלד און עדעלשטיינער! איך וואָלט איהר אַוועקגעזעצט לעבען מיר אויף דעם טהראָן פֿון דער וועלט! אָבער איך האָב איהר פֿערלאָ־רען, און דורך דיר, טייוועל!"

„נאַר איינער, דיין פֿערשטאַנד איז קלענער ווי אַ קערענדעל זאַמד!" האָט יוסף קאַלט געענטפֿערט. „נאַר, וואָס דו ביזט, בע־גרייפֿסט דו ניט, אַז די מהאַט איז מעכטיגער ווי אַ פּוסטער חלום? דו מעגסט וויינען און קלאָגען אַזויפֿיעל ווי דו ווילסט, נאָר קיין זאַך וועט דיר ניט העלפֿען! איז עס מיין שולד, ווען דו גיסט וואַ־סער אין אַ פֿאַס אָהן אַ דנאָ? און אויב דו ביזט קליגער פֿון מיר, וואַרום פֿערלאַנגסט דו מיין הילף?"

„הונד איינער!" האָט אַלי אַ געשריי געטהאָן, דו ביזט גע־רעכט, איך בין געוועזן אַ נאַר, ווייל איך האָב געטרונקען פֿון אַ פֿער'סם'טען קוואַל!" און פּלוצלינג האָט ער אַרויסגעצויגען זיין שווערד, אום צו דערשטעכען דעם פֿערפֿיהרער. אָבער יוסף איז געוועזן ווי פֿון אייזען; יעדער שטאָך איז אָבגעשפּרונגען פֿון איהם, ווי פֿון אַ פּאַנצער. און מיט אַ דעמאָנישען געלעכטער האָט ער

געשריען: „נאַר איינער, מיך קען מען ניט טויטען; אָבער ווען איך גיב נאָר אַ הויך פֿון מיר, וועלען צופֿאַלען די פּאַלאַצען פֿון די קעניגע און די טעמפּלען פֿון די געטער! נאָר איין זאַך וועל איך דיר נאָך זאָגען: דו וועסט זיך ווידער זעהן מיט צולייקאַ'ן!" ריי־דענדיג דיזע ווערטער, איז ער פֿערשוואונדען אַזוי ווי אַ שאָטען.

אַלי איז באַלד דערשטיקט געוואָרען פֿון כעס און אויפֿרעגונג. „כאַפּט איהם! כאַפּט איהם!" האָט ער געשריען. „איך וועל איהם צוטרעטען ווי אַ וואָרים! איך בין ניט קיין זאַנפֿט לעמעלע, איך בין אַ ווילדער לייב!" ער האָט זיך געוואָלט אויפֿהויבען פֿון'ם גע־לעגער, נאָר פּלוצלינג האָט ער פֿערלאָרען זיינע קרעפֿטע, און אַלע זיינע האָפֿנונגען זיינען פֿערשוואונדען געוואָרען ווי אַ פּוסטער חלום. זיין קאָפּ האָט איהם געברענט ווי אַ פֿייער, און זיינע גלידער זיינען איהם געווען אַזוי ווי צובראָכען. פֿאַר זיינע אויגען זיינען ענטשטאַ־נען פֿאַנטאַסטישע בילדער. אַלע פֿרויען, וועלכע האָבען געשפּיעלט אַ ראָלע אין זיין לעבען, זיינען איהם ערשינען: די שעהנע מאַראַ מיט אַ פֿערפֿיהרערישען שמייכעל אויף די רויטע, פֿרישע ליפּען, פֿאַ־טימע, פֿאַראַאילדים, מאַיאַ, אַסטאַ, סינאַאידע און הונדערט אַנדערע. צוערשט האָט ער זיי געזעהן ווי דורך אַ גרויען טומאַן, דערנאָך האָבען זיי זיך געכאַפּט פֿאַר די הענד און האָבען געטאַנצט אַרום איהם. זיי האָבען איהם צוגעוואונקען מיט די אויגען און זייער טאַנץ איז געוואָרען אַלץ ווילדער און ליידענשאַפֿטליכער. אַ מוזיק ווי פֿון גיהנם אַרוים האָט געקלונגען אין זיינע אויערען, און יוסף האָט געשלאָגען דעם טאַקט מיט אַ מענשען־ביין. און פּלוצלינג זיינען איהם ערשינען נייע געשטאַלטען און האָבען זיך פֿערמישט מיט די אַנדערע. דאָרט זיינען געזעסען אַמין אַקבאַר און קאַיד מיהראַב און האָבען געשפּיעלט שאַך. גאָביאָ, דער נאַר איז געלעגען אויף דער ערד טויט־שכור און האָט זיך געריבען דעם גראָבען בויך, דערנאָך זיינען ווידער געקו־מען זעלנער מיט פֿאָהנען און לאַנגע שפּיזען מיט בלוטיגע מענשען־קעפּ. קריסטליכע ריטער האָבען פֿערטהיידיגט אַ פֿאָהן מיט אַ גרויסען צלם און גאַנץ אין אַ ווינקעל איז געשטאַנען דער טויט מיט

אַ האַשיש־פּייף. און אַלע האָבען געטאַנצט ווי די וואַהנזיניגע אימער ווילדער און ווילדער — — —

אַלי האָט געקרעכצט ווי אַ פּערוואונדעטער, אָבער דער שרעקליכער חלום האָט ניט נאָכגעלאָזט. פלוצלינג האָט ער דערזעהן זוראַ'ן און צולייקאַ'ן. זיי זיינען געשטאַנען ווייט פון די טענצערס און האָבען געקוקט אויף איהם מיט טרויעריגע בילקען. זיי האָבען אויסגעשטרעקט זייערע הענד, אַזוי ווי זיי וואָלטען איהם געוואָלט בעשיצען, אָבער זיי האָבען ניט געקענט אַראָבנעהמען די שווערע לאַסט פון זיין מיעדער זעעלע.

פלוצלינג זיינען אַרויסגעשפרונגען גרויסע פלאַמען פון דער האַשיש־פּייף, אַ שוואַרצער רויך איז ענטשטאַנען און דאָס גאַנצע שרעקליכע בילד מיט די וואַהנזיניגע טענצערס איז פערשוואונדען אין גלוטה און פייער. נאָר מאַראַ איז נאָך איבערגעבליבען; אָבער די שעהנע טאָכטער פון יוסוף האָט זיך פערוואַנדעלט אין אַן אַלטע, העסליכע מכשפה. איהר קערפּער איז געווען פערוועלקט און איהר פּנים בעדעקט מיט טיעפע קנייטשען. זי האָט זיך פערנייגט פאַר איהם און האָט איהם אָנגעבאָטען די האַשיש־פּייף

אַלי האָט אַרויסגעלאָזט אַ מורא'דיגען געשריי. עס האָט זיך איהם אויסגעדוכט, אַז ער ווערט דערשטיקט, און ער האָט אַזוי געוואָלט טרינקען ווי אַ פערשמאַכטעטער וואַנדערער אין דער וויסטע.

„וואַסער!" האָט ער געשריען. „העלפט מיר! וואַסער! וואַסער!" און פלוצלינג האָט ער ערוואַכט. —

אַלי האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און האָט זיך אַרומגעקוקט ווי אַ צומישטער. זיין שטערען איז געווען בעדעקט מיט שוויים און דאָס בלוט האָט געקאָכט אין זיינע אָדערען. ער האָט בשום אופן ניט געוואוסט, וואו ער געפינט זיך אייגענטליך. ס'איז געווען אַן

איינזאַמער, צופּאַלענער רוים, און דער אָרעמער געלעגער, אויף וועלכע ער איז געלעגען, איז געווען אַלט און פּערשימעלט. ער האָט זיך אויסגעריבען די אויגען. וואָס קען דאָס זיין? אפשר איז עס גאָר אַ חלום? ער האָט אָנגעטאַפּט זיין קאָפּ מיטביידע הענד — ניין, עס איז ניט קיין טרוים, ער איז פאָלשטענדיג וואַך געווען. ביסלעכווייז האָט ער אָנגעהויבען זיך צו דערמאָנען. איז דאָס ניט דיזעלבע געצעלט, אין וועלכע יוסף האָט איהם אַריינגעפּיהרט מיט אַ לאַנגע, לאַנגע צייט צוריק, באַלד ווי זיין פאָטער איז ערמאָרדעט געוואָרען? קיין צווייפעל ניט, עס איז דיזעלבע געצעלט, נאָר איצט איז זי געווען אַלט און איינגעפאַלען, און די ווענד איהרע זיינען בעדעקט געווען מיט שטויב און שימעל. איבעראַל שמוץ און פּויל־קייט. זיינע וואָפען זיינען געלעגען אויף דער ערד—געל און פּעראָסט. און לעבען דעם אָרעמען געלעגער האָט ער דערזעהן די שטיקלאַך פון אַ צובראָכענער האַשיש־פּייף... אָבער ווי אַזוי איז דאָס מעג־ליך? האָט ער געטראַכט. ער האָט אָנגעפאַנגען צווייפלען, אַז ער איז ביים זינען, און טראָץ דעם וואָס אַלע גליעדער זיינען איהם געווען אַזוי ווי צובראָכען, האָט ער דאָך פּערזוכט זיך אויפצוהויבען פון דער ערד. זיינע אויגען האָבען דערזעהען אַ שטיק פון אַן אַל־טען, צובראָכענעם שפּיעגעל. ער האָט אַריינגעקוקט. אָבער די האָר האָבען זיך איהם געשטעלט קאַפּויר, ווען ער האָט דערזעהן זיין בילד. אַ ווילדער אויסגעשריי האָט זיך אַרויסגעריסען פון זיינע בלאַסע ליפּען.

„בין איך דאָס?"

אין שפּיגעל האָט ער דערזעהן אַ מידען, צובראָכענעם מאַן. זיינע האָר זיינען געווען גרוי און אויף זיין שטערען האָבען זיך בע־וויזען טיעפּע קנייטשען. זיין גאַנץ פּנים איז געווען איינגעפאַלען, זיינע אויגען מיעד און טרויעריג, און די ליפּען בלאַס און פּערטרי־קענט — מיט איין וואָרט, דאָס בילד וואָס ער האָט דערזעהן, האָט אויסגעזעהן אַזוי ווי אַ סקעלעט.

ער האָט אַ שליידער געטהאָן דעם שפּיגעל אין דער ערד און

מיט אַ פֿערצווייפֿעלטער שטימע האָט ער געשריען: „דאָס איז אַ כשוף! מען וויל מיר אָבנאַרען! איך בין אַ מעכטיגער קעניג און ניט קיין אָרעמער בעטלער! גיכער, גיכער! איך וויל געהן צוריק אין מיין פּאַלאַץ! וואו זיינען מיינע מיניסטאָרען, מיינע זעלנער, מיינע שקלאַפֿען? גיכער, גיכער שוין! גאָט מיינער, וואָס טהוט זיך מיט מיר? וויל זיך קיינער גאָר ניט דערבאַרמען איבער מיר? צולייקאַ! צולייקאַ!"

און פּלוצלינג איז געשעהן אַ נייער נס. דער פֿאָרהאַנג פֿון דעם געצעלט האָט זיך אויפֿגעעפֿענט און צולייקאַ איז אַריינגעקומען. אַלי'ן האָט זיך אויסגעוויזען, ווי ער וואָלט ענדליך אויפֿגעוואַכט פֿון אַ לאַנגען, שווערען חלום. זיין גייסט איז געווען פֿערפֿינסטערט, נאָר צולייקאַ האָט איהם ווידער געבראַכט דאָס שטראַהלענדע ליכט פֿון דער זונן, אַזוי ווי אַ מלאך פֿון הימעל איז זי געקומען צו איהם.

„צולייקאַ! צולייקאַ!" האָט ער גערופֿען מיט ציטערענדע ליפּען, לאַכענדיג און וויינענדיג אין דערזעלבער צייט.

„אַלי, מיין טהייערער!" האָט זי געענטפֿערט און אין איהר שטימע האָט געקלונגען אַ טיעפֿער, בעהאַלטענער שמערץ. אָבער פֿאַר אַלי איז דיזע שטימע געווען אַ הימלישע מוזיק, אַזוי זים און אַנגענעהם ווי דער געזאַנג פֿון אַ נאַכטיגאַל. און זיי האָבען זיך ביידע אַרומגענומען, ווי צוויי פֿערלאָרענע, וואָס האָבען זיך ענדליך ווידער געפֿונען.

זי האָט איהם אויסגעבעט זיין אָרעמען געלעגער און האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבען איהם. זיי האָבען זיך אַריינגעקוקט אין די אויגען איינע די אַנדערע, נאָר די ליפּען האָבען ניט געפֿונען קיין ווערטער, אום אויסצודריקען זייער גליקזעליגקייט. צולייקאַ'ס האַרץ איז פֿערבלוטיגט געוואָרען, קוקענדיג אויף די אָרעמע, צובראָכענע געשטאַלט פֿון איהר געליעבטען, נאָר זי האָט בעהאַלטען איהר שמערץ ביי זיך אין האַרצען. און יעדעס וואָרט, וואָס זי האָט גערעדט צו איהם, איז געווען אַ מילדער באַלזאַם פֿאַר זיין אָרעמע, קראַנקע נשמה.

אַך, ווי שעהן זי איז געווען! אַלי האָט איהר בעוואונדערט און ניט אַראָבגענומען קיין אויג פֿון איהר געטליכער ערשיינונג.

„אָ צולייקאַ! דו ווייסט ניט, ווי איך האָב דיך געזוכט איבע-ראַל! מיינע גערדאַנקען זיינען שטענדיג געווען ביי דיר, און מיין הייליגע ליעבע איז קיינמאָל ניט אָבגעשוואַכט געוואָרען!" האָט ער געזאָגט מיט אַ שטילען, פֿריעדליכען שמייכעל.

זי האָט אַ טיעפֿען זיפֿץ געטהאָן און האָט איהם אָנגעקוקט אַזוי טרויעריג און אַזוי גוט, ווען זי האָט איהם געענטפֿערט: „אַך, דו האָסט מיך בלויז געזוכט מיט דיינע געדאַנקען, אָבער ניט אין דער ווירקליכקייט! אַנשטאָט צו האַנדלען, האָסט דו גע'חלום'ט, דו גוטער!"

„פֿערגעס ניט, וואָס איך האָב אויפֿגעטהאָן די גאַנצע צייט!" האָט ער געזאָגט, און זיין בליק איז געוואָרען ערענסטער און שטאָלצער: „אָ צולייקאַ, איך האָב פֿיעל אויפֿגעטהאָן, זעהר פֿיעל— אַ גאַנצע וועלט האָב איך בעזיעגט!"

און ער האָט אָנגעהויבען איהר צו דערצעהלען אַלעס, וואָס ער האָט איבערגעלעבט זייט יענער נאַכט, ווען דער עמיר רוסטאַן האָט אַוועקגערויבט פֿון איהם די געליעבטע. צולעצט האָט ער איהר פֿערזיכערט, אַז ער איז אַ מעכטיגער קעניג פֿון פֿיעלע מיליאָנען אונטערטהאַנען, נאָר ער קען ניט פֿערשטעהן, ווי אַזוי ער איז אַריינגעקומען אין דיזע שמוציגע, אַלטע געצעלט.

צולייקאַ האָט איהם אָנגעקוקט מיט איהרע גרויסע, טרויעריגע אויגען: „דו ביזט אַ קינד, אַלי, אַן אונגליקליך און פֿערפֿיהרט קינד. דו ביזט קראַנק, זעהר קראַנק, און אויב דו ווילסט ווידער געזונד ווערען, מוזט דו אויסהערען דעם גאַנצען אמת וועגען דיין צו-שטאַנד, ווי שווער עס זאָל דיר ניט אָנקומען. אפשר וועלען דיר מיינע ווערטער ניט געפֿעלען ווערען, אָבער איך מוז דיר אַלעס זאָגען, וואָס עס ליגט מיר אויף'ן האַרצען. איך וויל דיר ניט קריינקען, דו אָרעמסטער, נאָר איך וויל דיך בעפֿרייען פֿון פֿאַלשע פֿאָרשטעלונגען, כדי דו זאָלסט ווידער בעקומען צוריק די קראַפֿט פֿון

דיין יוגענד. איך וועל דיר אַראָבנעהמען דעם שלייער פֿון דיינע אויגען, אום דו זאָלסט ניט מעהר פֿערבייטען די פֿאָרשטעלונגען פֿון דיין פֿאַנטאַזיע מיט דער ווירקליכקייט פֿון לעבען. מען האָט דיך פֿערפֿיהרט, מיין געליעבטער, דיין קראַפֿט איז געבראָכען, דיין ווילען פֿערניכטעט, דיין קערפּער איז אַלט און שוואַך און דיין גייסט איז פֿערפֿינסטערט געוואָרען. אָנשטאָט צו קעמפּפֿען האָסט דו פֿערבראַכט דיין לעבען אין אַ חלום, און אַזוי ביזט דו צו גרונד געגאַנגען. נאָר איך וועל דיר ניט פֿערלאָזען; איך בין געקומען דיך אויפֿצוּוואַוועקען, אום דו זאָלסט אָנהויבען צו לעבען פֿון דאָס ניי."

איהר שטימע איז געווען אַזוי איינדרוקספֿאָל, אַזוי ערענסט, אַז זי האָט געווירקט אויף אַלי'ס גייסט ווי די ווערטער פֿון אַ נביא. ער האָט איהר אָנגעקוקט מיט אָפֿענע אויגען און זיך שטיל געבעטען ביי איהר: „זאָג מיר אַלעס, צולייקאַ, די גאַנצע וואַהרהייט! איך וויים, אַז דו ווערסט מיר ניט דערצעהלען קיין ליגענס. דיינע ווערטער ווירקען אויף מיין האַרץ ווי אַ באַלזאַם."

„אַלעס וואָס דו האָסט מיר דערצעהלט," האָט זי פֿאָרטגעזעצט איהרע רייד, „איז ניט מעהר ווי אַ פוסטער חלום, אַן איינבילדונג פֿון דיין קראַנקער פֿאַנטאַזיע. דיינע העלדענטהאַטען עקזיסטירען נור אין דיינע געדאַנקען און פֿאָרשטעלונגען. דו האָסט געטרונקען פֿון דער האַשיש-פּייף, און דאָס גיפֿט האָט דיר בעטויבט דיין מוח. דו ביזט ניט קיין העלד, דו ביזט ניט קיין קעניג, נאָר אַן אָרעמער, פֿערלאָזענער, קראַנקער מאַן."

„שווייג שטיל, צולייקאַ!" האָט דער אונגליקליכער אַ געשריי געטהאָן. „עס איז אונמעגליך! אַזוי קלאָר און לעבעדיג קען אַ מענש ניט חלום'ען!"

„און עס איז פֿאָרט געווען אַ חלום, מיין טהייערער," האָט זי טרויעריג געענטפֿערט. „זייט יענער שרעקליכער נאַכט, ווען דו האָסט מיך פֿערלאָרען, איז דיין לעבען געווען אַ חלום! דו האָסט קיין זאַך ניט געטהאָן; דו האָסט דיך געלאָזט פֿערפֿיהרען פֿון אַ פֿרוי, און דער געגנום האָט אָבגעשוואַכט דיין גייסט. דו האָסט

פֿער׳חלום׳ט דיינע יאָהרען, און איצט ביזט דו קראַנק און צובראָכען. זעה נאָר אַליין — דאָרט ליגען די שאַרבען פֿון דער צובראָכענער האַשיש־פֿייף. דאַמאָלסט ווען דו האָסט דעם ערשטען מאָל איינגעזויגען אין זיך דעם גיפֿט פֿון האַשיש, ביזט דו אַריינגעפֿאַלען אין דעם זומפּ פֿון לעבען, דו ווען עס איז בעשערט געווען צו וואוינען אויף די בערג.״

„יוסף׳ס טאָכטער, מאַראַ, די פֿערשאָלטענע, האָט מיך פֿערפֿיהרט!״ האָט אַלי אויסגעשריען, פֿערשטעלענדיג דעם פנים מיטביידע הענד.

„יאָ פֿערשאָלטען זאָלען זיי ביידע זיין!״ האָט צולייקאַ געשריען מיט פֿלאַקערענדע אויגען. „זיי זיינען די פֿערפֿיהרער, די שולדיגע! דיין האַרץ איז געווען גוט, נאָר דיין ווילען איז געווען צו שוואַך. דיין נשמה איז געווען מוטהיג, עהרליך און אויפֿריכטיג, אָבער אין דיר האָט געלעבט אַ טהייל פֿון יענער שוואַכקייט, וועלכע איז שטענדיג געווען די מוטער פֿון זינדיגקייט!״

„אַ חלום, אַ האַשיש־טרוים!״ האָט אַלי אויסגעשריען מיט טרערען אין די אויגען.

„יאָ, אַ חלום, אַ גלענצענדער חלום, אָבער פֿאָרט ניט מעהר ווי אַ חלום,״ האָט צולייקאַ געענטפֿערט.

„ס׳איז געווען אַ העסליכער טרוים,״ האָט אַלי שטיל געמורמעלט, „נאָר גלויב מיר, צולייקאַ, מאַנכעסמאָל איז ער געווען שעהן, וואונדערבאַר שעהן. איך בין צופֿריעדען, וואָס איך האָב זיך ענדליך אויפֿגעכאַפּט פֿון שלאָף, און שעהנער פֿון אַלעם איז דאָס, וואָס, דו מיין טהייערע, ביזט איצט ביי מיר!״

זי האָט איהם געקושט, און ער האָט געטרונקען דעם האָניג פֿון איהרע זיסע ליפּען ווי אַ פֿערשמאכטער.

דערנאָך האָט זי איהם געמוזט דערצעהלען, ווי עס איז איהר געגאַנגען די גאַנצע צייט, וואָס זיי האָבען זיך ניט געזעהן. און זי האָט איהם דערצעהלט אַלעס, וואָס עס האָט מיט איהר געטראָפֿען אָהן זיך אָבצושטעלען, און אַלי האָט זיך צוגעהערט מיט דער גרעסטער אויפֿמערקזאַמקייט.

XIV.

שלום.

„אין יענער שרעקליכער נאַכט, ווען דער עמיר רוסטאַן האָט מיך אַרויסגעריסען פֿון דיינע אָרעמס, האָב איך שוין מעהר ניט געהאַט קיין שום האָפֿנונג. דער געדאַנק אין דער שאַנדע, וואָס איך האָב געהאַט צו ערוואַרטען, האָט מיר באַלד פֿון זינען געבראַכט. דער עמיר האָט מיך אַוועקגעשלעפּט אויף איינע פֿון זיינע פֿעסטע שלעסער. מיין האַרץ איז געווען צוריסען, און אַ שווידער איז מיר אַריבער איבער'ן גאַנצען קערפּער, ווען איך האָב זיך דערמאָהנט אין די ווילדע ברוטאַליטעט פֿון דעם פֿערהאַסטען מאַן, אין וועמענס הענד עס איז געלעגען מיין לעבען. נאָר איך בין זעהר איבעראַשט געוואָרען צו זעהן, אַז זיין גאַנצער בענעהמען צו מיר איז געווען גאַנץ אַנדערש, ווי איך האָב ערוואַרטעט. ער האָט מיר אויסדריקליך פֿערזיכערט, אַז ער וועט מיר קיין שלעכטס ניט טהאָן. נאָר אין דערזעלבער צייט האָט ער מיר אָנגעבאָטען זיין ליעבע, און האָט זיך געבעטען ביי מיר, איך זאָל ווערען זיין פֿרוי. אַזוי זיינען אַריבער עטליכע טעג. איך האָב געקלערט טאָג און נאַכט, וואָס איך קען טהאָן, אום זיך אַרויסצובאַפֿען פֿון דער געפֿאַנגענשאַפֿט, און צולעצט האָב איך מיר אָבגעמאַכט מיין בעשלוס.

„אַז ער איז ווידער געקומען נאָך אַן ענטפֿער צו מיר, האָב איך איהם געזאָגט, אַז איך האָב זיך בעשלאָסען אָנצונעהמען זיין פֿאָרשלאַג. ער האָט זיך אַזוי דערפֿרעהט מיט מיין ענטפֿער, אַז ער איז באַלד משוגע געוואָרען פֿון שמחה. מען האָט אויף גיך געמאַכט אַלע פֿאָרבערייטונגען צו דער חתונה. ס'איז געווען אַ גרויסער יום

טוב. דער עמיר האָט איינגעלאַדען זיינע אַלע פריינד, און דער וויין איז געפלאָסען טייכענווייז. אַלע האָבען גע'שכור'ט אויף וואָס די וועלט שטעהט, און דער עמיר גופא האָט זיך אויפגעפיהרט ווי אַ ווילדער. ווען ער האָט מיך ענדליך אַריינגעפיהרט אין דאָס שלאָף־צימער, האָט ער קוים געקענט שטעהן אויף די פיס. צוויי שקלאַ־פינען האָבען מיך אויסגעטהאָן, און ער איז שוין געלעגען אויף דעם געלעגער און האָט מיך ערוואַרטעט. דאָס בלוט איז מיר פערפראָ־רען געוואָרען אין די אָדערן פון שרעק און עקעל; איך האָב געגלויבט, אַז איך וועל שטאַרבען פון שאַנדע. אָבער איך האָב זיך דערמאָהנט, אַז מיין לעבען איז אָבהייענגיג פון עטליכע סעקונדען, און דער דאָזיגער געדאַנק האָט מיר געגעבען אַ מורא'דיגע ענערגיע. ער אָדער איך, האָב איך געזאָגט צו זיך אַליין. לעבען דעם געלע־גער איז געלעגען דעם עמיר'ס שווערד. רוסטאַן'ס אויגען זיינען שוין האַלב געווען פערמאַכט. שנעל ווי אַ בליץ האָב איך געכאַפּט דעם שווערד, און מיט אַ פערצווייפעלטער קראַפט האָב איך איהם דעם קאַלטען שטאָהל אַריינגעשטאָכען אין דער ברוסט. ער האָט זיך אָנגעכאַפּט מיט איין האַנד אין דעם פאָרהאַנג פון בעט און טהוענדיג אַ לעצטען קרעכץ, האָט ער זיך אויסגעצויגען.

„ציטערנדיג פון אויפרעגונג האָב איך צוריק אָנגעטהאָן מיינע קליידער, און מיט שטילע, האַסטיגע טריט האָב איך פערלאָזען דעם שרעקליכען אָרט, וואו איך האָב פערבראַכט די שוידערליכסטע מאָמענטען פון מיין לעבען. אַלע אין הויז זיינען געווען טויט־שכור, און קיינער האָט מיך ניט בעמערקט. דעם אַנדערן טאָג האָב איך זיך בעגעגענט מיט עטליכע אַראַבער, וועלכע האָבען מיך מיטגע־נומען צו זיך אין דאָרף. דאָרטען בין איך געווען זיכער פון אַלע פערפאָלגונגען, ווייל דער עלטסטער פון דעם שטאַם איז געווען אַ גוטער פריינד פון מיין פאָטער. איך האָב זיך געוואָלט אָברוהען פאַר עטליכע טעג און נאָכדעם צוריקגעהן צו מיין פאָטער; אָבער מיינע נייע פריינד האָבען מיר אָבגעראָטהען דערפון, דערפאַר וואָס דעם עמיר'ס אָנהייגער האָבען מיך איבעראַל געזוכט. איך האָב

אָבגעוואַרט אויף אַ בעסערע געלעגענהייט ; אָבער מיט איינגע וואָכען שפּעטער האָב איך פּלוצלינג בעקומען די מורא'דיגע נאַכ־ריכט, אַז קאַיד מיהראַב, מיין אַלטער, גוטער פּאָטער איז גע־שטאָרבען. זייט יענער שרעקליכער נאַכט, ווען ער האָט אַלעס פערלאָרען, וואָס עס איז פאַר איהם געווען ליעב און טהייער, האָט ער מעהר ניט געהאַט קיין רוהיגע שטונדע, און דער טויט האָט איהם באַלד פערמאַכט אויף אייביג די גוטע אויגען.

„איצט בין איך געווען גאַנץ אַליין אין דער וועלט. מיין האַרץ האָט געבלוטעט פון טויזענד וואונדען ; אָבער איך האָב פערשטאַנען, אַז איך דאַרף זוכען אַ נייען צוועק אין לעבען, אַז דער מורא'דיגער שמערץ קען נור געמילדערט ווערען דורך ענערגישע טהאַטען און האַנדלונגען. אין יענער צייט האָט זיך אָנגעהויבען די מלחמה מיט אונזערע בלוט־שונאים, די שפּאַניער. דער געדאַנק צו קעמפּפען געגען די גרויזאַמע צושטערער פון דער אַראַבישער קולטור אין איירא‌פּאַ האָט בעגייסטערט מיין האַרץ, און צוזאַמען מיט מיינע ברידער בין איך געגאַנגען אין דער מלחמה, אום צו קעמפּפען פאַר די מוטער ערד, פאַר דאָס רעכט און די פרייהייט פון מיין פאָלק.

„ווען די מלחמה האָט זיך געענדיגט, האָב איך זיך געטראָפען מיט דיינע שטאַם-ברידער, די קאַבילען, און פון זיי האָב איך זיך דערוואוסט, אַז דו ביזט ניט טויט. אַך, מיין אַלי, דיינע ברידער רעספּעקטירען דיך ניט מעהר. זיי קוקען אויף דיר ווי אויף אַ פער־לאָרענעם. דיין פאָטער האָבען זיי בעגראָבען, און דו, וועמען עס איז בעשטימט געווען צו פערנעהמען זיין פּלאַץ, האָסט פערשפּיעלט דיין קראַפט, דיין יוגענד, דיין היים פאַר אַ האַשיש־טרוים.

„דאָס, וואָס עס האָט זיך דיר גע'חלום'ט, האָב איך אויסגע־פיהרט אין דער ווירקליכקייט. נאָר איצט בין איך ווידער ביי דיר, אום דיך מיטצונעהמען מיט מיר. ניין, דו ביזט נאָך ניט פערלאָרען, דו ביזט ניט קיין אויסגעשטויסענער ! איך וועל זיין מיט דיר, איך, צולייקאַ, דיין ווייב !"

פֿון אַלי'ס אויגען האָבען זיך אַרויסגעקייקעלט הייסע טרערען. ער האָט געפֿיהלט אַזוי לייכט און גוט אויף'ן האַרצען ווי קיינמאָל בעפֿאָר. דער לאַנגער, שווערער חלום פֿון נויט און טויט, פֿון שמערץ און פֿערצווייפֿלונג האָט זיך געענדיגט, און דער וועג פֿון זיין לעבען איז געוואָרען ווידער ליכטיג און קלאָר.

ער האָט שטום געדריקט צולייקאַ'ס האַנד, און זיינע בלאַסע ליפּען האָבען שטיל געמורמעלט: „דו האָסט מיך ניט בלויז גע־טרייסט, נאָר דו האָסט מיך ניי בעלעבט, צולייקאַ. יאָ, איך פֿיהל, אַז אַלעס וועט ווידער גוט ווערען. דער ליגען, וואָס האָט פֿערפֿינ־סטערט מיינע געדאַנקען, איז בעזיעגט געוואָרען, און קיין שוואַכקייט זאָל ניט מעהר האָבען קיין מאַכט איבער מיר. אַך, ווי גליקליך איך בין; איך פֿיהל זיך אַזוי ווי ניי געבאָרען. און דאָס אַלעס האָב איך דיר צו פֿערדאַנקען, דיר, מיין ווייב! אָבער בין איך דיר דען ווערטה? דו ביזט אַ העלדין און איך אַ פֿייגער, נידעריגער ליידיגגעהער, אַ טויגעניכטס, אַ שוועכלינג!"

„אַ מענש, וואָס אָנערקענט זיין שולד און האָט חרטה אויף זיינע זינד, איז ניט קיין פֿערלאָרענער," האָט צולייקאַ געענטפֿערט מיט אַ מילדען שמייכעל. „אַ שטאַרקער ווילען קען איבערקעהרען וועלטען. אפילו אין גיהנום איז נאָך דאָ אַ וועג צוריק צום גן עדן פֿאַר דעם אמת'ן בעל־תשובה."

„מיין שולד איז צו גרויס, און איך בין בלויז אַן אָרעמער, זינדיגער מענש," האָט אַלי טרויעריג געזיפֿצט.

„מיר אַלע זיינען שולדיג און זינדיגע מענשען," האָט צולייקאַ געענטפֿערט מיט אַ פֿעסטער שטימע. „אין יעדען איינציגען פֿון אונז לעבט עפּעס, וואָס ער דאַרף ניט. וואַרום? דאָס ווייסען מיר ניט און מיר וועלען עס קיינמאָל ניט ווינסען, ווייל אונז מענשען וועט זיך קיינמאָל ניט איינגעבען, אויפֿצוהויבען דעם דונקעלען שלייער פֿון דעם געהיימנים פֿון'ם לעבען. אויך איך בין שולדיג, אַלי, און איך וועל דיר זאָגען פֿאַר וואָס."

און איצט האָט זי איהם דערצעהלט פֿון די געהיימניספֿולע

קוועלען פֿון וואַד־על־קעביר, אין וועלכע זי האָט זיך געבאָדען, אום צו בלייבען אייביג יונג און שעהן. „איך האָב זיך געלאָזט פֿערפֿיהרען פֿון מיין עגאָאיזם," האָט זי געזאָגט; „אָבער עס איז געווען אַ פֿערברעכען געגען דער נאַטור. פֿון יענע קוועלען איז אַרויסגעקומען אונזער ביידענס אונגליק. ווען איך וואָלט ניט געפֿאָלגט דעם יצר הרע, וואָלט מיך דער עמיר רוסטאַן ניט געזעהן, און מיר וואָלטען ביידע געלעבט גליקליך און צופֿרידען. דערפֿאַר נעהם איך אויף זיך דעם גרעסטען טהייל פֿון אונזער ביידענס שולד, און איך בעפֿריי דיך אין נאָמען פֿון דער ליעבע."

„דו גרויסע, דו שטאַרקע, דו איינציגע!" האָט אַלי געענטפֿערט; אָבער זי האָט איהם שנעל פֿערמאַכט די ליפּען מיט אַ הייסען, איניגען קוש.

„קום שוין, דו גוטער, לאָמיר שוין פֿערלאָזען דעם פֿערשאָלטענעם אָרט," האָט זי געזאָגט מיט אַ פֿריינדליכען שמייכעל.

אַלי האָט זיך אויפֿגעהויבען פֿון דער ערד מיט איהר אַוועקצוגעהן.

אָבער אין דעם מאָמענט האָט זיך געהערט אַ מורא'דיגער קראַך. פֿאַר איהם איז געשטאַנען יוסף מיט אַ ווילדען לייב און האָט איהם פֿערשטעלט דעם וועג. איצט האָט ער זיך אַרויסגעציינגט אין זיין אמת'ער געשטאַלט, אַלס דער טריאומפֿירענדער הערשער איבער אַלעס, וואָס לעבט אויף דער וועלט, אַלס דער בעוואַפֿענטער טויט.

„קום אַהער צו מיר!" האָט ער געשריען, און זיין שטימע איז געווען אַזוי שרעקליך, ווי זי וואָלט אַרויסגעקומען פֿון גיהנום. „צו מיר בעלאַנגסט דו, וויל דו האָסט געזוינדיגט פֿון דער האַשישפֿייף! האָסט דו ניט בעמערקט, אַז די פֿייף, וואָס מאַראַ האָט דיר דערלאַנגט, איז געווען אַ מענשליכער שאַרבען? דיין צייט איז צו ענדע. זעה נור, איך שטעל אַרויף מיין פֿוס אויף דיר, און פֿון דיר ווערט אַש!"

יוסוף האָט בעריהרט דעם פּערציטערטען, און ער איז אַוועק־געפּאַלען.

צולייקאַ האָט איהם אַרומגענומען מיט איהרע שטאַרקע אָרעמס און האָט בעדעקט זיינע בלאַסע ליפּען מיט איהרע לעצטע, הייסע קושען. ער האָט עס נאָך דערפּיהלט, אַ זעליגער שמייכעל האָט זיך בעוויזען אויף זיינע ליפּען — נאָך אַ לעצטער זיפֿץ און אַלי איז געווען טויט.

„אויסגעליטען," האָט צולייקאַ שטיל געמורמעלט. „שלאָף זיס, מיין טהייערער, איצט האָבען די שדים קיין שליטה מעהר צו דיר!"

צולייקאַ האָט זיך צוריקגעצויגען פון דער וועלט; אָבער זי האָט אימער געפונען עפּעס צו טהאָן. זי, וואָס האָט אַליין קיין קינדער ניט געהאַט, האָט געפונען פיעלע קינדער: די אָרעמע, די קראַנקע, די הילפלאָזע — אַט דאָס זיינען געווען איהרע קינדער. — — — — — — — — — — — — — — — —